STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10908

# MIZREH UN MAYREV

V. Vevyorke

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין ערשטע בוך צו [illegible]
אלס אנדענקען פון
[illegible]
וו. וועוויארקע
פאריז

1936

## וו. וועוויארקע

גע‌זאַמלטע שריפטן

ערשטער באַנד

# מזרח און מערב

[illegible]ישע ביבליאטעק
און פרעס ארכיוו

אַרויסגעגעבן פון
וו. וועוויאַרקע יובילײ־קאָמיטעט
פּאַריז 1936.

מיין פרוי און פריינט — גיטעלע

מיט דאנקבארקייט געווידמעט.

דער מחבר

Copyright by W. Wewiorka
160, rue de Bagnolet, Paris (20e).

# צווישן צוויי וועלטן

## 1.

גאָלדמאַן האָט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף, זיך ברייט צעגעניצט און אַרויסגעוואָרפן בשעת-מעשה אַ האָריקע האַנט, מיט בולטע אָדערן, ווי אָנגעצויגענע שטריק, פון אונטער דער קאָלדרע. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל נעבן בעט און דערזעענדיק אַז עס איז שוין אַרום ניין, האָט אים אַרומגענומען אַ שרעק-לעכער כעס אויף איר, אויף זשאָרזשעטן, וואָס איז אויפגעשטאַנען אַזוי שטיל, אַז ער זאָל נישט הערן, אַוועקגעגאַנגען צו דער אַרבעט און אים האָט זי געלאָזט שלאָפן.

זיין כעס צעוואַקסט זיך, ער ווערט אַלץ שטאַרקער, ברענענדיקער. ער ווייסט, גאָלדמאַן, אַז עס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי ווייבערישע טאַקטיק, דאָס וואָס זי איז אין דער לעצטער צייט אַזוי איבערגעטריבן צערטלעך צו אים, וואָס זי בעט זיך ביי אים יעדן טאָג, ער זאָל היינט נישט אַרבעטן, ער זאָל זיך אַביסל אויסרוען און זי אַליין אַרבעט יעדן טאָג איבער־שעהן: זי זעט אַז עס איז אים אין דער לעצטער צייט שטאַרק דערעסן געוואָרן דאָס זיין מיט איר — ווייל זי אים אַזויאַרום איינגעמען.

גאָלדמאַן נעמט פון טישל נעבן בעט אַ ציגאַרעט און פאַררויכערט זי, ער פאַרמאַכט די אויגן און פאַרטיפט זיך אין געדאַנקען, געבנדיק פון צייט צו צייט אַ שטאַרקן צי פון ציגאַרעט.

און טראַכטן טראַכט גאָלדמאַן אַלץ וועגן דעם, אַז אָט די זשאָרזשעט וויל זיך צו אים צוקלעפן, אַז זי נעמט זיך צו פאַרשפּרייטן אַרום אים אַ נעץ, פון וועלכער ער וועט זיך נישט קענען אַרויסדרייען, אַז הגם זי האָט אים אויסדריקלעך געזאָגט ווען זיי זענען זיך צוזאַמענגעגאַנגען, אַז ווען ער וועט נאָר וועלן, וועט ער קענען פון איר אַוועקגיין, ער איז צו איר

נישט צוגעבונדן; און כאָטש זי זאָגט עס אים אפילו איצט כמעט יעדן טאָג — האָט זי אָבער גאָרנישט בדעה אים צו באַפרייען.

אָט, למשל, האָט זי אים פּאָר אַ קורצער צייט צוריק דערציילט עפּעס אַ זאַך... און אַז ער האָט איר געזאָגט, זי זאָל טוען דאָסזעלבע וואָס אַלע פרויען טוען... אַז ביי אַזאַ לאַגע, אונטער אַזוינע אומשטענדן, טאָר מען זיך נישט דערלויבן קיין קינדער צו האָבן — האָט זי זיך יאָמערלעך צע־וויינט, געפאַלן אים אויפן האַלז, געקושט און געוויינט, געוויינט און ווי־דער געקושט.

— כ׳וועל — זאָגט זי — גאָרנישט פאַרלאַנגען פון דיר, נאָר הייס מיך נישט ד אָ ס טוען. כ׳וועל אַליין אַרבעטן און דאָס קינד אויסהאַלטן, קענסט פון מיר שוין אָוועקגיין, אויב דו ווילסט, אויב דו האָסט מיך נישט ליב, אויב איך בין דיר איבעריק, נאָר פאַרלאַנג נישט דאָס פון מיר, נאָר לאָז מיך האָבן אַ קינד פון דיר.

און ווידער געקושט, און ווידער געוויינט,און ווידער געוויינט און ווידער געקושט.

גאָלדמאַנס פּנים פאַרקרומט זיך אין אַ ווייניקדיקע גרימאַסע בעת ער טראַכט וועגן דעם. קיינן אַלעם קען ער ווידערשטיין, אין קיין שום סיטואַציע פאַרלירט ער זיך נישט, נאָר קיינן ווייבערישע צערטלעכקייטן, ווייבערישע טרערן, איז ער מאַכטלאָז; ווען יענע וואַרפט זיך אים אויפן האַלז, באַנעצט אים מיט הייסע זודיקע טרערן און זייגט פון אים אַרויס דאָס בלוט מיט אירע קושן און ער שפירט ווי דאָס האַרץ וואַרפט זיך ביי איר, צאַפּלט, צאַפּלט אַזוי שטאַרק, אַז אָט־אָט שפּרינגט עס אַרויס און וואַרפט זיך אים פאַר די פיס: „נאַ, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, טרעט מיך אויב דו ווילסט, כ׳געהער אינגאַנצן דיר" — קיינן דעם קען ער שוין נישט ביישטיין.

נעמט זי גאָלדמאַן אַזוי צערטלעך אַרום, גלעט זי איבערן קאָפּ און זאָגט איר אַז זי זאָל מאַכן וואָס זי וויל, זי זאָל טוען ווי זי פאַרשטייט. אָבער ער ווערט אומעטיק, ער גייט אַרום מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, וואָרים ער שפירט ווי ווייט זיין ציל איז פון אים און אויף וויפיל ער האָט זיך פון אים אַצינד אָפּגערוקט.

זעט זשאַרזשעט אַז איר מאַרים איז אַזוי טרויעריק, ער עסט נישט ער שלאָפט נישט, ער קרעכצט גאַנצע נעכט אויפן געלעגער, ווייסט זי

שוין כלומרשט וואָס דאָס באַטייט: די אַרבעט איז אים צו שווער, און זי בעט זיך טאַקע ביי אים, ער זאָל זיך עטלעכע וואָכן אָפּרוען, וואָרים ער זעט אַזוי שלעכט אויס. צעשרייט זיך גאָלדמאַן, זי זאָל נישט אַזויפיל זאָרגן פאַר אים, וואָרים ער פאַרשטייט זיך אויף די קונצן און אין איין וועג דערמאַנט ער זי טאַקע, צי זי געדענקט אַז ער איז צו איר נישט צוגעבונדן, אַז זיי האָבן אויסגערעדט, דאָס יעדער איינער פון זיי ביידע איז פריי צו יעדער צייט אָוועקצוגיין. וואַרפט זיך אים זשאַרזשעט ווידער אויפן האַלז און זאָגט אים, אַז אויב ער ליידט צוליב איר, זאָל ער פון איר שוין אַוועק־גיין. און ווידער פילט גאָלדמאַן דאָס ציטערן פון איר האַרץ און עס נעמט אים אַרום אַ גרויס רחמנות אויף איר.

קלערט ער טאַקע אַצינד: וואָס טוט מען? וויאַזוי ווערט מען פון איר פּטור?

איינגנטלעך איז עס דאָך פּשוט און איינפאַך: ער פּאַקט זיך איין זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס מיט זאַכן און — ער גייט זיך אַוועק. וויל ער, זאָגט ער איר גאָרנישט פריער, וועט ער פאַרשפּאָרן אומאָנגענעמע סצענעס, און אויב ער וויל, קען ער זיך מיט איר נאָך גאַנץ פיין געזעגענען. וואָס איז? האָט ער דען מיט איר נישט אויסגערעדט פריער, האָט ער איר דען נישט געזאָגט, אַז חתונה האָבן וועט ער מיט איר קיינמאָל נישט? און חוצדעם — וואָס איז זי די ערשטע ביי אים? און ווי אַזוי האָט ער געמאַכט מיט סוזאַן, וואָס ער איז געווען מיט איר דריי יאָר צוזאַמען; צי מיט רענע — מיט וועמען ער האָט געלעבט צוויי יאָר, און מיט טערעז, און מיט מיגעט? נו, האָבן זיי געהאַט טענות צו אים? ווי האַרציק האָט זיך יעדע פון זיי געזעגנט מיט אים. באַזונדערס די קליינע, אַכצניעריקע מיגעט, מיט וועמען ער איז געווען צוזאַמען אַ האַלב יאָר.

מיט פאַרמאַכטע אויגן דערמאָנט זיך גאָלדמאַן דאָס געזעגענען מיט דער קליינער מיגעט און אַ ברייטער שמייכל צעגיסט זיך אים איבערן גאַנצן פּנים. אַי, האָט די קליינע אים ליב געהאַט!... זי האָט זיך געבעטן ביי אים נאָר איין זאַך: ער זאָל זיך מיט איר צוזאַמען פאָטאָגראַפירן, זי וויל האָבן אַן אָנדענק פון אים. ער האָט עס איר נישט געקענט אָפּזאָגן, האָט ער איר צוליב געטון. אָבער אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי ער איז מיט איר אַרויס־געגאַנגען פון פאָטאָגראַף, איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען, באַצאָלט פאַר

די פאָטאָגראַפיעס, געהייסן זיך אין די אויגן צעברעכן די קלישע, און איר האָט ער געהייסן זאָגן אַז ס'איז קאַליע געוואָרן.

ער וויל נישט אַז פון אָט דעם היינטיקן, דערווייליקן לעבן זיינעם זאָל בלייבן אַ וועלכער ס'איז אָנדענקען, נישט ביי אים און נישט ביי אַן אַנדערן. קיין שום שפּור טאָר דערפון נישט בלייבן. צו דער צייט ווען ער וועט אָנהייבן צו לעבן זיין אמתדיק לעבן, מוז זיין איצטיק דערווייליק לעבן אינגאַנצן אָפּגעמעקט זיין.

קען ער דאָך אויך מיט איר, מיט זשאָרזשעטן, זיך אַזוי פאַנאַנדער־גיין. בפרט נאָך אַז זי זאָגט שטענדיק, אַז זי האָט צו אים גאָרנישט. דאָך פילט גאָלדמאַן, אַז דאָס איז אַ האַרטע נוס... ער מאָלט זיך אויס, ווי יענע וועט זיך אים וואַרפן אויפן האַלז און ארייַנוויינען אין אים איר גאַנצן צער, ווי זי וועט זיך בעטן ביי אים ער זאָל איר דערלויבן כאָטש צו זעען אים פון דערווייטנס; זי וועט אים צוזאָגן אַז זי וועט נישט צוגיין צו אים, זי וועט אים נישט באַגריסן אפילו, נאָר פונדערווייטנס וועט זי קוקן אויף זיין ליכטיק געשטאַלט און זעטיקן און קילן איר האַרץ...

און ער ווייסט, אַז ס'וועט אים אַרומנעמען אַזאַ גרויס רחמנות אויף איר; ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וויאַזוי ער וועט קענען זי איבער־לאָזן מיט פאַרוויינטע, געשוואָלענע אויגן און אַרויסגיין מיט די צוויי טשעמאָדאַנעס פון שטוב.

בלייבט אים נאָר איבער אַוועקצוגיין אַן אַ „זייַ־געזונט". ער וועט זיך גאָרנישט וויסנדיק מאַכן און ווען זי וועט נישט דאָ זיין, וועט ער זיך פאַר־פּאַקן זיינע זאַכן, זיך נעמען דאָס פּעקעלע בריוו פון זיין מאַמען, די בריוו וואָס האָבן כמעט אַלע איין אינהאַלט: „ליב קינד, ווען וועל איך שוין האָבן פון דיר אַביסל נחת, אַ באַלוינונג פאַר די צרות וואָס כ'האָב געהאַט פון דיר"... אָט דאָס פּעקעלע בריוו, וואָס ליגט ביי אים פאַרפּאַקט צוזאַמען מיט די תפילין, וועלכע ער לופטערט איבער פון צייט צו צייט, זיי זאָלן נישט פאַרשימלט ווערן פון נישט באַנוצן — וועט ער זיך נעמען און ער וועט אַוועקגיין. ער קען עס טאַקע שוין אַצינד טוען. ער טוט זיך אָן, פאַרפּאַקט זיך און — אַוועק!

אָבער — צו אַלדע טייוול! — ער שפּירט עפּעס אַז ער וועט נישט קענען ביישטיין דעם נסיון אַוועקצוגיין פון איר נישט געזעגנטערהייט און מער זיך נישט זעען מיט איר; ער ווייס אַז ער וועט וועלן וויסן וואָס מיט

איר איז; ער וועט זיין נייגעריק צו וויסן, צי פילט זי זיך טאַקע אַזוי עלנט און אומגליקלעך אָן אים...

און אפשר...

ס'קען טאַקע זיין אַז ער וועט אויך בענקען נאָך איר. ווייזט אויס, אַז אַ פּאָר טראָפּן פון דעם ליבע-סם האָבן אַריינגעטריפט פון איר האַרץ אין זיינעם אַריין... ווייזט אויס, אַז איר שטאַרקע טריישאַפט און איבערגע-געבנקייט צו אים, איר צוגעבונדנקייט צו אים, האָבן ביי אים אַרויסגערופן אַ טייל פון קעגנזייטיקייט.

גאָלדמאַן גיט אַ שטאַרקן צי פון דעם ציגאַרעט, עפנט אויף אַ וויל די אויגן און פאַרמאַכט זיי צוריק, פאַרטיפנדיק זיך ווידער אין געדאַנקען:

הייסט עס, אַז ער וועט זיך שוין פון איר, פון אָט דער זשאַרזשעט נישט אַרויסרייסן? הייסט עס, אַז די אַכט יאָר וואָס ער איז אין פּאַריז, אַכט יאָר פון צרות און נויט און שווערע אַרבעט, אַכט יאָר אָפּגעריסנ-קייט פון יעדער געזעלשאַפט, דערווייטערטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט פון דער וועלט — אַז אָט די אַכט יאָר זענען נישט, ווי ער האָט געהאָפט, קיין באַזונדערער, אָפּגעזונדערטער און אַרויסגעריסענער רינג פון די איבעריקע יאָרן זיינע, נאָר טאַקע אַ טייל פון זיי; אַכט שווערע און טריבע יאָרן, וואָס זענען אָן אָנהייב פון אַ שווער און טריב לעבן...

און די אַלע שיינע און העלע בילדער, וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט אים געמאָלן אין פאַרלויף פון די אַכט יאָר? בילדער וועגן דעם נחת וואָס זיינע עלטערן — איבערהויפּט די מאַמע — וועלן האָבן פון אים, ווען ער וועט זיך דערשלאָגן צו אַ תכלית, ווערן אַ מענטש און צוריק אַהיים פאָרן; בילדער וועלכע ער האָט אויסגעטרוימט ביי דער שווערער אַרבעט — הייסט עס, אַז אָט די בילדער וועלן איינציקווייז צערינען ווערן ווי אַ חלום?

## 2.

גאָלדמאַן פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַרעט, פאַרמאַכט צוריק זיינע אויגן און לאָזט שוועבן פאַרביי זיין זכרון בילדער פון די אָפּגעלאָפענע יאָרן זיינע.

אָט שוועבט אַרויס ווי פונם נעפּל אַ בילד:

דער טאַטע שטייט איבער אים און שלאָגט אים מיט אַ שטיוול

איבערן קאָפּ און ער צעהוסט זיך, דער טאַטע, אַז עס פּאַרפּעלט אים אָזש אָטעם און אַזוי הוסטנדיק קרעכצט ער אונטער:

— קכע... קכע... וואָס האָט זיך דער יונג פּאַרלייגט אויף מיין לע־בן. אוי וויי, ער וועט דאָך מיך ברענגען יונגערהייט אין דער ערד אַריין, קכע.. קכע...

צוליבן שטאַרקן הוסט רוט זיך דער טאַטע אָפּ אויף אַ ווײַלע און נעמט זיך באַלד מיט נאָך אַ האַסטיקערן אימפּעט צו הייבן דעם שטיוול איבער זיין קאָפּ, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ...

...די מאַמע שטייט דערלעבן, ברעכט זיך די הענט און וויינט:

— ווי איז מיר, ער וועט דאָך מיר דעם יונג אוועקהרגענען...

דער נעפּל צערינט און דאָס בילד ווערט וואָס ווייטער אַלץ בולטער, לעבעדיקער.

אַלע קינדער אין שטוב, די ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך, שטייען אַרום, וויינען און שרייען און דער טאַטע טוט זיך זיינס: לייגט מיטן שטיוול איבערן קאָפּ, סאַפּעט, אָטעמט שווער, הוסט און קרעכצט צו:

— צוליב דעם יונג וועל איך קייען די ערד. קכע, קכע...

איין שוועסטערל לויפט צו און וויל ביים טאַטן אָנכאַפּן דעם שטיוול. אָבער איידער זי באַוויזט עס צו טוען כאַפּט זי אַ זעץ מיטן אָפּצאַס אין אויג אַריין. דאָס קינד לאָזט אַרויס אַ יאָמערלעכן קוויטש און די מאַמע נאָך אַ יאָמערלעכערן. אַלע קינדער הייבן אָן צו וויינען און צו שרייען און דער טאַטע הייבט אָן נאָך שנעלער און האַסטיקער צו לייגן מיטן שטיוול איבערן קאָפּ. ער סאַפּעט, סאָפּעט שווער, הייבט אַרויף און אַראָפּ דעם שטיוול און ער, דער „יונג", שווייגט עקשנותדיק אונטערן מבול פון די קלעפּ, וואָס שיטן זיך אויף זיין קאָפּ. פּלוצלינג דערשפּירט ער אַ שאַרפן שניידנדיקן ווייטאָג, פייער פליט אים פאַר די אויגן און ער לאָזט אַרויס אַ שרעקלעכן געשריי אָנכאַפּנדיק זיך מיטביידע הענט פאַר די אויגן און אונטערשפּרינגנדיק ווי אַ פאַרוואונדעטער הונט. די שטוב ווערט פול מיט קולות און געוויינען פון דער מאַמען מיט די קינדער...

שפּעטער שטייט די מאַמע איבער אים, לייגט אים צו נאַסע האַנטיכער צום אויג וואָס איז אַרומגעבעט מיט געשווילעכץ און זי זאָגט אַ וויינענדיקע:

— נו, האָסטו עס געדאַרפט? דאַרף אַ קינד אַזוי פאַרביטערן די עלטערן דאָס לעבן?

מיט אָט דער לעצטער פראַגע דער מאַמעס, בעת זי שטייט איבער אים אַ פאַרוויינטע און לייגט אים צו נאַסע האַנטיכער צום אויג, ווערט דאָס בילד איבערגעריסן, דער זכרון ווערט צוריק פאַרנעפּלט און אַזוי אַ פאַרהילטע אינם נעפּל שטייט זי, די מאַמע, דאָ אַצינד נעבן זיין בעט און זי מאָנט נאָך אַלץ אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע.

און אַ שטאַרקע ברענענדיקע חרטה, וואָס פילט אים אַצינד אויס אינגאַנצן, פאַרקרומט זיין פּנים אין אַ ווייטיקדיקע גרימאַסע.

אַצינד טרעטן שוין די בילדער אויף אָפּגעריסענע, צופּיצלטע אָן אַ צוזאַמענהאַנג. ער זעט סצענעס אין שטוב, ווי דער טאַטע האָט געהוסט און אים געשלאָגן און די מאַמע האָט אים אָפּגעבעטן ביים טאַטן און געוויינט; ער דערמאָנט זיך ווי דער טאַטע פלעגט נישט איינמאָל זאָגן, אַז דורך דעם יונג וועט ער אַוועק וואו די אויגן וועלן אים טראָגן, וואָרים ער קען נישט איבערטראָגן די חרפּות, דאָ קומט מען אים דערציילן אַז מען האָט געזען זיין תכשיט רויכערן אום שבת, דאָ האָט מען אים געזען עסן חזיר ביי אַ גוי — וואו ער קומט הערט ער נאָר רעדן פון זיין תכשיט. און דער טאַטע צעהוסט זיך און פאַרקייכט זיך.

.3

אייגנטלעך איז שוין די גאַנצע צייט וואָס ער איז אין פּאַריז, גאָלד־מאַנס איינציקער ווונטש, צו פאַרגיטיקן די עלטערן פאַר די צרות און חרפּות וואָס ער האָט זיי פאַרשאַפט. ווי נאָר ער איז געקומען אין אָט דער ווייטער שטאָט און דערפילט זיך אַן אָפּגעריסענער און אַ דערוויי־טערטער פון זיין היים; ווי נאָר ער האָט דערפילט די פרעמדקייט און אָפּגעפרעמדקייט פון דעם נייעם אַרום, האָט אים אַרומגענומען אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט צו דער היים, אַ ליבשאַפט צו זיינע עלטערן, צו דער מאַמען, וועמען ער האָט אויך אין דערהיים ליב געהאַט און אפילו צום טאַטן, וועמען ער האָט אינדערהיים אַזוי געהאַסט; ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ ליבשאַפט און אַ בענקשאַפט צו זיין שטעטל, וואָס איז אים אַזוי נמאס געווען, צו די אַלע היימישע יידן, וואָס ער האָט זיי אַלע אַזוי פיינט געהאַט.

און אָט די בענקשאַפט איז אין אים איבערגעגאַנגען אין אַ חרטה־

געפיל; ער האָט זיך געפילט שולדיק קייגן קראַנקן טאַטן, וואָס ער האָט אים פאַרשאַפט אַזויפיל צער און חרפּות, עס האָט אים וויי געטון פאַרוואָס ער האָט מיט זיין אויפפירונג אַריינגעבראַכט אַזאַ דערווייטערטקייט און פיינטשאַפט צווישן אים מיט זיינע נאָענטע, צו וועמען עס ציט אים אַזוי.

גאָלדמאַן האָט זיך דעמאָלט געפילט זייער שולדיק. אַביסל בארואיקט האָט ער זיך ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט פאַר פּסח אַהייַנגעשריבן צו די עלטערן, אַז ער האָט זיך אָנגעדונגען אויף פּסח צו זייער פרומע יידן, וואו ער איז זיכער אַז ער וועט האָבן אַ כשרן פּסח. דערביי האָט ער זיי באַלד טאַקע צו וויסן געגעבן, אַז ער רעכנט נישט צו בלייבן אין דער פרעמד, ער וויל זיך נאָר דערשלאָגן צו אַביסל געלט און צוריק אַהיימפאָרן. ער וויל טוען אַ שידוך פון דערהיים און אויף די ייִנגלשע „נאַרישקייטן" האָט ער גרויס חרטה...

נאָך אַט דעם בריוו איז גאָלדמאַנען אַביסל לייכטער געוואָרן און ער האָט טאַקע גענומען טראַכטן נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי מען קומט צו אַביסל געלט און מען פאָרט אַהיים. און די פאַנטאַזיע איז געווען אַזוי זייער מילד צו אים, זי האָט אים געמאָלן בילדער איינס שענער פון אַנדערן. אָט אַרבעט ער נאָר אָפּ אַ שטיקל צייט, ער וועט לעבן זייער קאַרג, אָפּשפּאָרן אַביסל געלט, דאַן וואַרפט ער אַוועק די אַרבעט, ער נעמט זיך צום האַנדל, אין אַ יאָר צייט האָט ער אַ סך געלט און דאַן — —

נישט איינמאָל איז גאָלדמאַן געלעגן אויף זיין געלעגער אַ הונגערי-קער און געטראַכט וועגן די מתּנות, וואָס ער וועט ברענגען פאַר דער מאַמען, פאַרן טאַטן, פאַר יעדן קינד באַזונדער; ווי אַלע אין שטעטל וועלן קומען אָנזאָגן: „גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט" — ווער וועט דאָס דעמאָלט געדענקען אַז ער איז געווען דער גרעסטער וואווילער יונג פון שטעטל. מען וועט אים קומען אָנשלאָגן די שענסטע שידוכים, און ער וועט זאָגן, אַז אויף געלט קוקט ער נשט, געלט האָט ער אַליין. דער עיקר איז אַז דאָס מיידל זאָל זיין אַ לייטיש קינד און פון אַ פיינער משפּחה.

אויב די פאַנטאַזיע איז געווען צו גאָלדמאַנען אַזוי מילד, איז אָבער דיווירקלעכקייט געווען צו אים הארט ווי קיזלשטיין. שוין אַכט יאָר ווי ער איז אין פּאַריז, ער האָט שוין געליטן נויט און קעלט. נישט איינמאָל שוין האָט ער נישט געהאַט וואָס צו נעמען אין מויל אַריין, נאָך אַ טאָג

פאַסטן, נישט איין נאַכט שוין האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גרויסע פּאַריזער בולוואַרן, נישט האָבנדיק וואו צו שלאָפן און צום ערשטן ביסל געלט, וואָס איז אים נייטיק אָנצוהייבן צו האַנדלען, קען ער אַלץ נישט קומען.

דאַכט זיך, וואָס קען שוין זיין באַשיידענער ווי ער לעבט? ער עסט אין די ביליקסטע רעסטאָראַנען, ער גייט נישט אין ערגיץ, וואו מען קען אויסגעבן געלט און ער לעבט בכלל אָפּגעזונדערט פון יעדער געזעלשאַפט. אָט די אָפּגעזונדערטקייט זיינע האָט צוויי סיבות: ערשטנס, אַז מען האָט חברים, גייט אַוועק געלט; צווייטנס — און דאָס איז די הויפּטזאַך — ווייל ער טאַקע אַז מענטשן זאָלן אים הײנט וואָס ווייניקער קענען, וואָרים הײנט לעבט ער נאָר אויף דערווייל, אין פאָרבאַרייטונג צו זיין לעבן, וואָס עקזיס-טירט נאָך דערווייל ביי אים אין טרוים און אַלץ וואָס ער טוט, איז מיט דעם ציל, צו קענען זיין חלום פאַרווירקלעכן. אָט, למשל: ער וואוינט כמעט שטענדיק מיט אַ פראַנצויזיש מיידל. ער האָט זיך גאַנץ גוט באַרעכנט און דער חשבון איז אַרויסגעקומען אַ קלאָרער: אי עס לוינט אים, אי ער דאַרף עס האָבן... ווי נאָר אָבער ער זעט אַז דאָס מיידל ווערט שוין עפּעס צו נאָענט מיט אים, אַז זי האָט שוין בדעה זיך צו באַטראַכטן ווי זיין ווייב, צעגייט ער זיך מיט איר. און טאַקע דערפאַר ווייל ער נישט האָבן אויך קיין חברים, קיין באַקאַנטע — זאָל נישט אַמאָל אימיצער אים קענען זאָגן: „דו האָסט געוואוינט אין פּאַריז מיט אַ שיקסע“...

אָט אַזוי לעבט גאָלדמאַן שוין אַכט יאָר אין פּאַריז, אין צרות אין דחקות און אין אַ נויט און דאָך איז ער נאָך קיינמאָל פון מוט נישט אַראָפּגעפאַלן. זיין אידעאַל, זיין אויסגעטרוימטע צוקונפט, שטייט אים שטענדיק אַזוי קלאָר פאַר די אויגן, אַז ער קען אַריבערקוקן איבער די היינטיקע טרויעריקע ווירקלעכקייט, ער איז זיכער אַז — נישט הײנט איז מאָרגן — ער וועט זיך צו אַ תכלית דערשלאָגן און דאַן, אָ דאַן! וועט שוין אויפהערן פאַר אים אָט דאָסדאָזיקע אָפּגעריסענע לעבן, דאָס לעבן אין אַ פרעמדער וועלט, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פון אַ לאַנדסמאַן, יענער זאָל נישט וויסן וואו ער וואוינט, וויאַזוי ער לעבט און פון וואָס ער לעבט. דעמאָלט וועט ער שוין נישט דאַרפן דער מאַמען נאַרן, ווי ער טוט עס איצט אין יעדן בריוו צו איר, וואו ער דערציילט איר, אַז ער וואוינט ביי אַ שיינער יידישער משפּחה, אַז יענע האָבן אַ טאָכטער און זיי ווילן אים דורכוים

האָבן פּאַר אַן אײדעם, נאָר ער אײַלט זיך נישט, ער האָט צײַט. אָ, ער וועט שוין דאָס אַלץ נישט דאַרפֿן, ער וועט צוריק אַרוים אויף דער וועלט פֿון זײַן באַהעלטעניש, פֿאַרדעקן יעדן שפּור פֿון אָט דער נעסט זײַנער, איבעררײַסן יעדע פֿאַרבינדונג מיט אָט דעם ביזאַיצטיקן טרויעריקן ד ע ר ו ו י י ל — ער וועט ווידער אויפֿטויכן אויף דער אויבערפֿלאַך פֿונם לעבן. דעמאָלט וועט שוין דער טאַטע נישט זיפֿצן און קרעכצן: „דורך דעם ייִנג וועל איך קײַען די ערד“, און די מאַמע וועט שוין נישט וויינען און פֿרעגן: „דאַרף אַ קינד אַזעלכע צרות אָנטוען זײַנע עלטערן?“ און די שיינע באַלעבאַטישע מענטשן פֿון שטעטל וועלן שוין נישט קוקן אויף אים מיט אַזאַ פֿאַראַכטונג, ווי זיי פֿלעגן אויף אים קוקן... ער זעט שוין זיך אַליין ווי איינעם פֿון אָט די שיינע, בכבודיקע מענטשן. עס געפֿעלט אים אַצינד זייער זײַן שטעטל, עס געפֿעלט אים מיט אַלץ מיטאַנאַנדער, מיטן גאַנצן אַרט לעבן דאָרט. דאָרט פֿילט מען זיך היימיש און גוט, דאָ איז מען אַ פֿאַרלוירענער, אַ פֿאַרוואָרפֿענער און אַ פֿאַרפֿרעמדטער.

אָט אַזוי האָט גאָלדמאַן געפֿילט די גאַנצע אַכט יאָר, וואָס ער געפֿינט זיך אין פּאַריז און לעבט אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען. און פּונקט ווי אַ פֿרומער ייִד האָפֿט (אָדער: זאָגט אַז ער האָפֿט) אויף משיחן, אַז ער וועט קומען יעדן טאָג, כאָטש ער פֿאַרזאַמט זיך, אַזוי האָט גאָלדמאַן געהאָפֿט אויף זײַן אויסגעטרוימטע צוקונפֿט, כאָטש זי איז אַזוי ווײַט פֿון דער ווירקלעכקייט. און אָט די שטאַרקע האָפֿנונג זײַנע האָט אים טאַקע לײַכט געמאַכט די שווערע ווירקלעכקייט זײַנע און זי האָט אים דערטרעגלעך געמאַכט זײַן איינזאַמקייט.

נאָר אין די לעצטע טעג האָט עפּעס אַ צווייפֿל אָנגעהויבן נאָגן זײַן האַרץ, ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו טראַכטן: ווער ווייס צי וועט ער אַמאָל קומען דערצו, זײַן אידעאַל צו פֿאַרווירקלעכן? צי וועט ער קענען פֿאַרגיטיקן זײַנע עלטערן, פֿאַר די צרות וואָס ער האָט זיי פֿאַרשאַפֿט אין די נאַרישע ייִנגלשע יאָרן? צי וועט ער זיך קענען אַרויסרײַסן פֿון זײַן פֿאַרפֿרעמדקייט און אויסגעוואָרצלטקייט, און בכלל, צי וועט ער זיך פֿון זײַן אומזיכערער לאַגע אַמאָל קענען באַפֿרײַען?

וואָס איז די סיבה, וואָס די שטאַרקע האָפֿנונג איז בײַ גאָלדמאַנען מיט איין מאָל אַזוי שוואַך געוואָרן? זאָל עס זײַן דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אין די לעצטע טעג באַקומען אַ זייער טרויעריקן בריוו פֿון דער מאַמען.

א בריוו אין וועלכן די מוטער שרייבט אים אז דער טאטע איז זייער קראנק. די דאקטוירים זאגן אז ער מוז אומבאדינגט פארן אין די בעדער אריין, נאר קיין געלט איז נישטא. און זי גיט נאך צו, אז אלע אין שטעטל, וואס האבן קינדער אין דער פרעמד, באקומען געלט, נאר זי אליין איז אן אומגליקלעכע און א פארשעמטע — זאל דאס זיין דער גרונט וואס גאלד-מאן איז אזוי טריעריק געווארן און ער איז געווארן אביסל אפגעקילט פון זיין גלויבן? אדער זאל עס זיין דאס, וואס ער זעט אז זיין זשארזשעט רוקט זיך שוין אין די הויכע חדשים אריין, זי האט נישט געוואלט הערן און געדענקען וועגן אננעמען מיטלען קייגן איר מוטערשאפט און צו אים איז זי אזוי צערטלעך, זי איז אזוי צוגעקלעפט צו אים, האט אים אזוי ליב, אז ער פילט, ער וועט נישט האבן גענוג מוט פון איר אוועקצוגיין.

אדער אפשר איז עס דערפאר, ווייל ער פילט זיך גוט מיט איר, זי איז אים די איינציקע טרייסט אין זיין איינזאמקייט — און אט די צוגעבונדקייט זיינע צו איר האט עס אריינגעבראכט דעם צווייפל אין זיין הארץ אריין?

עס איז מסתמא דאס אלץ צוזאמענגענומען, וואס האט אראפגענומען דעם פאנטאסטישן שלייער פון זיינע אויגן און פאר אים אוועקגעשטעלט די טרויעריקעווירקלעכקייט א נאקעטע ווי זי איז. דאס האט אים געמאכט טרויעריק, זייער טרויעריק.

## .4

גאלדמאן איז האסטיק אראפ פון בעט. זיך אנגעטון שנעל, גלייך ער וואלט זיך דא געאיילט צו עפעס. אבער אז ער איז געשטאנען שוין אן אנגעטוענער איז ער געבליבן אפהענטיק. נישט אנגעהויבן צו וויסן, וואס אייגנטלעך אזוינס דארף ער איצטער טוען. אט די אפהענטיקייט זיינע האט אים אליין שטארק פארחידושט, ווארים ער האט געדענקט אז סיי בעתן האסטיקן אראפשפרינגען פון בעט, סיי בעתן אימפעטיקן אנטוען זיך, האט ער געוואוסט קלאר וואס ער גייט דא טוען, ער האט געאיילט צום אויספירן עפעס א פעסטן באשלוס, נאר ער האט אט דעם באשלוס זיינעם פארגעסן און פאר קיין פאל קען ער זיך נישט דערמאנען, וואס ער האט געוואלט טוען.

שטייענדיק אזוי אין מיטן דער שטוב און נישט וויסנדיק וואס ער

האָט צו טוען, באַמערקט גאָלדמאַן ווי פון אונטערן בעט סטאַרטשעט אַרויס אַ שפּיץ פון אַ טשעמאָדאַן, אַן אָפּגעשיילטער און אַ פאַרשטויבטער. עס גיט ביי אים אַ בליץ-אויף אין מוח. ער בייגט זיך אַראָפּ, רוקט-אָפּער דעם טשעמאָדאַן, עפנט אים און נעמט אַרויס עטלעכע אַלטע, צעריסענע העמדער, געל געוואָרענע פון לאַנגן ליגן. ער באַטראַכט זיי אַ ווײַלע מיט ליבשאַפט און לייגט זיי באַלד צוריק אַריין, מיט דער דעה צו פאַרמאַכן דעם טשעמאָדאַן וואָס שנעלער. אָבער זיין אויג פאַלט אויף אַ תפילין-זעקל, אַ סאַמעטנס מיט אַן אויסגעהאַפּטענעם מגן-דוד, מיט זיין נאָמען: משה גאָלדמאַן, און דאָס יאָר ווען ער האָט אָנגעהויבן תפילין צו לייגן. ער נעמט עס אַרויס, וויקלט אויף דעם לאַנגן געפלאָכטענעם זיידענעם שנור, נעמט אַרויס דעם „של-ראש", אויף וועלכן דער „שין" איז היבש באַלייגט מיט שטויב און די רציעות זענען צונויפגעוואַקסן און באַדעקט מיט שימל.

ער וויקלט אויף די רציעות, ווישט זיי אָרום, שטויבט זיי אָפּ און וויל אַרויפזעצן דעם „של-ראש" אויפן קאָפּ אַרויף, ער וויל זעען אויף טשיקאַוועס, צי ווייס ער נאָך, ווי אַזוי מען לייגט תפילין. באַלד אָבער דערמאָנט ער זיך מיט שרעק אַז ער שטייט מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, אַן אומגעוואַשענער, אַ טמאנער און ער לייגט די תפילין צוריק אַוועק.

מיט אַ מאָדנע האַסטיקייט, אין דער גרעסטער איילעניש האָט ער זיך גענומען פאַרפּאַקן זיינע זאַכן. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט דעצי-דירטקייט און פעסטע אַנטשלאָסנקייט.

אין געציילטע מינוטן איז גאָלדמאַן שוין אַן אָנגעטוענער, מיט צוויי טשעמאָדאַנעס אין ביידע הענט, אַרויס פון שטוב. דער איינציקער שפּור וואָס איז פון אים געבליבן, איז געווען אַ טוכלע ריח פון שימל און פייכט-קייט, וואָס זיינע איבערגעלופּטערטע תפילין האָבן פאַרשפּרייט איבער דער שטוב און אַ קאָנווערט פון דער מאַמעס לעצטן בריוו, וועלכן זשאַר-זשעט האָט צוגעדריקט צו דער ברוסט און היים געקושט, ווען זי איז אַהיימגעקומען און געזען אַז איר מאָרים האָט זי פאַרלאָזט.

## .5

אַז גאָלדמאַן איז אַראָפּ אין גאַס אַריין מיט די צוויי טשעמאָדאַנעס אין ביידע הענט, האָט ער זיך דערפילט ווי אַ יונג, אומדערפאַרן קינד

וואָס לאָזט זיך אַרויס אַליין אין דער גרויסער און פרעמדער וועלט אַריין. ער איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין און פאַרטראַכט זיך: וואוהין גייט מען? נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער זיך געלאָזט גיין צום „פּלעצל", די ייִדישע געגנט וואָס ער האָט שטענדיק אַזוי געווייכט.

ס'איז גראָד געווען אַ שבתדיקער פאַרמיטאָג און גאָלדמאַן האָט, אָנקו-מענדיק אויפן „פּלעצל" געזען גיין ייִדן מיט שיינע צעקעמטע בערד, נאָך וועלכע ס'זענען נאָכגעגאַנגען קליינע ייִנגלעך און געטראָגן זיי די טליתים, ווייבער אין שוואַרצע זײַדענע קליידער, מיט שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ, באַהאָנגענע מיט צירונג. און קלייטן פאַרמאַכטע האָט ער געזען. גאָלד-מאַן האָט זיך עפּעס פאַרשעמט מיט זײַן וואָכעדיקייט, מיט זײַנע צווײ טשעמאָדאַנעס. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט גע-וואָלט אַנטרונען ווערן מיט זײַן וואָכעדיקייט, פון אָט דער שבתדיקער גאַס. און ער האָט זיך טאַקע ענדלעך אַרײַנגערוקט אין אַ קאַפע, וואָס ער האָט געזען נישט ווײַט.

אין קאַפע האָט גאָלדמאַן געטראָפן אַ טומל און אַ האַרמידער. יונגען האָבן געשפּילט אין קאָרטן, אין דאָמינע, געגעסן געזאַלצענע בייגל, גע-טרונקען קאַווע, גערויכערט ציגאַרעטן און געזאָגט גראָבע וויצן. גאָלדמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין אַ ווינקל, זיך געהייסן דערלאַנגען אַ קאַווע. טרינקנדיק די קאַווע האָט ער זיך פאַרזונקען אין געדאַנקען.

דאָס ערשטע מאָל, זינט די גאַנצע אַכט יאָר וואָס ער איז אין דער פרעמד, פילט גאָלדמאַן אַזוי שאַרף דעם שבת. אין זײַן זכרון שווימען אויף שבתדיקע בילדער לאַנג פאַרגעסענע...

ס'איז אַ שבת אינדערפרי. די מאַמע שטייט ביים וועש-שענקל און טיילט אַלעמען אויס וועש. דער טאַטע זיצט אין פאָדערשטן חדר, טרינקט שבתדיקע קאַווע פון אַן ערדענע באַניע אַרויס און איז מעביר די סדרה. דער ניגון פון טאַטנס מעביר זײַן די סדרה רייסט זיך אַריין אינם נישט שטאַרקן שלאָף און מאַכט אים דעם שלאָף זיסער.

דאָס בילד ווערט איבערגעריסן און עס טרעט אויף אַן אַנדערס:

אַ ווינטערדיקער פרײַטיק צונאַכטס. מען האָט שוין אָפּגעדאַוונט און דער עולם איז זיך צעגאַנגען אַהיים. געבליבן זענען די שאַרפערע, וואָס אײַלן זיך נישט אַזוי צו דער פרעס. די געבליבענע שמועסן דערווײַל אַביסל נײַעס, פּאָליטיק. ס'ווערן דערציילט מעשׂות פון צדיקים, גוטע ייִדן און אַז

עס קומט אַרויף אויף יידישן בטחון, דערציילט משהלע קדוש אַ מעשה ווי אַזוי ר' חיים וויטאַל האָט אָפּגעראַטעוועט יידן פון אַ שווערער גזרה. ער דערמאָנט זיך ווי אַלע אַרום האָרכן זיך איין שוויַיגנדיקע און משהלע קדוש צעשפּרייט די הענט, ווי אַ גאַנז די פליגל, ווען ס'פאַרגלוסט זיך איר פלוצלינג אַ פלי צו טוען:

...און ר' חיים וויטאַל האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ וואָלקן האַרט צו זיינע פיס. האָט זיך ר' חיים וויטאַל אויפגעזעצט אויפן וואָלקן און געפלויגן קיין צפת...

אָט דאָס דאָזיקע קליינע יידעלע, וואָס פלעגט זיך אַזוי צעשאָקלען ביים דאַווענען אַז עס האָט אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן צוקוקנדיק דאָס; אָט דאָס יידעלע, וואָס ער האָט אינדערהיים אַזוי אָפּגעלאַכט פון אים, וואַקסט אַצינד אויס אין זיינע אויגן צו אַ שיינע און הערלעכע געשטאַלט. אויך אַלע אַנדערע יידן פון שטעטל ווערן אַצינד אויפגעלעבט אין זיין זכרון און זיי קומען אַרויס ביי אים ווי ריזיקע דעמבעס, וואָס וואַקסן אויף אַ זוניק אָרט און מיט זייערע צווייגן באַשאָטענען זיי און קילן דעם גאַנצן אַרום... און זיין טאַטע, דער קראַנקער, דער הוסטנדיקער, שטעלט זיך אים אַצינד פאָר ווי ער שטייט פרייטיק-צו-נאַכטס אין די צעריסענע, צעפליקטע אַטלעסענע קאַפּאָטע און ער זאָגט „שיר-השירים" מיט אַזאַ זיסקייט, מיט אַזאַ התלהבות און זיינע אויגן צעפלאַקערן זיך, און זיין פּנים צעשיינט זיך — נישט דאָסזעלבע קראַנקע, צעבראָכענע מענטשעלע.

אָט די אַלע בילדער, די אַרויסגערופענע פון זיין זכרון באַשיינען, וואַרעמען און באַלייכטן זיין גאַנצע אינערלעכקייט. ער זעט אַצינד אַלץ אין דערהיים אַזוי רואיק, אַזוי שטיל, אַזוי זיס און אַזוי הייליק. נאָר זיך זעט ער ווי אַ צושטערער פון דעם אַלעם. זיין וואַך-געוואָרענער זכרון פּרוּווט אפילו אַרויסרופן פאַר אים אויך בילדער פון דחקות און נויט אינ־דערהיים, אויך די בילדער זענען באַגלייט פון קולות, קללות און געוויין פון דער מאַמען, אָבער באַלויכטן און דערוואַרעמט פון זיין איצטיקן גע-מיט-צושטאַנד, ווערן יענע בילדער באַלד צערונען... ער געדענקט איצט גאַנץ קלאָר און זיכער, אַז די אָרעמקייט האָט דעם טאַטן נישט אַזויפיל גע־טוען, ווי דאָס וואָס ער, דער „תכשיט" — ווי דער טאַטע האָט אים גערופן — האָט אים שטענדיק פאַרביטערט די יאָרן, אָנגעטוען אים חרפּות און בושות. און עס טוט אים ווידעראַמאָל אַזוי האַרציק באַנג אויף דעם, וואָ-

רים ער געדענקט אַז עס איז געווען נאָך יונגוואַרג אין שטעטל און קיינער האָט דעם טאַטן נישט אָנגעטוען אַזויפיל צרות ווי ער; אַנדערע, טאָמער האָבן זיי אַמאָל געטוען עפּעס אָן עברהלע, האָבן זיי עס געטוען באַהאַלטע-נערהייט, קיינער זאָל נישט זעען. נאָר ער האָט געטון צולהכעיס.

די חרטה אויף דעם אַלעם איז ביי גאָלדמאַנען אַזוי שטאַרק, די בענק-שאַפט צו דער היים — אַזוי נאַגנדיק און דער באַגער צו פאַרשאַפן נחת די עלטערן — אַזוי הייס, אַז אין דעם מאָמענט ווערט ביי אים באַשלאָסן, נישט צו וואַרטן אויף קיין שום גליקן, נאָר אַהיים צו פאָרן וואָס שנעלער.

## .6

אין די נאָענטסטע טעג האָט זיך גאָלדמאַן שוין געגרייט אין וועג אריין. אַן אומזיסטן פּאַס אויף אַהיים צו פאָרן האָט אים געגעבן דער קאָנסול, אַ בילעט אויף אַ האַלבן וועג האָט אים צוגעזאָגט אַ יידישער עמיגראַנטן-קאָמיטעט און זיינע אַלע געדאַנקען זענען נאָר געווען פאַרנומען וועגן דעם, ווי אַזוי ער זאָל אַהיימקומען: צי זאָל ער זיי פריער שרייבן אַז ער קומט, אָדער זאָל ער גאָר קומען צו פאָרן פלוצלינג אומגעריכט. נאָך אַביסל נאָכ-טראַכטן האָט ער באַשלאָסן אַהיימצוקומען אינגאַנצן אומגעריכט, די שמחה וועט דעמאָלט זיין גרעסער, שטאַרקער.

די גאַנצע פּאָר טעג פון גרייטן זיך אין וועג אריין איז גאָלדמאַן אַרומגעגאַנגען אַ שיינענדיקער. ער האָט נאָר געטראַכט ווען דער פרייד דאָרט אין דערהיים ביי זיין אָנקומען, וועגן דעם גליק פון זיינע עלטערן, אַז ער וועט אַהיימקומען — נאָכדעם ווי ער איז געווען אַכט יאָר אין דעם זינדיקן פּאַריז — אַ ייד, טאַקע אַ גאַנצער ייד.

ווי נאָר ער האָט באַשלאָסן אַהיים צו פאָרן, האָט זיך גאָלדמאַן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן אַ באָרד. און ער האָט זיך געקויפט עטלעכע ציצה-כנפותן אין אַ יידישער בוכהאַנדלונג. און אַ סידורל האָט ער זיך געקויפט און ער האָט אָנגעהויבן דערין אָפּט אַריינצוקוקן, כדי זיך צו דערמאָנען דאָס דאַוונען. און די תפילין האָט ער זיך אַרויסגענומען פון טשעמאָדאַן, זיי גוט אָפּגערייניקט און זיין פּנים האָט געשיינט פאַר גליק, טראַכטנדיק וועגן דער פרייד, וואָס זיינע עלטערן וועלן האָבן.

איצט זעט ער איין, גאָלדמאַן, אַז עס איז אייגנטלעך געווען נאַריש

פון אים דאָס, וואָס ער האָט דווקא געוואָלט אָפּליינען דאָס אַהיימפאָרן ביז ער וועט קומען צו געלט. אוודאי וואָלט די שמחה געווען גרעסער, ווען ער קומט נאָך אַהיים מיט געלט אויך: אַ געבליבן אַ ייד, אַ נאָך געוואָרן אַ מענטש... אָבער אַז ער האָט געזען — ס'גייט נישט, האָט ער געדאַרפט אָפּהאַקן און אַהיימפאָרן! צו וואָס האָט עס אים געטויגט זיך אַריינצו-לאָזן מיט אַזאַ זשאַרזשעט, למשל, וואָס אַפילו איצט, ווען ער זעט שוין כמעט נישט פּאַריז, דאָס מיאוסע און פרעמדע פּאַריז, נאָר זיין ליב היים-שטעטל זעט ער, זיין טאַטן מיט דער מאַמען, מיט די ברידער, מיט די שוועסטער — אַפילו איצט, ווען דאָס פּאַריז איז פאַר אים פּלוצלונג מיט איינמאָל געוואָרן כמעט פאַרגאַנגענהייט, אַ ווייטע און פאַרנעפּלטע פאַר-גאַנגענהייט, פאַרטראַכט ער זיך אָפּט וועגן אָט דער זשאַרזשעט און ער באַנקט אַפילו נאָך איר.

צו וואָס — פרעגט זיך גאָלדמאַן — האָט ער עס געדאַרפט לעבן אַזוי אָפּגעזונדערט און אָפּגעפרעמדט און אַזוי זיך צוזאַמענגעבונדן מיט אַזאַ זשאַרזשעט, ווען עס איז אים דאָך די גאַנצע צייט געווען קלאָר, אַז ער וועט נישט אַנדערש נאָר אַהיים פאָרן. צו וואָס — פרעגט ער זיך איצט נאָך שטרענגער — האָט ער זיך געדאַרפט איינעקשענען אַז ער מוז אַהיימקומען מיט געלט, און אָפּפינסטערן אומזיסט אַכט יאָר? ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז זיינע עלטערן האָבן געהאַט פון אים צרות נאָר דערפאַר וואָס ער גייט נישט אין רעכטפערטיקן וועג, וואָס ער איז דער פרייסטער אין שטעטל. האָט דען דער טאַטע געהאַט אַ פּרעטענזיע צו אים פאַרוואָס ער פאַרדינט נישט קיין געלט? דער טאַטע האָט דאָך נאָר געשריגן, אַז אויב ער וויל זיין אַ גוי, זאָל ער כאָטש זיין אַ באַהאַלטענער, זאָל נישט יעדער האָבן מיט אים צו טוען. און ער האָט זיך אַליין פאַרדרייט אַ קאָפּ מיט אַזאַ נאַרישקייט, צו זיין באַהאַלטן אין אַ נאָרע ביז ער וועט קומען צו געלט.

אָבער איצט פאָרט ער אַהיים! ער וועט זיך דאָרט פירן אין יידישן וועג, ער וועט אַהיימקומען מיט אַ באָרד, ער וועט זיך נישט אָוועקרירן אין דערפרי פון בעט איידער ער וועט זיך נישט אָפּגיסן נעגל-וואַסער, ווי גרויס וועט זיין דער נחת פון טאַטן און די פרייד פון דער מאַמען...

## 7.

מיט אַכט טעג שפּעטער איז שוין געלדמאַן אָנגעקומען צו זיך אין שטעטל; אָט דאָס שטעטל וואָס ער האָט אַמאָל אַזוי פיינט געהאַט און וואָס איז אין פאַרלויף פון די אַכט יאָר וואָס ער איז געווען אין פּאַריז פאַרוואַנדלט געוואָרן ביי אים אין אַ לעגענדע, אַ שיינע און אַ רייצנדע לעגענדע.

ער האָט טאַקע געטוען אַזוי ווי ער האָט געהאַט באַשלאָסן: ער האָט די זייניקע נישט צו וויסן געגעבן וועגן זיין קומען. דערפאַר האָט אים טאַקע קיינער נישט אָפּגעוואַרט ביי דער באַן.

אויסשטייגנדיק פון צוג מיט די צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס אין ביידע הענט, האָט ער אָנגעטראָפן אויף עלטערע יידן, ליידיקגייער, ביי וועמען עס איז פון די יונגע יאָרן, ווען זיי זענען געווען יידן סוחרים, געבליבן אַ געוואוינהייט אָפּצוואַרטן דעם אָנקום פון יעדן צוג. אויך יונגוואַרג האָט ער אָנגעטראָפן ביי דער באַן, וואָס דרייען זיך אַרום גאַנצע טעג און האָבן נישט וואָס צו טוען, נישט מיט זייערע געזונטע הענט און נישט מיט זיך אײנגאַנצן. וואַרט מען דערפאַר אָפּ ביי דער באַן די וואַרשעווער צייטונגען און מען דיסקוטירט וועגן קלאַסנקאַמף, וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים, וועגן רעוואָלוציע און וועגן קאָנטער-רעוואָלוציע.

ער האָט באַטראַכט דעם עולם, די עלטערע יידן מיט די צעשויבערטע פלאַקס-בערד, וועמענס פּנימער זענען אים געווען קענטלעך און דאָך האָט ער זיך נישט געקענט דערמאַנען דעם נאָמען פון קיין איינציקן פון זיי. דערפאַר איז אים געווען איגאַנצן פרעמד און אומבאַקאַנט דאָס יונגוואַרג, צווישן וועלכע ער האָט קיין איין באַקאַנט פּנים נישט געזען.

ער האָט זיך שטאַרקע געחידושט אויף דעם, וואָס דער ערשטער איינדרוק, וואָס עס מאַכט אויף אים זיין ליב היים-שטעטל, איז אַזאַ פרעמדער, אַזאַ קאַלטער.. אָבער נאָך מער פאַרחידושטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון די אויגן ביי די יידן, וועלכע האָבן באַטראַכט דעם מאָדנעם ווילד-באַוואַקסענעם נפש, מיט די צוויי טעשמאָדאַנעס אין די הענט. זיי האָבן געקוקט, געקוקט און נישט געקענט פאַרשטיין: פונוואַנען נעמט זיך עפּעס אַזאַ מין פאַרשוין דאָ אַהער, פונוואַנען קען ער קומען און צו וואָס קומט ער אין דעם טויטן שטעטל אַריין?

לאַנג האָבן אָבער די יידן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם רעטע־ניש, וואָרים דער צייטונגס־אַגענט איז שוין דאָ געשטאַנען אַ באַלאָדענער מיט עטלעכע שווערע פּעקלעך פון ווארשעווער צייטונגען, מען האָט אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און גענומען רייסן אים פון די הענט.

אַצינד האָט זיך גאָלדמאַן שוין אויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט ער איז זיך געגאַנגען מיט די צוויי טשעמאָדאַנעס אין די הענט גלייך צו זיך אַהיים.

אַצינד איז ער שוין געווען אַביסל נערוועז און אומגעדולדיק; ער איז געגאַנגען מיט אַ פאַרשנעלערטן טריט. איין זייט פּנים האָט אים עפּעס פּלוצלינג אָנגעהויבן צו פלאַמען. דער וועג פון וואָקזאַל צו זיין היים האָט אים אויסגעזען אומענדלעך לאַנג. .

צוגעקומען צום נידעריקן הייזל אין וועלכן עס וואוינען זיינע עלטערן, האָט אים עפּעס דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז אַ האַרץ קען קלאַפּן אַזוי שטאַרק און אַזוי הויך. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם און אין האַלז האָט אים גע־קיצלט. . ער האָט זיך אויף איין אויגנבליק אָפּגעשטעלט. באַלד האָט ער אַ האַסטיקן שפּאַן געגעבן, געמאַכט צוויי גרויסע שפּרייזן, צו צו דער טיר און — זי אויפגעמאַכט

אַריינגעקומען אין שטוב איז ער געבליבן פאַרבליפט. עפּעס איז עס יאָ די אייגענע שטוב און דאָך אַן אַנדערע.. דאַכט זיך, אַלץ איז אויף דעם זעלביקן אָרט ווי ער האָט עס איבערגעלאָזט, אפילו משה מאָנטע־פיאָרע, דער פון פליגן באַפינטלטער, הענגט נאָך איבערן טאַטנס בעט, ווי אַמאָל, אָבער...

יאָ, ווי מאָדנע דאָס איז! וואָס האָט ער דאָ צו זיין אַזוי איבעראַשט. עס איז דאָך אַזאַ קלאָרער חשבון, אַזוי פּשוט און איינפאַך: אויב זיין קליין שוועסטערל עטלע, איז געווען אַ קינד, אַ מיידל פון פערצן יאָר, ווען ער איז אַוועק פון דערהיים, מוז זי דאָך אַצינד, מיט אַכט יאָר שפּעטער, זיין אַ גרויס דערוואַקסן מיידל און זיין ברודערל זיינוועלע, וועמען ער האָט איבערגעלאָזט אַ צוועלף־יאָריקן חדר־ייִנגל, מוז דאָך זיין אַ דערוואַק־סענער בחור — אַ מאַנספּאַרשוין! דאָס זעלבע זיין שוועסטער שיינדעלע און זיין ברודערל דודל. און אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָלן זיך האָבן געעלטערט אין די אַכט יאָר, איז דאַכט זיך אויך פאַרשטענדלעך און

נאַטירלעך. פונדעסטוועגן איז גאָלדמאַן געבליבן עפּעס מאָדנע אָפּהענטיק פון דעם בילד וואָס זיין עלטערן־הויז האָט מיט זיך אַצינד פאָרגעשטעלט:

די ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך, וועלכע פלעגן אַמאָל פול מאַכן די שטוב מיט קולות, ווען דער טאַטע האָט אים געשלאָגן מיטן שטיוול איבערן קאָפּ, האָט ער אַצינד נישט געזען; אַנשטאָט זיי האָט ער געזען דערוואַקסענע יונגען מיט לאַנגע טשופּרינעס און האַרטע מוסקוליעזע פּנימער. און שיין אויסגעוואַקסענע מיידלעך האָט ער געזען, מיט קורץ פאַרשוירענע האָר אַ לאַ גאַרסאָן, מיט רוזשירטע ליפּעלעך. ער האָט זיי, אָט די בחורים און מיידלעך, נישט דערקענט און ער האָט נישט באַנומען דעם שייכות וואָס זיי האָבן צו זיינע ברידערלעך און שוועסטערלעך פון אַמאָל. דערקענט האָט ער נאָר די זייער געעלטערטע מאַמע און דעם טאַטן, וועלכער איז געלעגן אין בעט און נאָכאַנאַנד געהוסט.

אַלע אין שטוב האָבן געקוקט מיט שטאַרק דערשטוינטע בליקן אויף אָט דעם מאָדנעם פּאַרשוין וואָס איז אַריינגעקומען מיט צוויי וואַליזעס אין די הענט, שטייט און קוקט און זאָגט נישט וואָס ער וויל. דאָס האָט זיין אָפּהענטיקייט און פאַרלוירנקייט פאַרגרעסערט. אַ ווײלע האָט ער געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט, נישט געטראָפן אויפן ריכטיקן אָרט, באַלד אָבער האָט ער געגעבן אַ שטעל אַוועק ביידע וואַליזעס, ער איז צוגעגאַנגען צו דער געעלטערטער איינגעשרומפּענער מאַמען און ער האָט געזאָגט מיט אַ ציטער אין דער שטים:

— מאַמע, דו דערקענסט מיך נישט? דאָס בין איך, משה!

אַלע אין שטוב, די ברידער מיט די שוועסטער, זענען געבליבן אין אַן אומבאַוועגלעכער פּויזע, ווי זיי וואָלטן אַזוי שטייענדיק פאַרשטיינערט געוואָרן. זיי האָבן געקוקט דאָ אויף אים, דאָ איינער אויפן צווייטן און זייערע בליקן האָבן אויסגעדריקט נישט נאָר דערשטוינונג נאָר אויך שרעק; דער טאַטע, הערנדיק אַז אָט דער פּאַרשוין איז משהלע, זיין תכשיט, האָט זיך האַסטיק אַ זעץ אויף געגעבן אין בעט, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, פאַרגאַנגען זיך אין אַ הוסטנדיק קייכן און אַז דער הוסט האָט אים אָפּגעלאָזט האָט ער זיך אָנגערופן:

— קום נאָר אַהער, תכשיט מיינער, לאָמיך דיך נאָר גוט אָנקוקן. האָסט דאָך עפּעס געזאָלט אָט־אָט ווערן אַ מיליאָנער. אַזוי זעען אויס מיליאָנערן אין פּאַריז? אַלע גייען זיי אין אויסגעריבענע הויזן, צעדרייטע

קאַפּעלושן און זיי זענען אַזוי ווילד באַוואַקסן ווי די קאַטאָרזשניקעס? זאָג דעם אמת: פון וועלכע תפיסה קומסטו דאָס אַרויס?

די מוטער האָט זיך גאָר צעוויינט, פריער האָבן בלויז געקאַפּעט טרערן פון אירע אויגן, שפּעטער איז דאָס געוויין איבערגעגאַנגען אין אַ ספּאַזם און אַז זי האָט זיך לסוף אַביסל באַרואיקט האָט זי זיך געווענדעט צו אים אַ וויינענדיקע:

— מיין קינד, וואָס איז געוואָרן פון דיר?

גאָלדמאַן איז געוואָרן גאָר אינגאַנצן צומישט פון אָט דעם ברוך-הבא. אין די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט זיך געשלעפּט אויף באַנען אַהיים, האָט ער געגנוג פאַנטאַזירט און געמאָלן זיך בילדער ווי אַזוי עס וועט אויסזען זיין קבלת פּנים. ער האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט אויף פאַרשידענע אופנים, אָבער דאָס־אָ וואָס ער זעט אַצינד, האָט אים זיין פאַנטאַזיע נישט געמאָלן. ער האָט געוואָלט פּרואוון צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען און באַטראַכטן, וואָס אַזוינס קומט דאָ פאָר, אָבער אין זיין מוח איז עפּעס אַזאַ שווערער און האַרטער פּלאָנטער, וואָס דריקט אַזוי שווער און ברענט ווי אָנגעגליטע אייזנס.

— וואָס איז געוואָרן פון מיר, מאַמע — שלעפּט ער קוים אַרויס פון זיך ווערטער אָנגעשוואָלענע פון טרערן — טאָמער ווילסטו נישט כ׳זאָל דאָ זיין, וועל איך צוריק אַוועקפאָרן. כ׳בין געקומען אַהיים, ווייל כ׳האָב זיך נישט געקענט אויפהאַלטן אין דעם מיאוסן, זינדיקן פּאַריז. כ׳וויל וויזן דעם טאַטן, אַז כ׳בין אַ ייד, כאָטש כ׳בין געווען אַכט יאָר אין פּאַריז. כ׳גיי נישט אין קיין שיינע הויזן? אוודאי איז שווער צו קומען צו געלט אין פּאַריז, אַז מ׳וויל זיין אַ ייד... — זיי רואיק, טאַטע, — ווענדעט ער זיך צום פאָטער, וועלכער ליגט מיט אַן אָפן מויל און אָטעמט שווער — זיי רואיק, טאַטע, דו וועסט נישט האָבן פון מיר אַזעלכע חרפּות, ווי אַמאָל, ווען כ׳בין געווען אַ נאַריש יינגל. כ׳בין געקומען מיט דער דעה צו זיין אַ ייד, זיך צו פירן גוט און פרום, דערפאַר בין איך אַהיים געקומען מיט אַ באָרד. און יעדן טאָג וועל איך גיין צום דאַוונען... דו וועסט נישט האָבן מער קיין חרפּות פון מיר, נאָר — נחת.

די ברידער מיט די שוועסטער האָבן זיך נאָך אַלץ אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן, זייערע בליקן, וועלכע האָבן פריער אויסגעדריקט פאַר-חידושטקייט, האָבן שוין איצט אָפּגעשפּיגלט שרעק. זיי האָבן זיך גע-

סודעט אין דער שטיל ווי אין דער שטוב פון אַ שווער קראַנקן. די מאַמע האָט געקוקט אויף אים מיט צער און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, ווי איבער אַן אומגליק אויף וועלכן עס איז קיין טרייסט נישט פאַראַן. דער טאַטע האָט זיך אויפסניי צעהוסט און הוסטנדיק האָט ער געזאָגט:

— אָט האָסטו דיר אַ נייע אומגליק אויף דיין קאָפּ.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, דער טאַטע, אָבער די מאַמע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— לאָז אים אָפּרוען, ער איז מסתם מיד פון וועג, זעסט דאָך, אַז ער האָט דאָרט קיין האָניק נישט געלעקט, לאָז אים אויסרוען, וועט ער קומען צו זיך.

די מאַמע האָט אים אַריינגעפירט אין דער צווייטער שטוב אַריין, אים געהייסן אוועקשטעלן די צוויי טשעמאָדאַנעס און זי האָט אים אַריינ־דערלאַנגט אַ שיסל וואַסער ער זאָל זיך אַביסל אָרומוואַשן. אַז ער איז שפּעטער צוריק אַריינגעקומען האָט ער גוט באַמערקט ווי אויפן וואַנט פון דער מוטער איז דער שמועס אָפּגעהאַקט געוואָרן און אַלע זענען פּלוצלינג שטיל געבליבן.

די שטוב איז איצט פול געווען מיט יונגוואַרג, בחורים מיט מיידלעך און גאָלדמאַנען האָט זיך שוין אויף איין ווײַלע געקומען אויסדאַכטן, אַז דאָס איז מען געקומען לכבוד אים. באַטש עס וואָלט גענוג געווען ער זאָל זעען די אויסטערלישע בליקן, מיט וועלכע אַלע האָבן אויף אים גע־קוקט, דאָס פאַרוויינטע פּנים פון דער מאַמען, אַז ער זאָל איינזען זיין טעות.

איינער פון די יונגען, וואָס ער האָט זיך שוין אַצינד אָנגעשטויסן אַ דאָס דאַרף זיין דער גילגול פון זיין ברודער זיינוועלע, איז צוגעגאַנגען צו אים, געקוקט אים עפּעס אַזוי פאַרשנדיק אין די אויגן אַריין און געזאָגט צו אים:

— נו, משהלע, דו דערציילסט מיר גאָרנישט פון פּאַריז? פּאַריז איז דאָך אַזאַ שיינע שטאָט, עס איז דאָך דאָרט אַזוי אינטערעסאַנט.

— אַ מיאוסע שטאָט פּאַריז — האָט ער געענטפערט דעם ברודער און געקוקט אויפן פּאָטער, — אַ מיאוסע און אַ העסלעכע שטאָט...

מער האָט שוין דער ברודער נישט געזאָגט גאָרנישט. ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו זיינע חברים און געזאָגט, אַז מען דאַרף גיין אויף

דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָרים ס'וועדט שפּעט, אַז ער האַלט עס פאַר אַן עוולה, וואָס די אָפּאָזיציע איז נישט ווי געהעריק צוגעגרייט, וואָרים היינט וואָלט געווען אַ מעגלעכקייט אַראָפּצוּוואַרפן די אַלטע פאַרוואַלטונג, די אָפּאָרטוניסטישע און אַרויפזעצן אַן אייגענע פאַרוואַלטונג...

.8

דריי טעג האָט זיך גאַלדמאַן אַרומגעדרייט אינדערהיים. ער האָט זיך געפירט געגוי ווי ער האָט זיך פאַרגענומען: געוואַשן זיך צום עסן, געבענטשט, געגאַנגען צום דאַוונען און ער האָט געהאָפט אַז דער טאַטע וועט סוף-כל-סוף ווערן אַנדערש צו אים. ער איז אַזוי געווען פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, וועלכע ער האָט געבאָוועט אין זיך אַזוי פיל יאָרן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי אַלע אין שטוב קוקן אויף אים מיט רחמנות און שרעק, ער האָט נישט באַמערקט, ווי די ברידער מיט די שוועסטער האָבן נאָך כמעט נישט גערעדט מיט אים זינט ער איז געקומען; ער האָט נישט באַמערקט, ווי די מאַמע קוקט אויף אים מיט רחמנות, ווי דער טאַטע וויל נאָכאַנאַנד עפּעס רעדן צו אים, נאָר די מאַמע ווינקט צו אים ער זאָל שווייגן...

ער האָט אפילו נישט באַנומען דעם זין פון דער מאַמעס ווערטער, ווען זי האָט אים געזאָגט אַ וויינענדיקע:

— מיין קינד, פאַרוואָס האָסטו אונז שטענדיק געגאַרט, האָסט נאָר געשריבן אַז ס'איז דיר גוט, ביז ס'איז פון דיר געוואָרן אָט דאָס...

ער האָט דאָס אַלץ נישט באַנומען, ער האָט נישט געזען און נישט געפילט וואָס אַרום אים טוט זיך. ער האָט אפילו נישט באַמערקט ווי די יידן אין בית-מדרש, וואָס קומען צו צו אים און געבן אים „שלום-עליכם", קוקן אים עפּעס אַזוי מאָדנע אין די אויגן אַריין... ער האָט נישט באַמערקט ווי יינגלעך אין בית-מדרש שטעלן זיך אַרום אים און קוקן אויף אים ווי אויף אַ בייז וווּנדער.

דאָס אַלץ האָט ער נישט באַמערקט, ער האָט געלעבט אין זיין פאַנטאַסטישע וועלט, אין דער וועלט פון זיין טרוים.

איינמאָל, אַז ער איז אַהיים געקומען פון בית-מדרש פון דאַוונען

מיטן תפילין-זעקל אונטערן אָרעם, געקושט די מזוזה און געגאַנגען זיך וואַשן צום עסן, האָט ער באַמערקט ווי אַלע רעדן עפּעס צווישן זיך, דער טאַטע זיצט אין בעט, שרייט און פאַרגייט אין אַ קייכנדיק הוסטן און די מאַמע וויינט. ביי זיין אַריינקומען האָט די מאַמע אַ פאַרוויינטע געגעבן אַ וואונק און אַלע זענען שטיל געוואָרן.

ער האָט אַוועקגעלייגט די תפילין אין שענקל אַריין און געוואַשן זיך צום עסן. ווי נאָר ער האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, איינגעטונקט עס אין זאַלץ און געמאַכט „המוציא“, האָט דער טאַטע זיך צעשריגן:

— אַ יונג איז אָפּגעוועזן אַכט יאָר אין פּאַריז, אַצינד איז ער אַהיימ־געקומען צום קראַנקן טאַטן, ווערן אַ בעל-תשובה, אויפעסן דאָס שטיקל ברויט, וואָס די קינדער אַרבעטן דערויף אַזוי שווער און ביטער. ס'מיידל דאַרף אַ כלה ווערן — ווייזט ער אָן אויף דער טאָכטער — מאָרגן דאַרפן קומען מחותנים, וועלן זיי טרעפן אַ יונג באַוואַקסן ווי אַ פּרא אדם, אַ בעל-תשובה, אַ תהלים-זאָגער... אַרויס פון מיין שטוב! — האָט זיך דער פאָטער צעשריגן — ווער אַ בעל-תשובה אין פּאַריז, מען קען דאָרט אויך פראוון משוגעת...

די מאַמע האָט זיך צעוויינט:

— דאָס איז אַ טאַטע? אַז אַ קינד קומט אַהיים אַ קראַנקער טרייבט מען עס? דאָס איז אַ ציגיינער, נישט קיין טאַטע!

דער טאַטע האָט זיך צעשריגן שוין אַביסל צו שטאַרק. דער הוסט האָט אים שטאַרק געשטיקט. ווי נאָר אָבער עס איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן האָט ער ווייטער גערעדט, שוין אַ ביסל שטילער:

— אַמאָל האָב איך געהאַט צרות פון אים ווייל ער איז געווען מער גוי פאַר אַלעמען, אַצינד, אַז ס'זענען געוואָרן אַנדערע צייטן, אַז יעדער וויל זיין קינד זאָל זיין אַ „וועלט-מענטש“, אַז פון פרומקייט קוקט מען שוין אַ ביסל אַוועק, — מען קען דאָך נישט די וועלט איבערמאַכן! — קומט צו מיר אַהיים אַ יונג פון זעקס און צוואַנציק יאָר און וויל זיין פרומער ווי מען איז געווען אַמאָל. גיב אַ קוק וואָס פון דיינע אַמאָליקע חברים איז געוואָרן. דודל, נאָטע עסיק-מאַכערס, איז אַ גאַנצער מאַכער ביי די לייט אין פּאַריין, זיי ווילן אים מאַכן פאַר אַ דאָזאָר. הערשל, ירחמיאל וויינשענקערס איז אויך געווען אַ פּאָר יאָר אין אויסלאַנד, איז ער איצט אַהיימגעקומען — אַ נחת צו קוקן אויף אים. ער זעט אויס ווי אַ דאָק-

טאָר. זיי װעלן ביידע טוען גוטע שידוכים און נעמען עטלעכע טויזנט דאָלאַר נדן. צו קיינעם איז נישט אַזאַ בראָך ווי צו מיר...

---

ווי איינער װאָס כאַפּט זיך פּלוצלינג אויף פון שלאָף, פון אַן אויסטערלישן חלום, אַזוי האָט זיך גאָלדמאַן מיט איינמאָל אויסגעניכטערט. ער האָט אויף איינמאָל דערזען דעם גאַנצן אַרום אין זיין אמתן ליכט, זיין גאַנצע פאַנטאַסטישע וועלט איז צורונען און ער האָט זיך דאָ דערפילט אַ פרעמדער, אַן איבעריקער...

און פּלוצלינג איז פאַר אים לעבעדיק געוואָרן די געשטאַלט פון די שלאַנקע און שיינע זשאָרזשעט, זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַ פאַרווײנטע, אַ פאַרטרויערטע און זי האָט געקוקט אויף אים מיט בעטנדיקע בליקן...

גאָלדמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, גענומען די צוויי טשעמאָדאַנעס און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב — מער קיינמאָל נישט צוריק צו קומען...

# וואָגלער

## 1.

א קליין, ענג און טונקל האָטעל־צימער אויף א זעקסטן שטאָק, דאָס איז די ערשטע שטוב וואָס משהלע האָט דערזען פאַר זיינע אויגן, זינט מען האָט אים אַרויסגענומען פון זיין היים, פון די גערוימע און ליכטיקע צימערן, וועלכע זיין פאָטער האָט פאַרקויפט, כדי צו האָבן אויף הוצאות נאָך פּאַריז.

דאָס צימערל איז באַליינגט מיט פעק און פעקלעך, וועלכע די מאַמע צעפּאַקט און וואַרפט אַלץ אָן אין א גרויסער אומאָרדענונג. איר פאַר־שטויבט פּנים, וועלכעס זי האָט נאָך נישט אָפּגעוואַשן פון וועג, גלאַנצט פון שוויס; אירע אויגן דריקן־אויס אומרו: ווער ווייסט צי זי האָט נישט פאַרגעסן דעם טשייניק אינדערהיים, אין גרויס איילעניש.

משהלע האָט אויפגעגעסן דאָס שטיקל דאַרע ברויט מיט הערינג, וואָס מען האָט נאָך מיט געהאַט פון דערהיים און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די פעקלעך. ער איז נערוועז, משהלע, נערוועז און צעטומלט; וואָרים ער ווייסט נישט וואו ער איז, אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך. לויט אַלע סמנים ווייזט אויס, אַז ער געפינט זיך שוין אין פּאַריז; וואָרים אויב נישט, פאַרוואָס פּאַקט שוין די מאַמע אויף די פעקלעך? און פאַרוואָס איז דער טאַטע אַרויס אין גאַס, זאָגנדיק דער מאַמען אַז ער גייט א „שמעק־טון" וואָס מען הערט?

האָט ער, הייסט עס, משהלע, אַלע סימנים, אַז ער געפינט זיך שוין אין פּאַריז, אין אָט דער שטאָט, וועגן וועלכער ער האָט זיך אַזויפיל חידו־שים אָנגעהערט, וואו אַלע הייזער דאַרפן זיין אַזעלכע גרויסע, שיינע — פּאַ־לאַצן! מיט מירמלשטיינערנע טרעפּ, און אַלע מענטשן דאַרפן לעבן ווי אין א גן־עדן: מען עסט דאָ נישט קיין ברויט, נאָר חלה און לעקעך און פּאָמע־ראַנצן וויפיל מען וויל...

זאָל עס טאַקע זיין אמת, אַז ער געפינט זיך שוין אין פּאַריז? אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט מען אים גאָר געגעבן אַ שטיקל דאַר ברויט מיט גע-זאַלצענעם הערינג, וואָס מען האָט נאָך מיטגענומען פון דערהיים? און פאַרוואָס האָט מען אים אַריינגעזעצט אין אַזאַ קליין און שמוציק צימערל, אַזאַ נידעריקס און טונקלס, אַז זייער וואוינונג אינדערהיים קען הייסן אַ פּאַלאַץ קעגן דעם? און וואו איז דער לעקעך מיט די פּאָמעראַנצן? און וואו זענען די מירמלשטיינערנע טרעפּ?

.2

משהלע, קלערט און קלערט און קען פאַר קיין פאַל צו קיין באַשלוס נישט קומען. זיין קינדיש מוחל קען בשום אופן נישט באַנעמען, אַז אָט דאָס אָרט וואו ער געפינט זיך איצט, זאָל טאַקע זיין פּאַריז, זיין קינדישע פאַנ-טאַזיע רעוואָליטירט קעגן דעם. ניין, ווערט ער באַפעסטיקט אין דער דעה, דאָס איז מסתמא נאָך נישט פּאַריז, פאַר קיין פאַל נישט, דאָס איז נישט זיין פּאַריז!...

מען וואָלט פונדעסטוועגן געדאַרפט אַ פרעג טון ביי דער מאַמע וועגן דעם. און משהלע הייבט זיך אויף פון זיין געזעס אויפן פעקל, נעמט זיך צושאַרן צו דער מאַמען, מיט דער כוונה, צו כאַפּן אַ שמועס מיט איר, וועגן אָט די אַלע פראַגן, וואָס באַשעפטיקן אַזוי שטאַרק זיין מוח. איז אָבער די מאַמע זייער פאַרפאַרעט און געגוג נערוועז. ער ווייסט אַז אין אַזאַ צייט איז גלייכער נישט צו פּלאָנטערן זיך איר פאַר די פיס און נישט צו פאַרדרייען איר אַ קאָפּ מיט זיינע נאַרישע שאלות. ער ווייסט דאָס טאַקע, פונדעסטוועגן, אַז די מאַמע גיט גראָד אַ קוק אויף אים, קען ער זיך נישט איינהאַלטן און ער כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ פראַגע:

— מאַמע, ווען וועלן מיר שוין זיין אין פּאַריז?

— שבת נאָכן קוגל — גיט די מוטער אַ געשריי אַז דאָס קינד האָט אַזש אַ שפּרונג-אונטער געגעבן פאַר דערשרעק — אַזאַ גרויסער יונג זאָל נאָך זיין אַזאַ בהמה. וואו דען ביסטו, אַז נישט אין פּאַריז?

פון דער מאַמעס געשריי איז משהלע נישט בלויז צעשראָקן געוואָרן, נאָר ער איז אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז די מאַמע איז אַזוי בייז, נישט איבער זיין נאַרישע פראַגע ווי איבער דעם

וואָס זי קען נישט געפינען דעם טשייניק. און זי האָט שוין מורא אַז זי האָט אים איבערגעלאָזט אינדערהיים.

אָבער עס איז דאָך שוין איצט אַ זיכערע זאַך, אַז ער געפינט זיך נישט ערגעץ אַנדערש ווי אין פּאַריז, אין דעם פּאַריז, וואָס האָט אין זיין פאַנטאַסטישער פאָרשטעלונג אָנגענומען אַזאַ צויבער־געשטאַלט. אָט דאָס קליינע טונקעלע צימערל איז שוין פּאַריז! און אין פּאַריז זוכט די מאַמע אַ טשייניק, וועלכן זי האָט מיטגענומען פון דערהיים און אויב זי געפינט אים נישט, ווערט זי אין כעס.

דאָס אַלץ האָט אויף דעם קינד געווירקט אַזוי, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף, פון אַ מאָדנעם אויסטערלישן חלום. און טאַקע דערפאַר, ווייל דער חלום איז אַזוי ווייט פון דערווירקלעכקייט, ווייסט ער נישט, צי איז עס אַ חלום, צי ווירקלעכקייט...

## .3

די מאַמע האָט דעם טשייניק געפונען און איר כעס איז אָפּגעגאַנגען. משהלע האָט עס טאַקע דערפילט און ער האָט דערפאַר געוואַגט זיך צו ווענדן צו דער מוטער:

— מאַמע, מען האָט דאָך געזאָגט, אַז פּאַריז איז אַזוי שיין; אַז די הייזער זענען מיט מירמלשטיינערנע טרעפּ.

— עס איז אמת, מיין קינד — ענטפערט די מאַמע איצט שוין אָן געבייזער — אַלץ איז פאַראַן אין פּאַריז: פאַראַן טייערע שטיינער מיט מירמלשטיינערנע טרעפּ און פאַראַן אויך וואַנציקע האָטעלן. יענע טייערע הייזער זענען פאַר אַנדערע, נישט פאַר אונז; פאַר אונז זענען די האָטעלן מיט וואַנצן. פאַרשטייסטו, מיין קינד?

מען קען נישט זאָגן אַז משהלע זאָל אַזוי גוט פאַרשטיין. אָבער איין זאַך איז אים שוין זיכער: ער געפינט זיך אין פּאַריז. ער וועט אָבער נאָך נישט שרייבן צו זיין חבר לייבעלע, כאָטש ער האָט אים צוגעזאָגט — און נישט נאָר צוגעזאָגט, נאָר טאַקע געשוואוירן, און מען האָט אויך איבער־געשלאָגן מיט אַ ציצה. ער וועט נאָך צו לייבעלען נישט שרייבן, ווייל ערשטנס קען ער זיך נאָך נישט אויפן היגן געלט און ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען קויפט אַ מאַרקע; צווייטנס, — און דאָס איז טאַקע דער עיקר, —

וועט ער נישט שרייבן פריער, ביז ער וועט נישט זעען פּ אַ ר י ז דאָס אמתע דאָס ש י י נ ע פּאַריז, — די אַלע שיינע הייזער. ער מוז אַליין זעען מיט די אייגענע אויגן די באַן, וואָס גייט אונטער דער ערד. ערשט אַז ער וועט אַליין האָבן געזען די אַלע שיינע זאַכן פון דער שטאָט, וועט ער שרייבן צו זיין חבר.

.4

אביסל שפּעטער קומט אַהיים דער טאַטע. מיטן טאַטן קומט מיט אַ לאַנדסמאַן, זעליק זייגערמאַכער, מיט זיין ייִנגעלע, יאַנקעלע, וועלכער איז אינדערהיים געגאַנגען אין איין חדר מיט אים, משהלען.

דער טאַטע האָט גאָר אַ גרויסע שמחה מיטן לאַנדסמאַן, וועמען ער האָט צופעליק געטראָפן אין גאַס, און ער דערציילט טאַקע, אַז שוין מאָרגן גייט ער אַרויס מיט זעליקן אין גאַס אַריין, איינקויפן אַלטוואַרג: שמאַטעס, ביינער, אַלט אייזן, האָזן-פעלעכלעך און פּאַפּיר. משהלע איז עפּעס נישט אַזוי שטאַרק אַנטציקט פון אָט דער פּרנסה, צו וועלכער זיין טאַטע גייט זיך נעמען אין פּאַריז; און פון די קנייטשן, וועלכע לייגן זיך אויס אויף דער מאַמעס פאַרשוויצט פּנים, זעט ער, אַז אויך זי, די מאַמע, וואָלט גלייכער געוואָלט האָבן אַ קרעמל, ווי אינדערהיים. דער מאַמעס אומצופרידנקייט באַמערקט אַפּנים אויך זעליק; וואָרים ער ווענדט זיך באַלד צו איר:

— דאָ מוז מען אויסטוען דאָס שעם-היטעלע, דאָ מוז אַלץ פּאַסן. עס זענען פאַראַן אין פּאַריז גרויסע גבירים, וועלכע האָבן אין אָנהייב אויך גע-טוען דאָס זעלבע.

ער ווייסט נישט, משהלע וויאַזוי זייער לאַנדסמאַנס ווערטער ווירקן אויף דער מאַמען, — אים באַרואיקן זיי אינגאַנצן. און אַ באַרואיקטער ווענדט ער זיך באַלד צו זיין חבר:

— יאַנקעלע, דערצייל מיר עפּעס פון פּאַריז.

ער וויל ווּיסן: צי איז טאַקע אמת אַז אין פּאַריז איז פאַראַן אַ טורם אַזעלכער, וואָס איז הויך ביז צום הימל; צי גייט טאַקע אין פּאַריז אַ באַן אונטער דער ערד? און דער עיקר וויל משהלע ווּיסן, צי יאַנקעלע, זיין חבר, קען שוין עפּעס פראַנצויזיש.

זאָגט אים, ערשטנס, דער חבר, אַז ער הייסט שוין נישט יאַנקעלע,

און ער, משהלע, זאָל אים אַזוי נישט רופן, וואָרים אַלע וועלן פון אים לאַכן. זיין מאַמע רופט אים נאָך טײַלמאָל יאַנקעלע, לאַכט מען אויך פון איר. ער הייסט היינט זשאַק. „און דו וועסט דאָ אויך נישט הייסן משהלע", זאָגט זשאַק און פאַרטראַכט זיך באַלד אויסצוגעפינען אַ פראַנצויזישן נאָמען פאַר זיין גרינעם חבר. און נישט קענענדיק אַליין צוטראַכטן קיין פּאַסיקן נאָמען, ווענדט ער זיך צום פאָטער, וועלכער באַמיט זיך נאָך אַלץ איבערצוציייגן זייערע לאַנדסלייט אַז אין פאַריז דאַרף מען זיך נישט שעמען.

— פּאַפּאַ, — ווענדט זיך זשאַק צום פאָטער, און אויף משהלען מאַכט אַן איינדרוק שוין דאָס בלויזע רופן אַ טאַטן מיטן נאָמען „פּאַפּאַ" — פּאַפּאַ, ווי וועט זיין משהלע אויף פראַנצויזיש?

— מאָריס, — ענטפערט זעליק און רעדט ווייטער מיט זיינע לאַנדסלייט.

— מאָריס, — חזרט איבער זשאַק צופרידן; אָבער משהלען קומט אוים אַזוי קאָמיש און מאָדנע דאָס, וואָס ער וועט פּלוצלינג גאָר הייסן מאָריס, אַז ער לאָזט אַרויס אַ הילכיקן געלעכטער.

פראַנצויזיש, זאָגט זשאַק, קען ער „ווי אַ וואַסער". וויל טאַקע משהלע הערן, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָבן עפּעס די פראַנצויזישע ווערטער. און ער נעמט זיך באַלד אויספרעגן זיין חבר:

— ווי הייסט אַ טאַטע?

— פּאַ.

— ווי הייסט אַ מאַמע?

— מאַ.

— ווי הייסט קאַרטאָפּלעס?

— פּאָם-דע-טער.

— ווי הייסט אַ שטוב?

— שאַמבער.

— אָ, דו ווייסט דאָך טאַקע אַלץ. און ווי הייסט אַ חדר?

— דאָ, אין פּאַריז, — גיט זשאַק צו פאַרשטיין זיין חבר — איז נישט פאַראַן קיין חדר, דאָ איז פאַראַן אַ „שקאָלע": „עקאָל", הייסט עס דאָ.

— אַזוי? און ווי הייסט אָנטועכץ, ווייסטו אויך?

— ניין, דאָס ווייסט זשאַק נאָך נישט. ער ווייסט נאָר, ווי עס הייסט שמאַטעס. און ער זאָגט טאַקע באַלד משהלען: „שיפאָן“.

## 5.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך שוין משהלעס טאַטע אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַריין מיט אַ האַנט־וועגעלע און אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז ער איז גרייט צו קויפן אַלטע שמאַטעס, אייזן און האָזן־פעלעכלעך. אָנגעזאָגט האָט ער עס אין אַ מאָדנעם מין געזאַנג, וועלכעס זיין לאַנדסמאַן זעליק האָט מיט אים פריער גוט איינשטודירט. אַ געזאַנג וואָס האָט דורכגעשניטן די פּאַ־ריזער מאָרגן־שטילקייט און עס האָט אָנגעזאָגט אַז מען טרעט אַריין אין אַ טאָג פון הו־האַ, אין אַ טאָג פון אַרבעט און פּראַצע.

— מאַרשאַן ד׳אַבי, שיפאָן *), — האָט זיך צעקלינגען איבער די גאַסן ווי אַ מין תפילה, ווי אַ געבעט פון אַ שמאַטע־הענדלער וואָס רייסט זיך צו עפּעס שענערס און בעסערס.

אין אָט דעם ערשטן אַרויסלאָז איבער די גאַסן פון דער גרויסער, פרעמדער וועלט האָט זיך אַרויסגעהערט דער ספּעציעל־יידישער קרעכץ, דער אָנגעזאַמלטער צער פון דורות; דער אָפּקלאַנג פונם יידישן מאַרטירער־צער האָט פול געמאַכט די פּאַריזער לופט און דערציילט וועגן אייביקע וואָגלער, וואָס זוכן זיך אַ רואיק ווינקעלע אויף גאָטס ערד און אַ שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינד.

## 6.

משהלעס טאַטע האָט זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצן טאָג איבער די פּאַריזער גאַסן און אינאָוונט איז ער אַהיימגעקומען אַ צופרידענער. אחוץ אַ פּאָר פראַנק, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער נאָך אַרויסגעקליבן אַ פּאָר הויזן, וועלכע זענען גוט פאַר אים אָנצוטוען, און עטלעכע פיל־קאָלירנדיקע קרישטאַל־גלעזלעך פאַר משהלען.

משהלע האָט זיך טאַקע מיט די גלעזלעך גאָר שטאַרק דערפרייט. די

---

*) אַ הענדלער פון מלבושים, שמאַטעס.

פּאַלאַצן מיט די מירמלשטיינערנע טרעפּ איז ער שוין מוחל. ער ווייס שוין אַז דאָס איז נישט פאַר אים... ער איז איבער דעם איינעם טאָג פיל עלטער געוואָרן. משהלע קוקט דורך די גלעזלעך און פרייט זיך:

— אָ, אַ גרינער טאַטע!

— אַ רויטע מאַמע!

— אַ סך טאַטעס!

— הונדערט מאַמעס!

— און מען עסט וועטשערע, אַן אָרעמע באַשיידענע וועטשערע, אָן לעקעך און אָן פּאָמעראַנצן. אינמיטן עסן פאַרטראַכט זיך משהלע: ער ווייסט שוין אַז ער וועט האָבן צו שרייבן צו זיין חבר, וועגן שיינע זאַכן, וואָס געפינען זיך אין פּאַריז. ער וועט מסתמא אין אַ פּאָר טעג אַרום אַליץ זען, זיין חבר זשאַק האָט אים צוגעזאָגט צו ווייזן, וועט ער דאַן שרייבן צו זיין חבר. ער ווייסט אָבער נישט, צי זאָל ער אויך שרייבן, אַז זיין טאַטע נעמט יעדן אינדערפרי אַ האַנט-וועגעלע מיט וועלכן ער לאָזט זיך אַרויס אין דער גאַס אַריין, און ער זאָגט אָן דער וועלט מיט אַ ימים-נוראימדיקן ניגון, אַז ער קויפט אַלטע שמאַטעס, אייזן און האָזן-פעלעכלעך, פאַר וועלכע ער צאָלט די בעסטע פרייזן?...

# אויף בולוואר דע בעלוויל

א הייסער זומערדיקער שבת נאָכמיטאָג. אויפן גרויסן, ברייטן בולוואַר דע בעלוויל, וועלכער שיקט אַרויס פון זיך, ווי דינע אָדערלעך, קליינע, שמאָלע און געדרייטע בערגיקע געסלעך, געדיכט באַוואוינט מיט יידן — שפּאַצירן יידן אין אַלטע גלאַנציקע, שוואַרצע רעק, האַרטע קאַפּעליושן מיט פאַרפּעצטע ראַנדן; ווייבער, מיט אַלטע צעקנייטשטע פּנימער און אָנצייניקע מיילער, זענען אויסגעפּוצט אין זיידענע בלוזקעלעך און ווייסע פאַרטוכלעך. מען שפּאַצירט זיך גלאַט אַזוי, לכבוד שבת. מען דערמאָנט זיך אין אַמאָליקע יאָרן, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ וועלט, יידן זענען נאָך געווען יידן און דאָס לעבן האָט נאָך געהאַט אַ טעם. ביים דערציילן צינדן זיך אָן די אַלטע פאַרלאָשענע אויגן און זיי באַקומען אויף אַ ווײַלע אַ יוגנטלעכן גלאַנץ. דערציילט מען זיך מעשות פון אַמאָליקע יידן — גבורים, וועלכע האָבן מיט אַ דישעל פון אַ וואָגן צעשלאָגן אַ גאַנצן מאַרק פּויערים, פון אַמאָליקע ערלעכע און שטילע יידן און דער עיקר פון דער גוטסקייט און באַטעמטקייט פון אַמאָליקן שבת.

און אַזוי רעדנדיק און אָפּטונקנדיק זיך אין זכרונות, וואַרפט מען אַריבער אַ בליק צום טראָטואַר, וואו אין די קאַפעס איז פאַרזאַמלט דאָס יונגוואַרג, וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגענומען די „פּעי" *), אָפּגעגעסן אַ שבתדיקן מיטאָג, אפילו אַ טשאָלנט, געקויפט זיך לכבוד שבת אַ בעסער ציגאַרעטל און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ גלאָז ביר בײַ דער טעראַסע פונם קאַפע. אַנדערע שפּאַצירן געמיטלעך אויפן טראָטואַר, אָנגעטוענע אין די שבתדיקע קאָסטיומען און מען דיסקוטירט און מען האַמפּערט זיך וועגן דער צוקונפט פון יידיש, וועגן רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע, וועגן טראָצקין און סטאַלינען און וועגן הונדערטער אַנדערע זאַכן וואָס באַלאַסטן דעם מוח פון אַ יידישן אַרבעטער.

---

*) לוין

קוקט דער אַלטער דור אַריבער צום טראָטואַר, זעען זיי דאָס יונגוואַרג מיט די שבתדיקע ציגאַרעטן, די יידישע טעכטער אָפּגעפּאַרבטע און אָפּגע-פּודערטע, טוט זיי נעבעך ווי דאָס האַרץ אויפן הייליקן שבת וואָס ווערט פאַרשוועכט, אויפן יידישקייט וואָס גייט אונטער, רייסט זיך אַרויס אַ קרעכץ, באַרעקן זיך די שבתדיקע געזיכטער מיט אומעט.

גייט אַ באָבע מיט אַן אייניקל ביי דער האַנט. דער זון האָט אַן „אַטע-ליע", אַרבעט מיט אַ פּאָר מענטשן. איצט, שבת נאָך מיטאָג, שטייען די מאַשינען איבערגעדעקט און ער מיטן ווייב זענען געגאַנגען אין טעאַטער אַריין. דאָס איינציקע קינד האָט מען איבערגעלאָזט אויף די הענט פון דער אַלטער מאַמען, וועלכע קאָכט זיך עסן אין אַ באַזונדער טעפּל און גאַנצע טעג זאָגט זי תהילים, בעטנדיק גאָט פאַר אירע קינדער, דעם זון מיט דער שנור, ער זאָל זיי נישט שטראָפן, דערפאַר וואָס זיי דינען אים נישט אַזוי ווי מען דאַרף.

גייט זי, די באָבעשי מיטן אייניקל ביים הענטל, וואַרפט אַריבער בלי-קען דאָרט צום טראָטואַר, זעט דאָס יונגוואַרג וואָס האָט אינגאַנצן פאַרלאָזן גאָט און זיינע וועגן, און זי פילט אַז אויך איר אייניקל וועט מסתמא זיין פון יענע דאָרט אויפן טראָטואַר, נישט פון די דאָ אויפן בולוואַר, פילט זי, די באָבעשי, אַז זי דאַרף דעם קינד איבערגעבן כאָטש אַביסל יידישקייט זי האַלט דאָס קינד פעסט ביים הענטל, ווי פילנדיק אַז דער טראָטואַר דאָרט ציט איר אייניקל מיט אַ שטאַרקן מאַגנעטישן כוח צו זיך און וויל עס אָפּ-רייסן פון דאָ-אָ, וואו איבער די קעפּ שמייכלט נאָך דער הימל ליבלעך און שבתדיק... ווייסט זי נישט, די אַלטיטשקע, וואָס זאָל זי דעם קינד אַזעלכעס זאָגן, חוץ דעם איז פאַראַן נאָך אַ מויער צווישן איר און דעם קינד: זי קען נישט צופיל פראַנצויזיש און דאָס קינד קאָן נישט צופיל יידיש.

איז זי זיך מישב, די אַלטיטשקע, און דערציילט דעם קינד אַ מעשה, זייער אַ שיינע מעשה וועגן אַ ייד, וואָס האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט, איז געקומען אויף אַן אָרט, וואו ער האָט נישט געקענט קריגן עפּעס אַנדערש ווי טרפה עסן.

— קעם קע סאַ ווע דיר? *) — פרעגט דאָס קינד, הערנדיק דאָס אים אומבאַקאַנטע וואָרט „טרפה".

---

*) וואָס הייסט דאָס?

— דאָס הייסט מיין קינד — זאָגט די אַלטיטשקע און זי דריקט דאָס קינד פעסטער ביים הענטל — אַזאַ עסן וואָס אַ ייד טאָר נישט עסן. זעסט, אַז די „גראַנ'מער" *) קאָכט זיך עסן אין אַ באַזונדער טעפּל? דאָס איז כשר, אַלעס אַנדערע איז טרפה.

— און פאַרוואָס עסט פּאַפּאַ, פאַרוואָס עסט מאַמאַ?

דער אַלטיטשקער לייגט זיך אויס אַ פינסטערע גרימאַסע אויפן פּנים. אַ ווײַלע פאַרלירט זי זיך און זי ווייסט נישט וואָס דעם קינד צו ענטפערן, דאַן זאָגט זי:

— דער פּאַפּאַ איז נישט אַזוי פרום ווי יענער ייד איז געווען, דער פּאַפּאַ אַז מ'זאָגט אים ס'איז כשר, גלייבט ער.

נעמט דאָס קינד אָן דעם תירוץ און עס וויל שוין וויסן וואָס מיט דעם ייד איז געווען. זעצט זיך די אַלטע צו אויף אַ באַנק, זיך אַביסל אָפּרוען און זי דערציילט ווייטער...

...דריי טעג האָט דער ייד געפאַסט און ער האָט גאָרנישט געגעסן. פון שענסטן און פון בעסטן האָט ער געהאַט, אָבער ער האָט זיך צו גאָרנישט געוואָלט צורירן, נאָר כשר עסן האָט ער געוואָלט. אויפן פערטן טאָג איז גע-קומען צו פליען אַ טויב און געבראַכט דעם ייד כשר עסן.

געפעלט עס דעם קינד, וואָס אַ טויב קומט צו פליען און ברענגט אַ מענטשן צו עסן. אָבער נאָך בעסער געפעלט אים, ווען די באָבעשי דערציילט, אַז די טויב איז אייגנטלעך גאָר קיין טויב נישט געווען, נאָר אַ גילגול פון אַ גרויסן צדיק, וועלכער האָט שטענדיק געטון לויטער גוטס, איז געווען זייער אַן אָפּגעהיטענער ייד, נאָר איין איינציק מאָל אין זיין לעבן האָט ער דורך אַ טעות געגעסן טרפות, דערפאַר האָט ער געמוזט נאָך אַמאָל מגולגל ווערן אין אַ טויב און זיין נשמה האָט געקאָנט קומען אין גן־עדן אַריין, ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעקויפט זיין זינד דערמיט, וואָס ער האָט דעם יידן געבראַכט כשר עסן.

אַ שווער שטיקל אַרבעט האָט זי, די אַלטיטשקע, צו געבן צו פאַרשטיין דעם קינד וואָס עס הייסט אַזוינס גילגול. חוץ דעם האָט דאָס קינד נאָך אַ גאַנצע ריי פראַגן צו שטעלן. אָבער די באָבעשי האָט אויף אַלעם אַן ענטפער, און מיט גרויסע פאַררויסענע און פאַרחלומטע אויגן הערט דאָס

---

*) באָבע.

קינד די וואונדערלעכע מעשה און נעמט אָן אַלע ענטפערס וואָס עס באַקומט אויף די געשטעלטע פראַגן. אָבער דעם קינד איז אַ שאָד וואָס די מעשה האָט זיך שוין געענדיקט. עס וואָלט וועלן הערן נאָך און נאָך. בעט עס זיך ביי דער באָבעשי:

— אַנקאָר.

די באָבעשי זאָל דערציילן נאָך אַזעלכע שיינע געשיכטעס, זיי געפעלן אים.

איז די אַלטע נישט פויל. זי דערציילט נאָך און נאָך. זי דערמאָנט זיך מעשיות פון „קב הישר" און אַנדערע הייליקע ספרים, און זי דערציילט דעם אייניקל, וואָס שלינגט יעדעס וואָרט אירס און קוקט אויף איר מיט אַזעלכע גרויסע פאַרריסענע אויגן.

דערציילט זי איצט דעם קינד אַ געשיכטע פון אַ גביר, אַ קאַרגן און אַ שלעכטן, וואָס האָט געהאַט זייער פיל געלט, אָבער קיין גראָשן צדקה האָט ער נישט געוואָלט געבן. טאָמער איז צו אים אריינגעקומען אַן אָרימאַן אַ הונגעריקער, האָט ער אים ארויסגעוואָרפן, די הינט אויף אים אָנגערייצט. איז אָבער פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס פאַרנעמט דאָס געשריי פון אַ הונגעריקן. האָט גאָט באַשאַפן שדים און רוחות, וועלכע וואַרטן נאָר אויף אַ באַפעל צו קענען אימיצן שלעכטס טון.

...האָבן די שדים און רוחות פאַרנאַרט דעם שלעכטן גביר, אים פאַר־פירט אויף פוסטע פעלדער און וויסטע וועגן, דאָרט איז ער געלעגן דריי טעג אָן עסן...

פרייט זיך דאָס קינד אויף גאָטס גערעכטע שטראָף:

— ביען פע פור לואי *)!

דערפאַר אַז די באָבעשי ענדיקט די מעשה, אַז גראָד דעמאָלט ווען דער גביר האָט געשפּירט אַז אָט-אָט גייט ער אויס פון הונגער און דורשט, איז געקומען אַן אָרימאַן און האָט אים געבראַכט ברויט מיט וואַסער, און אַז דער גביר האָט אין דעם אָרימאַן דערקענט איינעם, וואָס ער האָט אים ארויסגעוואָרפן און נישט געוואָלט געבן קיין שטיקל ברויט— עפענט דאָס קינד צוויי גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן, וועלכע ווערן פאַרלאָפן מיט טרערן.

---

*) גוט אויף אים.

אַזוי דערציילט די אַלטיטשקע דעם קינד איין געשיכטע נאָך דער אַנ־דערער, וועלכע זי דערמאָנט זיך. דאָס קינד הערט אויס מיט גרויס אינטע־רעס און אויך דער אַלטער גלוסט זיך גאָרנישט אויפצוהערן, זי האָט אַליין הנאה פון די מעשיות, וואָס זי דערציילט. חוץ דעם שפירט זי אַז זי טוט דאָ אויף אַ גרויסע זאַך: זי גיט איבער איר אייניקל אַ ביסל יידישקייט.

אינמיטן דערציילן קוקט אָבער די אַלטע אַריבער צום טראָטואַר, זי זעט די יונגעלייטלעך מיט די שבתדיקע ציגאַרעטלעך. זי זעט דעם טומל אויפן פּאַריזער בולוואַר און איר אַלט פּנים פאַרוואָלקנט זיך. זי פילט אַז אַט די מעשיות, ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, זענען נישט בכוח זיך אַקעגנ־צושטעלן דעם רוישיקן און שטורמישן לעבן, וואָס שווענקט אָפּ ווי אַ גע־וויטער, די חורבות פון איר אָפּשטאַרבנדיקער וועלט.

# פרנסה

## .1

די קליינע עלפיעריקע ראַשעל העלפט צו דער מוטער צו דער פרנסה.

ריכטיקער וואָלט איינגנטלעך געווען צו זאָגן, אַז די מוטער העלפט דער טאָכטער צו, וואָרים ראַשעל פאַרדינט פיל מער פאַר דער מוטער. ראַשעל איז כמעט די איינציקע פרנסה-געבערקע, די איינציקע שפּייזערקע פון דער שטוב. ראַשעל ווייס דאָס. וואָרים זי זעט, אַז יעדן אָוונט, ווען זיי קומען אַהיים פון גאַס, זי מיט דער מוטער, און * די מאַמע ציילט-איבער דאָס פאַרדינסט, איר אייגנס און דער עלפיעריקער ראַשעלס, שיינט איר דאָס פּנים אויף, בשעת זי ציילט ראַשעלס געלט — אַ גאַנצן הויפן מיט פראַנקען, וועלכע ווילן זיך, דאַכט זיך, גאָרנישט אויסלאָזן.

— און, אַ וויי־טאָג די שונאים! זי האָט דאָך מער פאַרדינט פאַר דער מאַמען...

די מאַמע גיט דעמאָלט אַ קרעכץ, עפּעס אַזאַ מאָדנעם קרעכץ, וואָס ראַשעל פאַרשטייט אים נישט. וואָרים, אַז מ'האָט ווידער פאַרדינט, איז דאָך גוט, טאָ וואָס איז דאָס קרעכצן? טיילמאָל גיט איר די מאַמע אַ קוש אין קאָפּ, און די אויגן באַפייכטן זיך איר בשעת מעשה. דאָס פאַרשטייט ראַשעל ווידער נישט: אַז ס'איז דאָ געלט, אַ גאַנצער הויפן מיט פראַנקען—טאָ וואָס דאַרף די מאַמע וויינען? און יעדעס מאָל גיט איר די מאַמע אַ האַלבן פראַנק, זי זאָל זיך עפּעס קויפן, מיטצונעמען אינדערפרי אין „עקאָל" *) אַריין. דאָס פאַרשטייט שוין ראַשעל יאָ; זי פאַרשטייט, אַז אויב זי האָט פאַרדינט אַזוי פיל געלט, קומט איר כאָטש אַ האַלבער פראַנק.

פונדעסטוועגן וועט ראַשעל קיין גאַנצן האַלבן פראַנק נישט אויסגעבן, זי איז יוצא מיט צוויי סו: די רעשט געלט לייגט זי אַוועק. אַז עס זאַמלט

---

*) שולע.

זיך איר אָן אַביסל קליינגעלט פאַר פינף פראַנק, בייט זי עס אויס אויף אַ פּאַפּירל, איין פּאַפּירל לייגט זי צו צום צווייטן. און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, מען קומט אַהיים אויפדערנאַכט פון גאַס, די מאַמע ציילט איבער דאָס פאַרדינסט, איר אייגנס און ראַשעלס, נעמט נאָך אַרויס אַביסל געלט, וואָס זי האָט געהאַט ערגעץ אַוועקגעלייגט, ציילט און ציילט, און קרעכצט דערביי: „וואו וועל איך נעמען צו באַצאָלן דאָס דירה-געלט, אַ וויטאָג די שונאים", — דעמאָלט נעמט ראַשעל אַרויס אַ גאַנצן פּופּציקער, וואָס זי האָט צונויפגעזאַמלט, דערלאַנגט עס דער מאַמען מיט שטאָלץ און מיט צופרידנקייט. די מאַמע נעמט צו דאָס געלט, קושט דעם קינד אין קאָפּ אַריין, און די אויגן ווערן איר פייכט. פאַרשטייט ראַשעל ווידער נישט: אַז ס'איז שוין דאָ געלט צו באַצאָלן דירה-געלט, איז דאָך גוט — טאָ פאַרוואָס וויינט ווידער די מאַמע?

.2

שוין לאַנג, אַז די מאַמע נוצט ראַשעלן צו צו דער פּרנסה. זייט דע-מאָלט, ווען דער טאַטע האָט, נאָכדעם ווי ער איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיי — פון צייט צו צייט, אַזעלכע דערשראָקענע, אַזעלכע רחמנות-בעטנדיקע — געעפנט, זיך אַרומגעקוקט און צוריק פאַרמאַכט, ביז ער האָט זיי געשלאָסן אויף אייביק. אַ גאַנצע וואָך איז נישט די מאַמע, נישט איר גרויסע שוועסטער סאַראַ נישט אַרויס פון שטוב. מ'איז געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך און געגעסן פון די פּעקלעך, וואָס מענטשן מיט אַזעלכע רחמנותדיקע פּנימער האָבן אַריינגעבראַכט. שפּעטער האָט די מאַמע זי גענומען ביי דער האַנט, און אין דער אַנדערער האַנט האָט זי גענומען אַ קיישל מיט אַזעלכע ניסלעך, וואָס אַלע רופן „קאַקאַעט", און די מאַמע רופט עס ארץ-ישראל-ניסלעך, די ניסלעך זענען געווען פאַרפּאַקט אין אַזעלכע פּאַפּירענע זעקלעך, און די מאַמע איז מיט איר געגאַנגען פון איין קאַפע צו דעם צווייטן.

ראַשעל האָט שוין דעמאָלט געזען, אַז אַלע מענטשן, וואָס קויפן ביי דער מאַמען אַ זעקל ניסלעך, קוקן אויף איר, ראַשעלן, אַזוי מאָדנע... ראַשעל האָט אָט דעם בליק נישט געגוי פאַרשטאַנען, דאָך האָט זי געפילט, אַז זי האָט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס די מאַמע לייזט... און די קליינע ראַשעל

וואָס איז דעמאָלט קוים זיבן יאָר אַלט געווען, האָט זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ גרויסע, וואָס העלפט-מיט צו דער פּרנסה אין שטוב.

### 3.

איר שוועסטער סאָראַ איז שוין אַליין געגאַנגען מיט אַזאַ קיישל גיסלעך, און ראַשעלע האָט זי מקנא געווען, געקוקט אויף איר מיט דרך-ארץ. און אַז ראַשעלע פלעגט זען, ווי סאָראַ קומט אַהיים, אַזוי גוט ווי די מאַמע, מיט איר קיישל, ציילט-איבער איר פאַרדינסט און גיט עס דער מאַמען, האָט זי געהאַפּט אויף דער צייט, ווען זי וועט שוין זיין אַ גרויסע און אויך גיין אַליין, נישט ווי היינט, וואָס די מאַמע האַלט זי ביים הענטל, לאָזט זי נישט אָפּ אויף אַ מינוט, אַז די האַנט טוט איר אַזש ווײ.

ראַשעלע ווייסט, אַז סאָראַ גיט נישט אַלץ אָוועק דער מאַמען, זי נעמט זיך אַראָפּ עפּעס געלט. און זי, ראַשעלע, מאַכט-אָפּ ביי זיך, אַז ווען זי וועט זיין גרויס און אַליין גיין, וועט זי פאַר זיך קיין סאַנטים נישט אַראָפּ-נעמען — אַלץ וועט זי אָוועקגעבן דער מאַמען.

### 4.

נישט איבערצוגעבן און נישט אָפּצושאַצן איז די פרייד, וואָס ראַ-שעלע האָט געהאַט, ווען די מאַמע האָט, אין אַ שיינעם זומערטאָג, איר גע-געבן אַ קיישל מיט בלומען, אויסגעלערנט זי, וויאַזוי זי זאָל צו אַ דאַמע אָדער צו אַ „מאָנסיע“ צוגיין אָנביטן אַ בינטל בלומען, און אַרויסגעפירט זי צו די קאַפעס אויף די גרויסע בולוואַרן. זי האָט זיך אין אָנהייב אפילו אַביסל געשעמט — אָבער אַלץ בעסער ווי אָן אויפהער געהאַלטן צו ווערן פון דער מאַמען ביי דער האַנט. נאָכדעם ווי זי האָט פאַרקויפט עטלעכע בינטלעך בלומען און פון מאַנכע נאָך באַקומען אַזאַ צאַרטן גלעט איבערן בעקל — האָט זי זיך שוין געפילט אויסגעצייכנט.

פון איין זאַך נאָר האָט ראַשעלע עגמת-נפש: זי וואָלט געוואָלט, אַז אירע חברטעס אין „עקאָל“ זאָלן וויסן, אַז זי פאַרדינט געלט. זי וואָלט זיך טאַקע געוואָלט באַרימען, אַז נאָכדעם ווי זי קומט אַהיים פון שולע, מאַכט זי קודם די שול־אויפגאַבן, פאַרוואָס זי באַקומט פון דער „מעטרעס“ *)

*) לערערין.

שטענדיק אַ גוטן נומער; דערנאָך ערשט גייט זי אַרויס אויף די גרויסע בולוואַרן — ווינטער מיט ניסלעך, און זומער מיט בלומען, און זי פֿאַרדינט געלט, אַ סך געלט. און אַז דאָס גאַנצע געלט גיט זי אַוועק דער מאַמען. דאָס אַלץ וואָלט ראַשעל זייער געוואָלט דערציילן אירע חברטעס אין שולע, און זאָלן זיי וויסן ווער זי איז, און זאָלן זיי וויסן דעם חילוק פֿון איר ביז זיי. זאָגט איר אָבער די מאַמע אָן יעדן טאָג, ווען זי גייט אין שולע אַריין, זי זאָל זיך נישט דערוועגן צו דערציילן קיינעם, וואָס זי טוט, ווען זי קומט אַהיים פֿון דער שולע. פֿאַרשטייט ראַשעל נישט: פֿאַרוואָס וויל די מאַמע נישט, זי זאָל דערציילן? ביי איר איז עס דאָך אַזאַ כבֿוד, אַזאַ שטאָלץ!

עפּעס אַזאַ מאָדנע איז זי, די מאַמע אירע. אַ גוטע מאַמע, אַ ליבע און אַ האַרציקע מאַמע, אָבער מיט אַ סך זאַכן פֿאַרשטייט זי ראַשעל נישט. אָט טאַקע דאָס: פֿאַרוואָס וויל זי נישט, די מאַמע, זי זאָל דערציילן פֿאַר עמעצן, אַז זי פֿאַרקויפֿט בלומען? אָבער אַז די מאַמע הייסט נישט, וועט ראַשעל נישט דערציילן. ראַשעל פֿאָלגט די מאַמע, וואָרים ראַשעל קען נישט פֿאַרטראָגן דער מאַמעס טרערן, זיי טוען איר אַזוי וויי — אַ סך מער ווי די פּאָר סטוסאַקעס, וואָס זי באַקומט אַמאָל.

5.

ראַשעל האָט אַמאָל אָפּגעטוען אַ נאַרישקייט: זי האָט זיך באַרימט פֿאַר אירע חברטעס, אַז איר גרויסע שוועסטער איז אַזאַ שיינע, זי גייט אַזוי שיין אָנגעטון, זי וואוינט שוין נישט מיט איר און מיט דער מאַמען צוזאַמען, נאָר פֿאַר זיך אַליין אין אַ שטוב וואוינט זי, אין אַזאַ שיינער שיין ריין בעטגעוואַנט, מיט אַ זיידענער קאָלדרע. און אַזאַ שיין פּלישן אין שטוב. אַזעלכע שיינע זאַכן שטייען דאָרט: אַ שיין ברייט בעט, מיט שיין ריין בעטגעוואַנט, מיט אַ זיידענער קאָלדרע. און אַזאַ שיין פּלושן סאָפֿקעלע איז דאָ ביי איר שוועסטער אין שטוב, און בילדער, אַזעלכע שיינע קאַרטן, הענגען אויף די ווענט און אַזאַ שיינעם שפּיגל האָט זי, איר שוועסטער, און אַזאַ שיינעם וואַש-טיש, אויף וועלכן ס'שטייען אַ סך פֿלעשלעך, מיט אַזעלכע שמעקעדיקע וואַסערן, מיט אַזעלכע טייערע זייפֿן, זי, ראַשעל, איז אַמאָל געווען ביי איר, ביי דער שוועסטער, זי האָט זי אַמאָל אַרויפֿגע-

נומען און געגעבן אזעלכע גוטע באַנבאַנס — האָט זי דאָס אַלץ געזען.

זאָגט איר אָבער איינע, אַ חברטע אירע, אַז איר שוועסטער איז אַ סך שענער, גייט אַ סך שענער אָנגעטון, וואוינט אין אַ סך אַ שענערער שטוב און האָט אַ סך שענערע זאַכן... ראשעל ווייס, אַז ס'איז נישט מעגלעך אַז קיין שענערע שוועסטער פאַר אירער איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ, דאָך פרעגט זי די מאַמען. איז די מאַמע זי מכבד מיט אַ פּאָר סטוסאַקעס, זי זאָל נישט רעדן, וואָס מען פרעגט ביי איר נישט און דערנאָך עפּנט זיך איר ערשט אַ קוואַל טרערן. זי ווייס נישט מיט וואָס זי האָט געזינדיקט, פאַרוואָס זענען געוועזן די קלעפּ, און פאַרוואָס וויינט די מאַמע? דאָך איז זי די קלעפּ מוחל. אַ מאַמע מעג אַמאָל שלאָגן, ווען אפילו עס דאַכט זיך, אַז זי איז אומגערעכט — מסתמא ווייסט זי וואָס זי טוט. אָבער די טרערן, אָט-אָ דער זאַלציקער שטראָם, וואָס וויל זיך גאָר נישט אָפּשטעלן, דאָס קען שוין די קליינע ראשעל נישט פאַרשטיין. נו, וואָס איז, אַז זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט אַ שיינע שוועסטער? ערשטנס, איז עס אמת, און ווען אפילו נישט — דאַרף די מאַמע אַזוי וויינען?

## 6.

קלערט זי און קלערט, די קליינע ראשעל, און דערקלערט זיך די זאַך אַזוי:

אַ שיינע איז זי טאַקע, איר שוועסטער סאַראַ — דאָס זעט דאָך יעדער, און די מאַמע ווייס עס אויך; און שוין וואוינט זי אויך — דאָס האָט זי דאָך אַליין געזען, ווען זי איז געוועזן ביי איר, און קיינער וועט עס איר נישט אָפּלייקענען. קען זיין, אַז די מאַמע ווייס עס נישט, וואָרים די מאַמע איז נאָך קיינמאָל נישט געוועזן ביי איר. נאָר די מאַמע, טראַכט זיך ראַשעל, איז בייז אויף סאַראַ. און זי גיט דער מאַמען גערעכט. וואָרים סאַראַ פאַרדינט דאָך געוויס אַ סך געלט. אין דעם איז זי זיכער, כאָטש זי ווייס נישט, וואָס זי טוט. (זי האָט עס אַמאָל געפרעגט ביי דער מאַמען, האָט זי באַקומען אַ פּאָר סטוסאַקעס, און די מאַמע האָט שוין אַ גאַנצן טאָג גע-וויינט). וואָרים, אויב זי וואָלט נישט פאַרדינט אַ סך געלט, וואָלט זי נישט געקענט גיין אַזוי שיין אָנגעטון און וואוינען אין אַזאַ שיין צימער, און אַזעלכע שיינע „מאַנסיעס“ וואָלטן נישט מיט איר שטענדיק געגאַנגען...

ס'איז אַלזאָ זיכער, אַז זי פאַרדינט גוט. און דאָך גיט זי נישט דער

מאַמען גאָרנישט. ראַשעלע טראַכט זיך, אַז ווען סאַראַ וואָלט געווען אַזוי גוט, ווי זי איז שיין, וואָלט זי נישט געדאַרפֿט וואוינען אַליין אין אַזאַ שיין צימער, און לאָזן די מאַמען מיט דער שוועסטער אין אַזאַ נאַסער און פֿינסטערער וואוינונג. פֿאַר דעם געלט וואָלט שוין געקענט זיין אַ דירה פֿאַר אַלע צוזאַמען. און דאָס געלט, וואָס זי פֿאַרדינט, האָט זי אויך געדאַרפֿט געבן דער מאַמען, מען זאָל לעבן צוזאַמען. ניין, זי איז נישט גערעכט די שוועסטער אירע; נישט אומזיסט איז די מאַמע אַזוי בייז אויף איר...

און ראַשעלע פּאַסט אָפּ ביי זיך, אַז ווען זי וועט זיין גרויס, זי וועט טון דאָס וואָס סאַראַ, און פֿאַרדינען אַזוי פֿיל געלט, וויפֿיל זי, וועט זי דינגען אַ שיינע דירה פֿאַר זיך מיט דער מאַמען, און דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי וועט פֿאַרדינען, וועט זי אָוועקגעבן דער מאַמען. זי איז זיכער, אַז זי וועט אַזוי טון, אַז זי וועט נישט זיין ווי סאַראַ, וואָרים ווען סאַראַ איז געגאַנגען מיט אַ קיישל ניסלעך, וואָס אַלע רופֿן „קאַקאָעט", און די מאַמע רופֿט עס „ארץ-ישראל-ניסלעך", האָט זי זיך שוין אויך אַראָפּגענומען געלט. זי, ראַשעלע, האָט דעמאָלט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זי וועט שטענדיק אָוועקגעבן ס'גאַנצע געלט דער מאַמען — און זי האַלט טאַקע וואָרט. זי האָפֿט, אַז אויך איצט וועט זי וואָרט האַלטן.

איינמאָל קען זיך טאַקע ראַשעלע נישט איינהאַלטן, און אַז זי זעט, ווי די מאַמע וויינט — און זי וויים, ראַשעלע, אַז ווען די מאַמע וויינט, איז עס נאָר איבער סאַראַן — ווייל זי איר לייכטער מאַכן, טרייסטן זי, זאָגט זי, ראַשעלע, צו דער מאַמען:

— מאַמע, אַז איך וועל זיין גרויס, אַז איך וועל טון דאָס, וואָס סאַראַ, און פֿאַרדינען אַזויפֿיל, וויפֿיל זי, וועל איך נישט זיין אַזאַ שלעכטע, ווי סאַראַ, — ס'גאַנצע געלט וועל איך אָוועקגעבן דער מאַמען.

די מאַמע אָבער איז ווי צעשראָקן געוואָרן פֿון דער קליינער ראַשעלעס טרייסט-ווערטער. זי לייגט איר אַרויף ביידע הענט אויפֿן מויל, זי זאָל נישט קענען קיין וואָרט מער אַרויסרעדן, און זי זאָגט, וויינענדיק:

— שווייג, קינד, רעד נישט. נישט דערלעבן וועט דאָס די מאַמע דיינע!

ראַשעלע רעדט טאַקע נישט מער. זי זעט, אַז די מאַמע גלייבט איר מסתּמא נישט. אָבער אין זיך האָפֿט זי אויף דער צייט, ווען זי וועט שוין זיין גרויס און פֿאַרדינען אַזויפֿיל, וויפֿל איר שוועסטער סאַראַ — וועט זי ווייזן דעמאָלט דער מאַמען, אַז זי וועט איר יאָ ס'גאַנצע געלט אָוועקגעבן...

# א נקמה פון אַ קינסטלער

דער מאָלער פּערסקי, מיטן קעסטעלע פאַרבן אין איין האַנט און מיטן גרויסן צייכן־העפט אין דער אַנדערער האַנט, איז מיט זוכנדיקע אויגן און מיט אַ שטאַרק געקנייטשטן שטערן געגאַנגען איבער די קאַפע־הייזער פון בולוואַר־מאָנפּאַרנאַס און געטראַכט זיינע טראַכטונגען, די טרויעריקע און בייזע. ער האָט ביי זיך אין געדאַנק געמאַכט אַ תל פון דער וועלט, וועלכע האָט אייגנטלעך נישט קיין פאַרשטענדניש פאַר קיין קונסט און קיין באַדערפעניש אין איר, זיך אָפּגערעכנט (אַלץ אין געדאַנק נאַטירלעך) מיט די קינסטלער, וועלכע פאַרשווערן די קונסט, דערמיט וואָס זיי צייכענען ביי אַ גלעזל קאַווע אין „קופּאָל" די פּאָרטרעטן פון אָנגעפּרעסענע בורזשויען און אַמעריקאַנער „אָלרייטניקעס" און זיי פאַרקויפן עס פאַר אַ פּאָר דאָלאַר.

פּערסקי ציט שטאַרק צוזאַמען דעם שטערן, זיין בליק ווערט אָנגעשטרענגטער און מיט כעס טראַכט ער, אַז עס איז נישט קיין חידוש, נישט דאָס וואָס דער קינסטלער און די קונסט האָבן אַזאַ פּנים ביים בורזשוי אין די אויגן און נישט דאָס וואָס קיין איינער פון די קינסטלער שאַפט נישט עפּעס רעכטס.

פּערסקי זעצט זיך אַוועק ביי אַ טישל, באַשטעלט אַ קאַווע, נישט טראַכטענדיק וועגן דעם אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין געלט אָט די קאַווע צו באַצאָלן. זיינע אַלע געדאַנקען זענען נאָר פאַרנומען מיט דעם ביטערן גורל פון דער קונסט און מיט דער מאָראַלישער געפאַלנקייט פון די קינסטלער.

און זיין כעס איז איצט אַזוי שטאַרק אַז ער געפינט נישט קיין ברעקל זכות פאַר די קינסטלער, אַז ער זאָל זיי קענען מוחל זיין. אַזוי איז שוין זיין טבע: דעמאָלט ווען ער איז אויף גאָר גרויסע צרות, ווען עפּעס אַ שטיקל פאַרדינסט וואָלט אים גאָר שטאַרק צוניץ געקומען און ער פילט אַז ווען אים אַליין קומט אונטער אַזאַ שטייגער פאַרדינסט ווי צייכענען דעם פּאָרטרעט פון אַן „אָלרייטניק" און פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר וואָלט ער זיך מסתמא אויך נישט אָפּגעזאָגט דערפון (כאָטש אין געדאַנק איז ער זיך אין דעם

נישט מודה) — דעמאָלט איז זיין כעס אויף די קינסטלער, וועלכע פאַר־שוועכן די קונסט, אַזוי שטאַרק, אַז ער געפינט קיין ברעקל פאַרענטפערונג נישט פאַר זיי.

אַזוי זיצנדיק מיט אַ צונויפגעצויגענעם שטערן און אַן אָנגעשטרענגטן בליק און ברענענדיק פאַר כעס, האָט פערסקי דערזען ביי אַ טישל קייגנאיבער אים אַ מאָדנעם פאַרשוין: אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ פול־אויסגעפּאַשעט רויט פּרצוף, גלייך מען וואָלט עס אָפּגעפּאַרבן, קליינע אייגעלעך, וועלכע מען האָט כמעט נישט אַרויסגעזען, אַ גרויסער שטערן, וועלכער האָט זיך צונויפגענאָסן מיט אַ ווייסן גלאַנציקן קאָפּ, אַ פליכעוואַטן און אַ בערגלדיקן. פערסקי האָט דעם פאַרשוין באַטראַכט און געזען ווי זיינע קליינע אייגעלעך פינקלען און אַרום זיי פעלדלט זיך. ס'איז פערסקין קלאָר געוועזן אַז דאָס באַטראַכט אים דער אַלרייטעניק מיט אַן איראָניש בליקעלע. האָט דאָס נאָך פאַרשטאַרקט דעם כעס אין פערסקין, אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגע־צונדן אַ גאַליקע און גיפטיקע שנאה, ער האָט געפילט אַז ער מוז זיך מיט אָט דעם זאַטן און מגושמדיקן אַלרייטניק אָפּרעכענען. און אַזוי ווי ער האַלט, פערסקי, אַז דאָס איינציקע געווער וואָס אַ קינסטלער פאַרמאָגט איז פאַרב און פענזל און אַזוי ווי ער האָט נאָכאַמאָל גוט באַטראַכט אָט דעם פאַרשוין און ער האָט נאָך געזען, אַז ביי אים איז פאַראַן אַ גרויסער אַראָפּ־הענגענדיקער גוידער, וועלכער פאַרשטעלט אינגאַנצן די שיינע בריליאַנטענע שפּילקע אין זיין קראַוואַט; און ליפּן האָט פערסקי ביי אים געזען, גראָבע און אַ קאַרק — אַ רויטן און געקאַרבטן — האָט ביי פערסקין אויפגעבליצט אַ געדאַנק אַז מען וואָלט געדאַרפט דעם פאַרשוין אַ צייכן־געבן, שפּעטער אויספאַרטיקן אַ בילד וועלכעס זאָל האָבן אַ נאָמען „דער קונסט־מעצענאַט“.

פערסקי האָט אויפגעמאַכט זיין קעסטעלע פאַרבן, איבערגעמישט דעם צייכן־העפט און גענומען צייכענען די ערשטע ליניעס.

דער פאַרשוין האָט עס באַמערקט און זיינע קליינע אייגעלעך האָבן זיך אויפסניי צעפינקלט און אַרום זיי האָט זיך ווידער געפעלדלט: ער פאַרשטייט שוין, טראַכט ער זיך, וואָס דאָס זאָל מיינען: אַ הונגעריקער קינסטלער וויל פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר, נעמט ער זיך צו צייכענען זיין פּאָרטרעט. ער קען שוין די קונצן, ער האָט שוין ליגן אפשר אַ צענדליק אַזעלכע פּאָרטרעטן וואָס מאַנפאַרנאַס־קינסטלער האָבן געמאַכט פון אים. פאַראַן אַזעלכע, וועלכע גייען איינפאַך צו און ביטן־אַן, צו צייכענען אַ פאַר־

טרעט. די מאַכן עס פאַר צוויי דאָלאַר. אָבער אַנדערע, די שטאָלצערע, זעצן זיך אַוועק און צייכענען כּלומרשט נאָר פאַר זיך, נאָר אַז מען בעט זיי שטאַרק פאַרקויפן זיי דאָס בילד. דער סאָרט קינסטלער מוז מען שוין באַצאָלן גאַנצע צען דאָלאַר פאַר אַ בילד. אים געפעלן אייגנטלעך שענער די בילדער, פון די וואָס פּראַווען נישט קיין שטיק און מאַכן פאַר צוויי דאָלאַר אַ בילד; אויף זייער בילד האָט מען אַ לייטיש אויסזען, פיל שענער ווי אין דער ווירקלעכקייט; אָבער קונסט-מבֿינים זאָגן אַז דווקא יענע בילדער, וואָס אין זיינע אויגן זענען זיי נישט אַזוי וואַזשנע, זענען וויכטיקער און אַ טייל פון זיי וועלן אפילו אַמאָל ווערט זיין אַ סך געלט ווען דער מאָלער וועט זיין וועלט-באַרימט.

אַזוי טראַכט זיך דער „אָלרייטניק“ שמייכלענדיק, און הגם ער מאַכט זיך נישט זעענדיק, באַמיט ער זיך אָבער דאָך צו זיצן אין אַ וויכטיקע פּאָזע אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומען פון אים אַן אינטערעסאַנט בילד.

דער פּאַרשוין זעט פערסקין אַ פּאַרטיפטן איבער זיין אַרבעט, ווי ער ציט צונויף די אויגן אַזוי, אַז ער לאָזט נאָר אָפן פון זיי אַ קליין שפּאַרעלע, ווי ער כאַפּט אויף אים אַ בליק פון אָט דעם שפּאַרעלע אויסבייגנדיק זיך אויף הינטערווייַלעכטס אַזוי וויט ווי עס דערלויבט אים די אָנלען פון שטול. טראַכט ער זיך, דער „אָלרייטניק“, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַזאַ מין אָנשטעל, צו קענען אַרויסציען נאָך עטלעכע דאָלאַר, עס איז שוין נישט קיין נייעס ביי אים. און שמייכלענדיק מאָלט ער זיך שוין אויס, ווי אַזוי יענער וועט פּאַרטיק מאַכן דאָס בילד, וועט ער עס אים צוטראָגן צו די אויגן, צו וועלן זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אים, דאַן וועט ער עס כּלומרשט אַוועקלייגן און זיך מאַכן אַוועקגיין, ער וועט וואַרטן אַז מען זאָל אים בעטן ער זאָל עס פאַרקויפן. אָ, ער קען זיי גוט די קבצנישע קינסטלער — טראַכט דער „אָלרייטניק“ און ער האָט דערביי אין זין אַז אַ בילד מיט אַ שמייכל איז אינטערעסאַנט — ער קען זיי. און ער פּאַסט טאַקע אָפּ ביי זיך, אַז דאָסמאָל, וועט אים דאָס בילד מעגן ווי געפעלן ווערן, וועט ער נישט זאָגן אַז ער וויל עס קויפן, איידער יענער וועט עס אים פאָרלייגן; ער וועט עס גאַנץ גלייכגילטיק באַטראַכטן — טראַכט ער זיך ווייטער און דאָס שמייכעלע צעגיסט זיך שוין איבער זיין גאַנצן פעטן פּרצוף — און ער וועט עס אים צוריקגעבן. און אויב יענער וועט עס אים פאָרלייגן צו קויפן, וועט ער אויך מער ווי פינף דאָלאַר נישט געבן.

אזוי טראַכט זיך דער „אַלרייטניק“ און שמייכלט צופרידן און ברייט.

פּערסקי האָט אָט דעם זאַטן און צופרידענעם שמייכל אויפגעכאַפּט ווי אַ מציאה. ער האָט אָט דעם געלעכטער אַ נעם געטון אויף זיין פּענזל און אים צעגאָסן איבערן גאַנצן פעט-שמאַלציקן פּנים. ער האָט אים פאַר-וואַנדלט אין אַ סימבאָל, אַ סימבאָל פון אַ ציניש-מעפּיסטאָפעלישן לאַכן — טאַקע אַזאַ געלעכטער דאַרף ער האָבן אין זיין סאַטירע וואָס וועט האָבן דעם נאָמען „דער קונסט-מעצענאַט“.

פּערסקי האָט געאַרבעט פיבערהאַפט, ענערגיש און אָנגעשטרענגט. ער האָט נישט געזען וואָס אַרום טוט זיך, פאַר אים האָט גאָרנישט עקזיס-טירט נאָר אַ געשטאַלט, אַ מיאוסע אומווירדיקע געשטאַלט וואָס שמייכלט פּליישיק... און די מיאוסקייט און אומווירדיקייט פון אָט דער געשטאַלט מוז ער אַרויסברענגען מיט דער גאַנצער בולטקייט, זיין גאַנצן האַס און פאַראַכטונג וואָס ער פילט צו אָט די זאַטע און ליידיקע נפשות מוז ער אויסלאָדענען אין אָט דער צייכענונג.

דער פאַרשווין האָט געזען, ווי אָנגעשטרענגט און פיבערהאַפט דער מאָ-לער אַרבעט ביים פּאָרטרעט, ער האָט געזען דעם פאַרטיפטן בליק און די נערוועזע האַסט-באַוועגונג. ער האָט געזען דעם מאָלערס גאַנצע אויפמערק-זאַמקייט און נישט ווילנדיק איז זיין שמייכעלע פאַרשוואונדן. ער האָט עפּעס רעספּעקט באַקומען פאַר אָט דעם ערנסטן קינסטלער, שפּעטער האָט אים שוין אַפילו באַהערשט אַ נייגעריקייט צו וויסן, ווי זעט ער עפּעס אויס ביי דעם קינסטלער, וועלכער האָט אַזוי ערנסט און אָנגעשטרענגט געאַרבעט איבער זיין פּאָרטרעט, און אַז פּערסקי האָט געענדיקט דאָס צייכענען, נאָכ-אַמאָל געוואָרפן אַ בליק, דאָ אויף אים, דעם מאָדעל, דאָ אויף דער צייכע-נונג, צוגעמאַכט דעם העפט, דאָס קעסטעלע פאַרבן און פאַרגעסנדיק אַז מען דאַרף באַצאָלן פאַר דער קאַווע האָט ער זיך אויפגעשטעלט — האָט דער „אַלרייטניק“ גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן זיין פריערדיקן באַשלוס, נישט אַרויסצואווייזן קיין אינטערעס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און צוריק אַרויפצווינגענדיק אויף זיך אַ שמייכעלע — שוין אַן אַנדערס ווי פריער — איז ער צוגעגאַנגען צו פּערסקין און העפלעך געבעטן:

— איר וועט אפשר דערלויבן אַ קוק צו טון?

פּערסקי האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט, אויפגעמאַכט דעם צייכן-

העפּט און מיט אַ נקמה־פּייערל אין די אויגן האָט ער עס אונטערגעטראָגן דעם פּאַרשוין אונטער דער נאָז.

יענער האָט אַ קוק געטון און אַ שרעק איז אים באַפאַלן... דאָס איז ער? עפּעס זענען די איינציקע ליניעס יאָ זיינע: זיין גרויסער שטערן מיטן פּליכעוואַטן קאָפּ, זיינע קליינע אייגעלעך די אַרומגעבעטע מיט פּעטס, זיין גווידער — אַפילו זיין שמייכל דערקענט ער. דאָך האָט ער זיך עפּעס דער־שראָקן פאַר אָט דעם בילד וואָס ער זעט דאָ פאַר זיך. דאָס מאַכט דאָך נישט קיין איינדרוק פון קיין מענטש, נאָר פון עפּעס אַ פאַרזעעניש... וואָס פאַר אַ ציל האָט ער געהאַט מיט דעם בילד, אָט דער מאָלער מיטן אומ־היימלעכן בליק אין די אויגן? וואָס וויל ער מאַכן דערמיט?

עס איז אים באַפאַלן אַ געפיל פון כעס און שרעק צוזאַמען. און אַז פּערסקי האָט צוריקגענומען די ציכענונג און זי רואיק אַוועקגעלייגט האָט ער אים געפרעגט:

— וואָס, אַזוי זע איך אויס?

— אַזוי זעט איר אויס אין מיינע אויגן...

— און צו וואָס דאַרפט איר דאָס, צו וואָס האָט איר געמאָלן אַ פּאָר־טרעט פון אַזאַ שרעקלעכן מענטש?

פּערסקי האָט נישט געענטפערט און זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

— וויפיל ווילט איר פאַר דעם?

אין דעם מאָמענט האָט זיך פּערסקי דערמאָנט אַז ער האָט נאָך נישט באַצאָלט פאַר זיין קאַווע און אַז ער פאַרמאָגט אַפילו נישט ביי זיך די צוויי פראַנק וואָס מען דאַרף פאַר דער קאַווע באַצאָלן. דאָס האָט באַנייט און אָפּגעפרישט זיין כעס, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלאָדנט אין בילד — און ער האָט געענטפערט:

— הונדערט דאָלאַר!

— הונדערט דאָלאַר? — האָט יענער געברענט פאַר כעס — אַנדערע, בעסערע קינסטלער פאַר דיר מאַכן שענערע בילדער פאַר צען דאָלאַר.

— איך האָב נישט געמאָלן פאַר אייך נאָר פאַר מיר, איך וויל עס איבערהויפּט נישט פאַרקויפן.

דער פאַרשוין האָט געביילט די פויסטן. ער האָט געזען ווי פּערסקי קלייבט זיך אַוועקצוגיין. עס איז ביי אים אויסגעקומען אַז ווען ער דערלאָזט אָט דאָס בילד אין פרעמדע הענט דערלאָזט ער די גרעסטע קאָמפּראָמיטאַציע

פאַר זיך. האָט ער מיט כעס אַרויסגעכאַפּט אַ הונדערט־דאָלאַר־באַנקנאָט פון טאַש און אים צוגעשלײַדערט פּערסקין:

— נאַ...

האָט פּערסקי פּאַמעלעך אַרויסגעריסן די צייכענונג פון זיין העפט און זי צוגעוואָרפן יענעם מיטן זעלבן וואָרט:

— נאַ...

האָט יענער גענומען דאָס בילד און גענומען עס רייסן, פריער אין אַ פּאָר גרויסע שטיקער, דערנאָך האָט ער פון די גרויסע שטיקער געמאַכט הונדערטער קליינע פּיצעלעך. און אַז ס׳איז שוין געווען זייער דראָבנע ברעקעלעך, האָט ער דעם הויפן ווידער צוגעוואָרפן פּערסקין:

— נאַ...

האָט פּערסקי גענומען דעם הונדערטער דאָלאַר־באַנקנאָט, געמאַכט מיט אים דאָס זעלבע, וואָס יענער מיטן בילד און אויך צוגעוואָרפן יענעם די ברעקלעך:

— נאַ...

און ווי ס׳וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געווען, האָט פּערסקי זיך אויפגעשטעלט און איז געגאַנגען זוכן עמיצן, וואָס זאָל באַצאָלן פאַר זיין קאַווע.

# דער סוד פון זיין דערפאלג

בעת אײנעם פון מײנע לעצטע באַזוכן אויפן מאָנפּאַרנאַס, דעם קינסטלער־פערטל אין פּאַריז, װאָס שטעלט מיט זיך פאָר, נישט נאָר אַ קאָנצענטראַציע פון קונסט און מענטשלעכן גײסט, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס איז עס אַ גרױסער בית־עולם פון באַגראָבענע יונגט־האָפענונגען — האָט מיך דערװאַרט אַן אָנגענעמע איבעראַשונג.

איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט אײנעם פון מײנע אַלטע באַקאַנטע, דעם מאָלער אַדאַמסקי, ער האָט אױסגעזען אַ טריומפירנדיקער, אַ שײנענדיקער, װי אַ מענטש פאַר װעמען די זון האָט מיט אײנמאָל אױפגעשײנט און ער האָט דאָס באַװאוסטזײן, אַז אַזױ העל־זוניק װעט שױן זײן דער גאַנצער לעבנסװעג זײנער.

אַדאַמסקין פלעג איך מיט יאָרן צוריק גאַנץ אָפט זען, װי ער פלעגט װאַנדערן פון אײן מאַנפּאַרנאַס־קאַפע צום אַנדערן און ער האָט געהאַלטן אין אײן זוכן מיט די אױגן אַ מענטש, בײ װעמען מען קען באַקומען אַ קלײן „הלװאהלע“, איך האָב אים געזען נישט אײנמאָל אײנבעטן זיך בײ קאָלעגן, מען זאָל אים מיטנעמען אויף אַ נאַכט איבערצונעכטיקן. דערבײ האָט פון זײנע אױגן אַרױסגעקוקט אַזױפיל צער, אַזױפיל געבעט...

איך האָב דאַן געװאוסט אַז די מאַטעריעלע צרות אַדאַמסקיס, זענען גאָרנישט אין פאַרגלײך מיט די לײדן װאָס עס פאַרשאַפט אים דאָס, װאָס זײנע קאָלעגן, די קינסטלער װילן אים נישט אָנערקענען. אַלע אױפן מאָנפּאַרנאַס, סײ די קינסטלער, סײ די קונסט־קריטיקער, האָבן געהאַלטן אַז די קרבנות װאָס אָט דער מענטש ברענגט, זענען אומנוצלעכע, װײל ער האָט נישט קײן טאַלענט. אָבער ער, אַדאַמסקי איז גראָד געװען זײער אײנגעגלײבט אין זיך און אין זײן טאַלענט.

עס האָט מיך דערפאַר באמת געפרײט, אַז כ׳האָב לעצטנס געהערט װעגן דער באַגײסטערטער קריטיק, װאָס זײנע אַן אױסשטעלונג האָט אַרױסגערופן.

אַז איך האָב אַדאַמסקין האַרציק גראַטולירט, האָט ער זיך צו מיר אָנגערופֿן:

— קומט, לאָמיר זיך אַוועקזעצן אין אַ רואיק ווינקל אין קאַפֿע, וועל איך אייך איבערגעבן דעם סוד פֿון מיין דערפֿאָלג, ס'קען זיין אַז אייך, אַלס שרייבער וועט עס נוצלעך זיין.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין קאַפֿע „דאָם" און אַדאַמסקי האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג:

***

— איר געדענקט דאָך ווי אַזוי איך פֿלעג זיך אַרומדרייען דאָ, אויפֿן מאָנפּאַרנאַס אַ הונגעריקער, ווי הונדערטער אַנדערע קינסטלער; איך האָב געהונגערט און געגלייבט, אַז דאָס הונגערן מיינס האָט אַ זין, אַ צוועק; איך האָב געגלייבט אַז די קרבנות וואָס איך ברענג זענען נישט קיין אומזיסטע, אַז איך לייד צוליב דער קונסט. אַנדערש האָבן אָבער געדענקט מיינע קאָלעגן. פֿאַר זיי בין איך געווען אַ פֿאַרטאַשטש, איינער פֿון יענע פֿאַרבן-שמירער, מיט וועלכע דער מאָנפּאַרנאַס איז פֿול. נישט איינמאָל האָט געטראָפֿן אַז איך פֿלעג ווייזן מיינס אַ בילד צו אַ קאָלעגע, איך האָב ממש געבעטלט מיט די אויגן אַ גוט וואָרט ביי אים. אַ וואָרט פֿון דערמוטיקונג, אָבער אָנשטאָט דעם האָט מיר יענער געזאָגט, אַז עס איז אַ שאָד די לייוונט און פֿאַרב וואָס איך מאַך קאַליע. פֿאַרשטייט זיך אַז אַזעלכע ווערטער האָבן מיך דערדריקט, איך האָב אָבער דאָך דעם גלויבן אין מיר נישט פֿאַרלוירן.

נאָך איין איינציקער מענטש איז געווען וואָס האָט געגלייבט אין מיין טאַלענט, פֿיל מער נאָך ווי איך אַליין האָב אין מיר געגלייבט. דאָס איז געווען אַ פֿרוי מיטן נאָמען ס אָ נ י ע . זי האָט געגלייבט אין מיר און האָט זיך באַמיט, אויך מיר צוצוגעבן מוט און גלויבן.

ווער איז דאָס געווען די סאָניע?

סאָניע איז געווען אַ פֿרוי וואָס פֿלעגט גאַנץ אָפֿט קומען אויפֿן מאָנפּאַרנאַס און צונויפֿנעמען די קינסטלער, וואָס דרייען זיך אינדרויסן אַרום די קאַפֿע-הייזער, מחמת אַוועקזעצן ביי אַ טישל קענען זיי זיך נישט ווייל זיי האָבן נישט פֿאַר אַ קאַווע צו באַצאָלן — זי פֿלעגט זיך מיט חברה אַוועקזעצן ביי אַ טישל און רעדן וועגן קונסט. פֿאַרשטייט זיך אַז ביים טישל וואו

סאָניע איז געזעסן האָט קיינמאָל נישט געמאַנגלט קיין מענטשן. פאַרוואָס? סאָניע האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז עס איז נאָר דערפאַר, ווייל פאַר אַלעם וואָס ווערט געטרונקען ביי איר טישל, לאָזט זי קיינעם נישט באַצאָלן. דאָס געהערט צו איר. זי איז אָבער געווען צופרידן דערפון. זי איז געווען היים פאַרליבט אין דער קונסט און צוליב דער קונסט — אין די קינסטלער. סאָניע פלעגט נישט זשאַלעווען קיין קאָמפּלימענטן און קיין דערמוטיקונגס-ווערטער פאַר אַ קינסטלער, ווען מען אַ בילד עס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַנטציקונג, פלעגט אויך גאַנץ אָפט פאַרלייגן אַן אָרעמען קינסטלער אַ הלוואה, ווען ער וועט זיין געדויס אין געלט וועט ער איר אָפּגעבן און נישט איינמאָל האָט זי טאַקע געקויפט ביי אַ קינסטלער אַ בילד.

איך האָב זיך באַקענט מיט סאָניען אויף אַ גאַנץ מאָדנעם אופן: איך האָב געוויזן פאַר קאָלעגן מיינס אַ בילד, וואָס איך האָב נאָר וואָס געהאַט געמאָלן און איך בין געווען דערפון באַגייסטערט. האָבן חברה באַלד אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן „מבינות“: איינער האָט געזאָגט אַז אין אַזאַ ביטערע צייט דאַרף מען זיין אַן אכזר, קאַליע צו מאַכן פאַרב און לייוונט אויף אַזעלכע זאַכן... ענלעכע חכמות האָבן אַרויסגעזאָגט אויך אַנדערע. דעמאָלט האָט זיך אויפגעשטעלט אַ פרוי, וואָס איך האָב אפילו נישט געוואוסט איר נאָמען, האָט באַטראַכט דאָס בילד און מיך געפרעגט:

— וויפיל ווילט איר פאַר דעם בילד?

איך האָב זיך פאַרלוירן. כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָ גייט ווידער עפּעס אַ וויץ אויף מיין חשבון. איך האָב נישט געענטפערט קיין וואָרט.

— דאָס בילד איז געניאַל — האָט די פרוי ווייטער גערעדט, און איך האָב גאַנץ גוט געזען, אַז זי זאָגט עס אין פולן ערנסט. — איך גיב אייך דערפאַר טויזנט פראַנק.

איך רעכן, אַז עס איז איבעריק, איך זאָל אייך איבערגעבן דעם איינדרוק, וואָס סאָניעס ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט. איך בין עפּעס גאָר אינגאַנצן צומישט געוואָרן. כ׳האָב נישט געוואוסט וואָס מיט מיר טוט זיך.

סאָניע האָט מיך איינגעלאַדן צו איר טישל, מיר געמאַכט אַן אָרט נעבן זיך און אַז זי האָט פונקט ווי איך, באַמערקט די איראָנישע בליקן מיט דעם געווינקעריי פון איינעם צום צווייטן אויף אונזער חשבון, האָט זי זיך צו מיר אָנגערופן אין אַ צערטלעכן, ממש מוטערלעכן טאָן:

— לייגט נישט קיין אַכט אויף דעם אַלעם. מענטשן זענען נישט פאַר־

גינערס. אין א גרעסערער מאָס איז די אייגנשאַפט פאַראַן ביי קינסטלער. איר האָט אַ גרויסן טאַלאַנט, נאָר דערפאַר קויף איך ביי אייך אייער בילד... כ'בעט אייך, גלייבט עס מיר.

איך האָב סאָניען גערן געוואָלט גלייבן איר פאַרזיכערונג, אַז נאָר צו־ליב איר גלויבן אין מיין טאַלאַנט, ווייזט זי מיר אַרויס אַזאַ וואַרעמען אינטערעס. אָבער זיצנדיק אַזוי האַרט נעבן איר, האָב איך דערפילט דעם נערוועזן צוקן וואָס גייט אַריבער איבער איר גאַנצן קערפּער. כ'האָב געזען דעם געשליפענעם גלאַנץ מיט וועלכן אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן בעת זי האָט צו מיר גערעדט און דאָס האָט מיך געמאַכט אַביסל אומרואיק...

איך האָב איר דאָס בילד פאַרקויפט. כ'האָב איר האַרציק געדאַנקט פאַר די קאָמפּלימענטן וואָס זי האָט מיר געמאַכט, אָבער, דעם אמת געזאָגט, איז עס מיר נישט באַקומען.

דעמזעלבן אָוונט האָב איך מיט סאָניען שפּאַצירט עטלעכע שעה. זי האָט מיר געזאָגט פיל גוטע ווערטער, אַז איך בין דער אמתער קינסטלער און מיט מיר וועט נאָך אַמאָל קלינגען די וועלט. זי האָט מיר אָנגעבאָטן, אויב איך וויל, איז זי גרייט מיר אַרויסצוהעלפן, אַז איך זאָל קענען רואיק זיצן און אַרבעטן.

איך האָב איר געדאַנקט, געזאָגט אַז קודם כל האָב איך דאָך אַצינד טויזנט פראַנק, וועלכע וועלן מיר קלעקן מער ווי אַ חודש אויף צו לעבן און אַז כ'האָב איר דערלאַנגט די האַנט צום געזעגענען, האָב איך געפילט אַז זי דריקט מיר מיין האַנט שטאַרק און אירע אויגן, האָב איך געזען, קוקן אויף מיר מיט געבעט.

ווען איך בין, שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, אַהיים געגאַנגען, איז פאָר־געקומען אַ גאַנצער שטורעם אין מיר. פון איין זייט האָבן אירע ווערטער, די ערשטע ווערטער פון אָנערקענונג וואָס איך האָב בכלל געהערט, מיר פאַרשאַפט אומענדלעכע פרייד. פון דער צווייטער זייט האָט מיך איר גוטס־קייט געשראָקן. איך ווייס אַז יעדער מענטש וויל, מען זאָל אים פאַר גוטס־קייט פאַרגיטיקן, אַ פרוי פאָדערט עס. אויב נישט, פאַרוואַנדלט זיך די גוטסקייט אין אַ גיפטיקע פיינטשאַפט... און איך האָב שוין דעם ערשטן אָוונט געפילט ווי איר האַרץ שלאָגט מיט אַזויפיל וואַרעמקייט צו מיר. און פון זיך אַליין האָט זיך געמאַכט אַ חשבון: זי איז אַ פרוי, וואָס אויב מען זאָל זאָגן, אַז זי איז נישט קיין שיינע, וועט עס זיין זייער מילד אויסגע־

דריקט זיך. און אין יאָרן איז זי מסתמא וויניקסטנס אַ פינף־זעקס יאָר עלטער פאַר מיר... און אַזוי ווי דער חשבון איז געווען געמאַכט, איז שוין פון זיך אַליין געקומען דער באַשלוס, זיך פון אָט דער פרוי צו דער־ווייטערן.

האָב איך זיך טאַקע אָנגעהויבן צו ווייזן אַביסל וויניקער אויפן מאַנ־פאַרנאַס. און אַפילו ווען איך בין געקומען, איז געווען אַז כ׳זאָל זען פון דערווייטנס, ווי סאָניע זיצט ביי אַ טישל, אַרומגערינגלט מיט אַ חברה קינסטלער, אַז איך זאָל זיך אַרויסרוקן פון קאַפע.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָך געהאַט אַ פּאָר גראָשן אין קעשענע, טאַקע פשוט: אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך געווען ביי מיר עפּעס פון די טויזנט פראַנק, וואָס כ׳האָב גענומען ביי סאָניען פאַרן בילד, האָב איך געקענט דעם באַשלוס אויספירן אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אָבער אַז דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט און דער הונגער איז ווידער געוואָרן ביי מיר אַן אָפטער גאַסט, האָב איך שוין אָנגעהויבן איינטענהן מיט זיך אַליין: „פאַרוואָס בין איך דען מחויב אויסצומיידן סאָניען? וואָס איז, האָב איך זי דען באַגנבעט? און איך בין טאַקע אַוועק אויפן מאָנפּאַר־נאַס און געטראָפן, פאַרשטייט זיך, סאָניען.

סאָניע האָט זיך מיט מיר דערפרייט, זי האָט מיך צערטלעך געפירט אונטערן אָרעם, זיך געפרעגט, פאַרוואָס מען האָט מיך אַזוי לאַנג נישט געזען, צי כ׳האָב עפּעס געשאַפן אין דער לעצטער צייט, און אַז זי האָט זיך פון מיינע גענוג דיסקרעטע ענטפערס אָנגעשטויסן, ווי עס זעט אויס ביי מיר, האָט זי זיך אָנגעבאָטן מיר צו „באָרגן" עפּעס געלט, וואָרים אַ קינסטלער, האָט זי געזאָגט, מוז האָבן צו עסן אַנישט קען ער נישט שאַפן. איך האָב געפילט אַז נאָך אַ ווײַלע און איך וועל נישט קענען ביישטיין דעם נסיון, נאָר דערמיט אַפּנים, דערקלערט עס זיך, וואָס איך בין אין מיין ענט־פער געווען כמעט גראָב:

— אַ מענטש — האָב איך געזאָגט — טאָר נישט אָננעמען דעם צווייטנס גוטסקייט, אויב ער קען אים נישט באַצאָלן מיט גלייכן. איר זענט גרייט מיר צו געבן אַזויפיל, און איך האָב פאַר אייך גאָרנישט...

דאַכט זיך אַז אַ ציטער איז אַדורכגעלאָפן איבער סאָניעס גאַנצן קער־פער און דאַכט זיך אויך, אַז אירע אויגן האָבן זיך באַנעצט מיט טרערן. אויף געוויס קען איך עס אייך אָבער נישט זאָגן וואָרים, ווי נאָר כ׳האָב

אָפּגעזאָגט די ווערטער, האָב איך זיך כמעט ארויסגעריסן פון איר האַנט און כ׳בין אַנטלאָפן.

ערשט אַז כ׳בין פון סאָניען געהאַט אַנטלאָפן, האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן הונגער, כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז כ׳האָב נאָך היינט, חוץ אַ גלאָז קאַווע, נישט געהאַט אין מויל און כ׳האָב גאַנץ גוט געדענקט, אַז כ׳האָב נישט קיין שום אויסזיכט, צו קענען זיך שטילן דעם הונגער. און עס זענען מיר אויסגעקומען אַזוי פּשוט און אמת סאָניעס ווערטער: „אַ קינסטלער מוז האָבן צו עסן, אַנישט קען ער נישט שאַפן“. און אַ געדאַנק האָט זיך געריסן צו מיר אין מוח אַריין, אַ געדאַנק פאַר וועלכן כ׳האָב זיך געשראָקן, האָב איך אים דערפאַר פאַרטריבן פון זיך, אָט דעם געדאַנק. אַנשטאָט דעם האָב איך פלוצלינג אָנגעהויבן צו מוסרן זיך אַליין:

— דו האָסט באַליידיקט אַ פרוי, ביסט געווען גראָב צו איר, מוזט צוריק גיין זי איבערבעטן.

און איך בין געגאַנגען...

אַז איך בין צוריקגעקומען אויפן מאָנפּאַרנאַס, האָב איך סאָניען געטראָפן זיצן איינע אַליין אין קאַפע ביי אַ טישל. זי איז געזעסן אין אַ ווינקל און מיט גרויסע פאַררייסענע אויגן און אַ טרויעריק־פאַרבענקטן בליק האָט זי געקוקט אין דער וועלט אַריין.

איך בין צוגעגאַנגען און געבעטן ביי איר אַנטשולדיקונג; געבעטן, זי זאָל פאַרשטיין אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ מאַן אויסצונוצן אַ פרוי. „ווי קוקט מען אויף אַזעלכן און ווי קוקט אַזאַ מענטש אויף זיך אַליין?“ זי האָט זיך קאָקעטיש באַליידיקט:

— וואָס איז, אַ פרוי איז קיין מענטש נישט? — האָט זי געטענהעט — און פאַרוואָס טאָר דאָס איין מענטש נישט אַרויסהעלפן דעם צווייטן? עס פּאַסט נישט — האָט זי מיך געמוסרט — פאַר אַ מאָדערנעם מענטש און נאָך אַ קינסטלער דערצו צו האָבן אַזעלכע באַגריפן.

אָבער דער געדאַנק, וועלכן איך האָב פריער אַזוי ענערגיש אָפּגעשטויסן פון זיך, איז אפנים געלעגן באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקעלע פון מיין מוח און ער האָט זיך אַצינד אַ צעשפּרייט־געגעבן מיט אַ בליציקע שנעל־קייט. גאָרנישט קלערנדיק האָב איך זיך אָנגערופן:

— הערט אויס, סאָניע. איר ווילט מיר דווקא העלפן? גוט, איך וויל

אייער הילף אָננעמען, אָבער נישט אומזיסט, איך וויל אייך דערפאַר באַצאָלן...

זי האָט אויפגעהויבן אויף מיר אירע פאַרטרויערטע אויגן און מיך געפרעגט:

— מיט וואָס קענט איר מיר באַצאָלן? איר האָט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז איר האָט מיר גאָרנישט וואָס צו געבן.

איך וועל אייך באַצאָלן מיט דאַנקבאַרקייט — האָב איך געענטפערט און געגלעט איר האַנט — אָבער נישט קיין שטומע, פּאַסיווע דאַנקבאַרקייט, נאָר אַן אַקטיווע. איך וויל מיך אינגאַנצן אייך אָוועקגעבן.

זי האָט אויפגעשווידערט:

— וואָס הייסט דאָס?

— כ'וועל אייך זאָגן אָפן: איר האָט דאָך מיך ליב, דאָס וועט איר דאָך נישט לייקענען, וועל איך זיין מיט אייך. איך וויל אפילו חתונה האָבן מיט אייך.

— פאַרוואָס ווילט איר דאָס טון? — זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר און איר אָרעם האָט געציטערט — איך פאַרלאַנג דאָך גאָרנישט פון אייך אַזאַ קרבן.

— ווייל איך באַוואונדער אייך. מען טאָר נישט נעמען ביי אַ פרוי אַזויפיל און איר גאָרנישט צוריקגעבן.

— אָבער איר האָט דאָך מיך נישט ליב.

— אַך, ליבע! ווער ווייס, צי קען איך בכלל ליב האָבן. איך מיין אַז ליבע איז אַ געפיל, וואָס נאָר געציילטע זענען דערמיט געבענטשט. די וואָס האָבן עס דאַרף מען באַוואונדערן. אַלזאָ, באַשטייט איר דערויף?

— יאָ...

איך האָב איר אָפּגעפרעסט אַ קוש אויפן שטערן, מיט דעם געפיל ווי מען קושט אַ מאַמע, אָדער אַן אַנדער מענטש וועמען מען רעספּעקטירט. זי האָט מיך לייכט צוריקגעקושט און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן.

איך האָב נאָכדעם שפּאַצירט מיט סאָניען אַ גאַנצע נאַכט. מיר האָבן גערעדט וועגן מיין אַרבעט, וועגן אַ רייזע וואָס מיר וועלן אינגיכן מאַכן, צום ים, צו די בערג...

— און דו וועסט נאָר מאָלן — האָט מיר סאָניע די ערשטע געזאָגט „דו“ — און דו וועסט וואַקסן, און דו וועסט באַרימט ווערן...

סאָניע איז געווען גליקלעך און רירנד.

עס איז מיר איינגעפאַלן אַ נאַרישער געדאַנק: עס איז מיר אויסגעקומען אַז איך בין מחויב צו זיין מיט איר אויפריכטיק אַזש ביז ברוטאַליטעט.

— איך רעכן — האָב איך געזאָגט — אַז עס איז איבעריק, כ׳זאָל דיר דערציילן אַז אַ קינסטלער איז אַ באַהעם. דו ווייסט מסתמא אַז פאַר אַ קינסטלער באַטייט פאַמיליע-לעבן, נישט...

זי האָט מיך נישט געלאָזט ענדיקן. מיט דער האַנט האָט זי מיר פאַר־שטעלט ס׳מויל.

— רעד נישט קיין קינדישע רייד — האָט זי געזאָגט — וועסט דיך פירן ווי אַזוי דו וועסט געפינען פאַר נייטיק.

***

שוין אין געציילטע טעג נאָכדעם האָב איך געוואוינט מיט סאָניען אין אַ פיין-איינגעאָרדנטער דירה ווי מאַן און ווייב. זי האָט זיך אַזוי באַמיט צו לאָזן מיך פילן, אַז איך בין פריי פון יענע פענטעס, וואָס עס לייגט אַרויף אויף אַ מענטש, דאָס צוזאַמענלעבן מיט אַ פרוי, אַז איך האָב, מחמת גערירטקייט, די דאַזיקע פרייהייט מיינע נישט אויסגענוצט. איך בין בוכשטעבלעך נישט געגאַנגען אין ערגעץ אָן איר.

איין איינציק מאָל האָט פּאַסירט אַז כ׳בין געגאַנגען אַליין. עס איז אַנב געווען סאָניעס עצה; כ׳האָב אָנגעהויבן צו מאָלן אַ בילד און עס האָט מיך נישט צופרידנגעשטעלט. כ׳האָב געמאָלן און פאַרשמירט, ווידער גע־מאָלן און ווידער פאַרשמירט. איז דאָס איינגנטלעך ביי מיר קיין נייעס נישט געווען; אָבער דאָס מאָל האָט עס מיך זייער דענערווירט, ס׳איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז אויב איך מאָל נישט גוטע בילדער, צאָל איך סאָניען נישט דעם וועקסל וואָס כ׳האָב איר אונטערגעשריבן... האָט זי געזען מיין צעטראָגנקייט און מיך געהייסן אַרויסגיין אין גאַס אַריין, וועל איך זיך אַביסל צעשטרייען.

איך בין טאַקע געגאַנגען און גראָד האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ פריי־לעכע כאַליאַסטרע, האָב איך, פאַרשטייט זיך, מיט זיי אַרומגעהוליעט אַ

גאַנצע נאַכט און כ'בין אַהיימגעקומען פאַרטאָג אַ פאַרשולדיקטער. איינ־געשלאָפן בין איך מיט דעם געדאַנק אַז כ'דאַרף זיך פאַר סאָניען פאַרענט־פערן. נאָר באַזונדערס שלעכט האָב איך זיך געפילט, אַז איך האָב געהערט אינדערפרי, אין מיין שוואַכן שלאָף, ווי סאָניע שטייט אויף אין דער פרי שטיל, גייט אויף די שפּיץ פינגער, מיך נישט איבערצואַוועקן... אַז כ'בין מיטאָג־צייט אויפגעשטאַנען, האָט זי מיר מיט אַ גליקלעכער און פאַרליב־טער מינע אַריינגעטראָגן דעם פרישטיק. מיין באַוואונדערונג פאַר איר איז איבערגעגאַנגען ממש אין באַגייסטערונג, זי איז אין מיינע אויגן אויסגע־וואַקסן אַזוי גרויס, מיט אַזויפיל קעפּ העכער פאַר אַ דורכשניטלעכן מענטש, אַז איך האָב זיך געפילט נישטיק און קליין אַנטקעגן איר, שוין נישט רעדנ־דיק וועגן דעם, אַז איך האָב זיך געפילט שולדיק. איך האָב זיך ממש גע־שעמט צו קוקן איר אין די אויגן אַריין.

נאָכאַמאָל האָט זיך אַזעלכעס שוין נישט איבערגעחזרט. איך בין אין ערגעץ נישט געגאַנגען אָן איר. איך האָב פשוט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אַלץ, נאָר לעבן איר האָב איך געוואָלט זיין...

וואָס שמייכלט איר? איר טראַכט זיך אַז איך בין געווען פאַרליבט אין איר?

אפשר זענט איר גערעכט. אָבער איך מיין, אַז דאָס איז געווען אַזאַ מין געפיל, וואָס איז שטאַרקער פון ליבע, דאָס איז געווען אַ געפיל פון גייס־טיקער דערהויבנקייט...

גאַנצע אָוונטן בין איך געזעסן מיט איר אין שטוב און מיר האָבן גערעדט. פון וואָס האָבן מיר גערעדט? די ערשטע צייט — נאָר פון מיין אַרבעט, פון מיינע פּלענער, דאָס זענען געווען אירע באַליבטסטע געשפּרעכן, און אויך איך האָב אָט די געשפּרעכן גערן געהאַט, זיי האָבן מיך סטימולירט צו שאַפן, זיי האָבן מיך באַפליגלט, מיר צוגעגעבן מוט. אָבער ווייטער אַריין בין איך מיר פאַרגעקומען צו עגאָיסטיש, דערמיט וואָס אַלע אונזערע שמו־עסן ווילען זיך נאָר אַרום מיר און מיין שאַפן. און איך האָב זיך ביי איר געבעטן:

— דערציייל מיר עפּעס וועגן זיך, איך ווייס דאָך וועגן דיר אַזוי ווייניק.

— וואָס זאָל איך דיר דערציילן?

— דערציייל וואָס דו ווילסט. אַלץ וועגן דיר אינטערעסירט מיך.

דאָס איז געווען אין אַ רעגנדיקן האַרבסט-אָוונט, דער קאַמין איז געווען איינגעהייצט און איך בין געזעסן מיט סאָניען אין מיין פיין איינגעאָרדנטע סטודיאָ און זי האָט מיר דערציילט עפּיזאָדן פון איר לעבן. זי האָט מיר געשילדערט בילדער און געשטאַלטן פון איר קינדהייט. איר פאָטער, מוטער, לערער, חברטעס, חברים — און איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט אירס און געשפּירט ווי זי ווערט מיר אַלץ נענטער און נענטער און כ'האָב אַלץ געוואָלט הערן נאָך און נאָך.

— אַצינד — זאָגט סאָניע — וועל איך דיר דערציילן די געשיכטע פון מיין ערשטער ליבע...

און זי דערציילט מיר וועגן אירער אַ יוגנט-ליבע. ווי זי האָט געליבט אַ בחור, ווי ער האָט איר געשוואוירן אייביקע טריַיהייט ווי מען האָט גענומען פּאָר עדות צו דער שבועה די לבנה מיט די שטערן און צום סוף האָט ער זי פאַרראַטן, פאַרגעסן די שבועה...

אירע פאַרטראַכטע אויגן ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער, און זיי קוקן מיט פאַרבענקטקייט אין דער ווייטקייט אַריין, אַ יוגנטלעכער גלאַנץ שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ, ווען זי זאָגט מיט אַ ציטער אין דער שטים:

— אוי, האָב איך אים ליב געהאַט!

איך פרעג, סלוימערשט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, אָבער אין דער אמתן מיט אַן אומרואיקייט:

— האָסט אים ליבער געהאַט פון מיר?

— אָ, נאַרעלע, — ענטפערט זי מיר צערטלעך — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. דאָס איז די נאַאיווע ליבע פון דער קינדהייט, די ריינע, די הייליקע. אַזוי ליבט מען איינמאָל, נישט מער.

— איז ער געווען שענער פאַר מיר? — האָב איך זיך צוגעטוליעט צו איר ווי אַ צעפּיעשטשעטע קינד.

— כ'ווייס נישט — ענטפערט זי און זי גלעט מיך ווי מען גלעט אַ קינד — יעדנפאַלס דעמאָלט, אין מיינע אויגן, איז ער געווען שענער פאַר דיר.

— שענער, ווי איך ביי דיר הייַנט?

— טויזנט מאָל שענער!

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן... כ'בין געוואָרן באַהערשט פון אַ געפיל, וואָס איז שטאַרקער פון אייפערזוכט. עס איז געווען אַ באַגער צו

באזיצן אַן אידעאַל, אַ בענקשאַפט צו אַן אומדערגרייכבאַרער זאַך. אַט דאָס געפיל איז פון דאַמאָלט אָן דער איינציקער אינהאַלט פון מיין לעבן און די נשמה פון מיין שאַפן.

**
*

דאָס ערשטע בילד, וואָס איך האָב געמאָלן, איז געווען אַ פּאָרטרעט פון סאָניען, וואָס איך האָב אַ נאָמען געגעבן „די פרוי פון מיין בענקשאַפט"; אַז דער פּאָרטרעט איז שפּעטער אויסגעשטעלט געוואָרן, האָבן עס די קריטיקער אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. איין קריטיקער האָט געשריבן: „אַזויפיל גייסטיקע דערהויבנקייט, אַזויפיל הייליקייט אין אַ פרויען־פּאָרטרעט, האָט נאָך קיין שום קינסטלער נישט אַריינגעלייגט. אַלע מאַדאָנע־בילדער זענען וואָכעדיק, אין פאַרגלייך מיט דעם בילד „די פרוי פון מיין בענקשאַפט".

אַלע מיינע שפּעטערדיקע בילדער, זענען געשאַפן געוואָרן אונטערן דראַנג פון אָט דער בענקשאַפט. איין קריטיקער האָט געשריבן וועגן מיין אויסשטעלונג: „עס פילט זיך עפּעס אַרויס פון אַלע בילדער אַן אומגעהויערע בענקשאַפט נאָך אַן אומדערגרייכבאַרן אידעאַל".

אַזוי, אַזוי, מיין פריינט. טאַלאַנט איז נישט מער ווי אַביסל נשמה, אַביסל האַרץ און דער עיקר — אויפריכטיקייט פון געפיל.

# דער פארשוואונדענער קריסטוס

## 1.

שוין דריי טעג אַז ביבער דרייט זיך אַרום אַ נישט געגעסענער. אַז איך זאָג: „אַ נישט געגעסענער“, מיין איך טאַקע ממש, אַז ער האָט שוין גאַנצע דריי טעג נישט באַנוצט די ציין זיינע צו קייען, אַ חוץ פון צייט צו צייט זיין שיטער שוואַרץ בערדל, און דעם גאָרגל זיינעם האָט ער נישט באַנוצט צו שלינגען — אַ חוץ פון צייט צו צייט אַביסל געדיכט שפייעכץ.

דעם ערשטן טאָג פון זיין תענית האָט זיך ביבער אַרומגעדרייט איבער די פּאַריזער גאַסן מיט אַ זייער פּעסימיסטישער מינע אויפן פּנים, און געשלונגען — מיט די אויגן — אַלע גוטע זאַכן וואָס ער האָט געזען אויסגעשטעלט אין די פאַרשידענע שוי-פענסטער. ער איז אפילו געווען אַזוי דעמאָקראַטיש, אַז ער האָט נישט פאַרשעמט די געוויינלעכע קליינע ברייטלעך, וואָס האָבן צו אים געוואונקען פון הינטער אַ שויב אין אַ בעקער-געוועלב. דאָס איז אָבער געווען בלויז דעם ערשטן טאָג; דעם צווייטן טאָג האָט אים שוין גאָרנישט געהונגערט, און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער וואָלט זיך אונטערגענומען אָפּצולעבן דאָס ביסל יאָרן וואָס איז אים באַשערט נישט צו עסן גאָרנישט. איז אָבער ביבער אַ מענטש, וואָס האָט שייכות צו וויסנשאַפט, און פון דער וויסנשאַפט ווייסט ער, אַז יעדער מענטש, אומאָפּהענגיק פון זיין גראַד בילדונג און אינטעליגענץ — קען אָן עסן נישט אויסקומען. און מחמת ער פילט עפּעס אַזאַ מאָדנע נאָגעניש ביים האַרץ און די פיס זיינע, גלייך זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין כוח צו שלעפּן אויף זיך זיין זינדיקן גוף, גיבן פון צייט צו צייט אַ ציטער-אונטער ווי צו פאַלן כורעים — מחמת דעם, האָט ביבער זיך גענומען פּעסט אין זין אַריין, אַז מיט וועמען ער זאָל זיך נישט טרעפן און וואָסערע שמועסן ער זאָל נישט פירן: וועגן ניטשעס איבערמענטש, צי פון שאָפּענהויערס פּעסימיזם, וועגן דער דעגענעראַציע פון אייראָפּע, צי וועגן די פּערספּעקטיוון פון די נייע קונסט-ריכטונגען, קורץ, אַלע זיינע שמועסן — האָט ביבער

גוט געדענקט — מוז ער ענדיקן מיט אַן עפּילאָג: אפשר קענט איר אויסלייען אַ פּאָר פראַנק.

אָבער צו קריגן „געבאָרגט" אַ פּאָר פראַנק איז גאָרנישט אַזאַ לייכטע זאַך, מחמת מענטשן איילן זיך נישט אַזוי שטאַרק צו באָרגן געלט, בפרט אַ קבצן, וואָס מען ווייסט נישט ווען ער וועט אַמאָל אָפּגעבן. און וועד, מי־שטיינס געזאָגט, זענען עס די מענטשן מיט וועמען ביבער טרעפט זיך? דאָס ביסל בחורים, מאָלערס, סקולפּטאָרן, פּאָעטן און סתם קבצנים, וואָס גאַנצע דריי וואָכן פונם חודש שפּייזן זיי זיך מיט דער זיסער האָפענונג, אַז אַמאָל וועט זיך די וועלט ענדלעך אַרומזעען ווער זיי זענען און זיי וועלן דאַן פאַרשיינען די וועלט מיט זייער גרויסן, שטאַרקן און אָריגינעלן טאַ־לאַנט, און נאָר איין וואָך אין חודש שפּייזן זיי זיך מיט דער געוויינלעכער מענטשלעכע שפּייז. מוז מען זיי אָפּזוכן דעמאָלט, ווען זיי שפּייזן זיך מיט דער געוויינלעכער מענטשלעכער שפּייז, דאָס הייסט די ערשטע וואָך פונם חודש, ווען זיי האָבן אַ פּאָר גראָשן ביי זיך. און דאָ מוז מען ערשט אָוועק־לייגן זייער פיל אַרבעט ביז מען קען פּאַקן אַ פינפערל צי אַ צענערל. אָט די לייט, וואָס לעבן אייגנטלעך אַליין פון אַזעלכע פינפערלעך און צענער־לעך, גיבן זייער נישט גערן. פון ביבערן אָבער וועט זיך קיינער נישט אַרויס־דרייען, ער פאַרשפּרייט אַרום יענעם אַ נעץ, פון וועלכער ס'איז נישט מעגלעך אַנטרינען צו ווערן.

אויב יענער איז למשל אַ מאָלער, וועט ביבער, גלייך ווי ער וועט אים טרעפן, זיך פאַר אים זייער און זייער אַנטשולדיקן דערפאַר, וואָס ער האָט אים ביז איצט גרינגגעשעצט. ער האָט געמיינט, וועט ביבער זאָגן, אַז ער האָט פאַר זיך עפּעס אַ יינגל וואָס מאָלט. לעצטנס אָבער האָט ער צופע־ליק ביי אַ באַקאַנטן געזען יענעמס אַ בילד, איז ער דאָך ממש אַנציקט. אַזאַ יונגערמאַן זאָל שוין האָבן אַזאַ זיכערע האַנט, אַזאַ אויסגעהאַלטנקייט, אַזאַ קלאָרקייט — ס'איז דאָך אַ זעלטנהייט ביי אַלטע מאָלער אַפילו, נעמט למשל די בילדער פון אַלע היינטיקע באַרימטע מאָלער, איז פרעגט זיי בחרם וואָס זיי האָבן געוואָלט אויסדריקן. מ'האָט געהאַט אַ פּענזל, פאַרב און לייוונט, האָט מען געמאָלן. און אויב ס'איז פאַרט עפּעס אַרויסגעקומען, איז עס אָבער נישט דער אויסדרוק פונם קינסטלערס ווילן. ער, ביבער, מאַכט דאָס נישט אַוועק מיט דער האַנט, פאַרקערט — דאָס איז אַ סימן, אַז ס'איז ביי זיי פאַראַן טאַלאַנט. אַ קינסטלער אָבער, מיינט ביבער, דאַרף

צאַמען דעם ווילדן אויסברוך פון זיין טאַלאַנט, דאַרף שטרעבן צו קלאָרקייט, צו באַוואוסטזיין...

נאָך אַט דעם אַריינפיר שטאָפּט זיך ביבער אָן אַ לולקע טאַבאַק, פאַר־רייכערט זי און פּיפּקעט אויס בלויע קנײלעכלעך רויך. און ער לאָזט זיך ערשט אַריין אין אַ זייער ברייטן און שיפן שמועס וועגן קונסט און וועגן די וועגן פון דער קונסט אין פאַרשידענע צייטן, ער ציטירט זאַצן פון פאַר־שידענע גרויסע מענטשן, דערמאָנט וואָס ער אַליין האָט אַמאָל געשריבן וועגן דעם און ער ענדיקט דערמיט, אַז מ'טוט אים הנאה וואָס ער האָט אים, אַט דעם יונגן מאָלער, געטראָפן, ערשטנס, כדי אויסצודריקן אים באַוואונ־דערונג און אָנערקענונג, צווייטנס — צו וואָרענען אים, אַז ער זאָל זיך טאָקע האַלטן ביי אַט דעם וועג זיינעם, נישט ברענגען זיין טאַלאַנט פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון מאָדערניזם, ווי עס האָט שוין געטון נישט איין טאַלאַנט.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי יענעם, ביי דעם מאָלער ווערמען ביבער דריקט אויס באַוואונדערונג און אָנערקענונג און וואָרנט אים, ער זאָל נאָר חלילה נישט ברענגען זיין טאַלאַנט פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון מאָדערניזם — אַז ביי יענעם רייטלען זיך די באַקן גאַנץ היבשלעך, און פאַרשטייט זיך אויך, אַז ווען ער זאָל אפילו האָבן אַ האַרץ פון אַ טאַטער, קען ער שוין אַזוי גראָב נישט זיין און אָפּזאָגן ביבערן אין די געבעטענע פאַר פראַנק.

אַ צווייט מאָל פּאַקט ביבער אַ „פּאָעט“, איינעם פון די מאָנפּאַרנאַס פּאָעטן, וועלכע טראָגן אין זיך אַ ליכט פאַר דער וועלט; וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז די וועלט פאַרהאַקט פאַר זייער ליכט טיר און לאָדן. דער פּאָעט האָט שוין אפילו אַמאָל געהאַט געלייענט פאַר ביבערן אַ פּאָעמע. אַזוי ווי ער האָט אָבער גראָד דעמאָלט געהאַט ביי זיך אַביסל געלט, האָט ביבער צו דעם בחור אויסגעלאָזט זיין גאַנץ שווער האַרץ, זיין גאַנצע פאַרביטערטקייט, די אָנגעזאַמלטע אין משך פון יאָרן. ער האָט אים געזאָגט, אַז צו שרייבן פּאָעמעס, דאַרף מען פאַר אַלעם זיין אַ פּאָעט, אַז ס'איז ווייניק וואָס מען האָט אַביסל געלעזן און מ'האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן קורצע שורהלעך. אַז מען דאַרף האָבן אָריגינעלע געפילן און מען דאַרף זיין פּעאיק צו אָריגי־נעלע איבערלעבונגען...

אַזוי האָט אים ביבער דעמאָלט געזאָגט, היינט אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט געזען, לויט אַלע סמנים, אַז יענער דאַרף האָבן אַביסל קליינגעלט, האָט ער אים קודם געפרעגט, צי ער שרייבט עפּעס אין דער לעצטער צייט

און אַז יענער האָט געענטפערט ניין, ער האָט לעצטנס אינגאַנצן אויפגע־הערט צו שרייבן — האָט ביבער געזאָגט:

— דאָס, זעט איר, איז אַן עוולה, איר דאַרפט שרייבן, מחמת איר האָט טאַלאַנט. פון דער נישט רייפער פּאָעמע וואָס איר האָט מיר אַמאָל געלייענט, האָט זיך אַרויסגעהערט אַן אויפריכטיק געפיל, דער בעסטער סימן פון אַן אמתן טאַלאַנט — איר דאַרפט שרייבן, ס'איז אַן עוולה וואָס איר האָט אויפגעהערט.

ביבער ווייס אָבער, אַז ער דאַרף פאַרגלעטן דאָס, וואָס ער האָט דעמאָלט דעם בחור אַזוי אַראָפּגעריסן, געפינט ער פאַר נייטיק צוצוגעבן צום פריערדיקן מאָנאָלאָג נאָך אַ פּאָר ווערטער:

— איר וואונדערט זיך מסתמא, וואָס בעת איר האָט מיר געלייענט אייער פּאָעמע, האָב איך אייך געזאָגט אַ פּאָר שאַרפע ווערטער; זייט אָבער ווייסן אַז איך האָב דאָס געטון מיט אַן אויסרעכענונג. פונקט ווי ביי יידן פלעגט מען אַ גר פאַרשטעלן דאָס יידישקייט וואָס שווערער, אַזוי, האַלט איך, דאַרף מען אַ יונגן טאַלאַנט, אַן אָנפאַנגער, נישט קנייפּן אין בעקל: „אַ וואוילער בחור, האָסט טאַלאַנט" נאָר פאַרקערט, מען דאַרף אים מיט אַן איבערגעטריבענער שאַרפקייט אָנווייזן אויף דער גרויסער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט וואָס ליגט אויפן דיכטער, אָן רחמנות דאַרף מען אים אָנווייזן אויף די חסרונות אין זיין שאַפן; ס'שאַדט נישט וואָס די טאַלאַנטלאָזיקייטן אָדער די שוואַכערע טאַלאַנטן וועט עס אָפּשרעקן און זיי דערווייטערן — דערפאַר וועלן אָבער בלייבן די אמתע טאַלאַנטן. ווייל דער אמתער טאַלאַנט, דער געבוירענער דיכטער, קען אָן שרייבן נישט לעבן, פונקט ווי אַ מענטש קאָן נישט לעבן אָן לופט צו אָטעמען.

— און דעם אמת געזאָגט — גיט ער צו מיט אַ חניפהדיק שמייכעלע

— גלייב איך ערשט אַז איר שרייבט נישט מער, ווייל איר האָט טאַ־לאַנט.

אַצינד איז זיך דער בחור שוין מודה אַז שרייבן שרייבט ער טאַקע יאָ, און דווקא אַ סך! נאָר וואָס דען? קיין פערזן שרייבט ער נישט מער. ער שרייבט אַצינד אַ גרויסן ראָמאַן, וואָס דאַרף אַנטפּלעקן די שיינע זייטן די נשמה יתרה פונם מאָדערנעם ייד. ווייל אין דער יידישער ליטעראַטור ביז איצט, מיינט ער, דער בחור, האָט מען דעם מאָדערנעם ייד אָדער אינ־גאַנצן איגנאָרירט, גלייך ער איז עפּעס אַ באַשעפעניש מיט וועמען ס'לוינט

זיך נישט אָפּצוגעבן, אָדער מען האָט אים געשילדערט פון דער נעגאַטיוועד זייט; וואו איר באַגעגנט אין דער יידישער ליטעראַטור, דעם מאָדערנעם יידישן אינטעליגענט, איז ער אָדער אַ ציניקער, אַ דעגענערירטער טיפּ, אָדער עפּעס אַ צעבראָכענער עולם-התועהניק. דער יידישער שרייבער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער אַלטער יידישקייט, איז נאָך נישט באַפרייט פון דעם ראָמאַנטישן „אַמאָל איז געווען"...

דאָ לאָזט זיך ביבער אַריין מיט אָט דעם בחור אין אַ זייער הייסער דיסקוסיע. ער, ביבער, האָט גראָד נישט וויניק טענות צו דער יידישער ליטעראַטור, אָבער ער מוז מודה זיין, אַז גראָד דאָס איז אַ פּאָזיטיווער שטריך פון דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור, וואָס זי שפּרינגט נישט קיין „קדוש" פאַר דער מאָדערנער יידישקייט.

ביבער צינדט צוריק אָן זיין לולקע, וואָס איז אינצווישן אויסגעגאַנגען, פּיפּקעט אַביסל און אָננעמענדיק דעם בחור פאַר אַ האַנט, רעדט ער מיט ביטול:

— וואָס איז זי דען אַזעלכעס, די מאָדערנע יידישקייט אייערע? פון וואָס איז דאָ פאַראַן נתפּעל צו ווערן?

פונדעסטוועגן הייסט ער דעם בחור ווייטער שרייבן, מחמת ער האָט טאַלאַנט. און די צען פראַנק, וואָס ביבער באַשליסט ביי זיך בשעת-מעשה צו נעמען פאַר אָט דעם שטיקל אַרבעט זיינעם, זענען געזיכערט.

.2

אויף אַזאַ אופן לעבט ביבער, דעם אמת זאָגנדיק, די גאַנצע עטלעכע יאָר וואָס ער געפינט זיך אין פּאַריז, וואָרים מיט זיין לאַנג אויסגעצויגענעם פּנים, מיטן שמאָל־שיטערן בערדל זיינעם, וואָס אויף איין זייט איז עס שוואַרץ און אויף איין זייט איז עס רויט, מיט דעם זייער ברייטן קאַפּעליוש זיינעם און, הויפּטזעכלעך, מיט דעם זייער שיינעם און אינטערעסאַנטן רעדן זיינעם נעמט ער שטאַרק אוים ביים קינסטלער־יונגוואַרג, וואָס דרייט זיך אַרום אויפן מאָנפּאַרנאַס און זיצט אָפּ גאַנצע טעג און האַלבע נעכט אין די דאָרטיקע קאַפע-הייזער.

אָבער גראָד דאַסמאָל איז עס אים, ביבערן, נישט געגאַנגען, וואָס פאַר אַן אַרבעט האָט ער שוין נישט פאַרלייגט? איינעם האָט ער געזאָגט, אַז זינט רעמבראַנדט איז געשטאָרבן האָט נאָך קיינער נישט געוואוסט אַזוי

געשיקט אומצוגיין מיט פארבן ווי ער; א צווייטן האט ער געזאגט, אז אויף זיין שאפן ליגט אויסגעגאסן דער חן און די נאיוויטעט פון דער ביבל, א דריטן — אז ער האט צו זיך בכלל קיין פארגלייך נישט, אז אזעלכעס ווי ער איז בכלל נאך נישט געווען. האבן חברה גאנץ פיין צוגענומען די קאמפלימענטן און געפרעגט ביבערן, צי האט ער נישט קיין איבעריקע עט־לעכע פראנק אדער כאטש א קאווע צו באצאלן...

אזוי האט זיך ביבער ארומגעדרייט אויפן מאנפארנאס נאך א דריי־טאגיקן תענית. זיין פנים איז געווען נאך לענגער אויסגעצויגן, ווי תמיד, אין זיינע אויגן האט געברענט עפעס אזא מאדנע פייערל, די באקן זיינע האבן געפלאמט און די פיס האבן אים זייער געבראכן. ביבער איז שוין געווען זייער שוואך און פארמאטערט. זיינע אויגן האבן שוין געשפריצט מיט יאוש און מיט שנאה — זיין פנים האט זיך אויסגעקרומט פאר ווייטאג.

ביבער איז גראד פארבייגעגאנגען די קאפע „לא ראטאנד" און — אריינגעגאנגען. אפשר, האט ביי אים געטליעט א שוואכע האפענונג, אפשר וועט ער טרעפן כאטש א באקאנטן, וואס וועט צאלן פאר א קאווע און עפעס צובייסן.

אריינקומענדיק אין קאפע און נישט דערזעענדיק קיין באקאנט פנים, איז ביבערן געווארן נאך פינסטערער פאר די אויגן. עפעס א וואלקן האט גענומען זיך אויסשפרייטן פאר זיינע אויגן און רויטע פינטעלעך האבן גע־טאנצט א ווילדן קאראהאד...

פלוצלינג אבער האט זיך ווי פון נעפל ארויסגעשיילט א פיגור וואס עסט זיך, דאכט זיך, איין אין ביבערן מיט די אויגן. ביבערן ווערט א ביסל ליכטיקער, קלארער, און ער זעט זיצן אין א ווינקל דעם יונגן מאלער אדאמסקי.

מיט אט דעם אדאמסקי איז ביבער אייגנטלעך נישט זייער באקאנט, כמעט גארנישט. אלץ וואס ער ווייסט וועגן אים איז, אז ער איז א יונגער מאלער, אן עקספרעסיאניסט, האט ערשט נישט לאנג געהאט אן אויסשטעלונג און ער האט געהאט א גוטע „פרעסע". ביבער האט אבער געדענקט, אז ער מוז איצט אויסנוצן יעדע, אפילו די ווייטסטע האפענונג. און אין זיין פאר־נעפלטן מוח האבן זיך שוין גענומען צונויפקלייבן די ערשטע ווערטער וואס ער וועט זאגן אדאמסקין. ער וועט אים זאגן:

— אייגנטלעך ווייס איך נישט פארוואס איר האט זיך אנגעכאפט אן

דעם עקספּרעסיאָניזם. דער עקספּרעסיאָניזם איז גאַנץ גוט צוגעפּאַסט פֿאַר יענע קאַליקעס, וואָס קענען קיין גראָדע ליניע נישט צייכענען. פֿאַר זיי איז עס גאַנץ גוט צו פֿאַרדעקן די אייגענע אומפֿעאיקייט; אָבער איר, אַ מאָלער מיט אַזאַ פֿאַרנעם און שוואונג, מיט אַזאַ זיכערער ליניע — צו וואָס דאַרפֿט איר זיך שפּילן אין מאָדערניזמען?

יאָ, מיט די ווערטער וועט ער אָנהייבן. דערנאָך וועט ער אים מאַכן, אָט דעם אַדאַמסקין, נאָך שטאַרקערע קאָמפּלימענטן, ער וועט אים פֿאַרגלייבען צו גאָר, גאָר גרויסע. אַפֿנים אַז ער דאַרף האָבן אַביסל געלט. דאַכט זיך גאָר, אַז ער רייכערט ציגאַרעטן מיט גאָלד־מונדשטיק — ס'וועט שוין זיין אַ פּאָר פֿראַנק. און ביבער לאָזט זיך גיין צו אַדאַמסקיס טיש.

.3

מ'דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז נישט ווייניקער ווי ביבער האָט זיך געפֿרייט וואָס ער האָט דערזען אָט דעם אַדאַמסקין, האָט זיך יענער געפֿרייט מיט אים.

אַדאַמסקי איז, ווי שוין געזאָגט, אַ יונגער מאָלער, אַן עקספּרעסיאָניסט, וואָס האָט ערשט געהאַט אַן אויסשטעלונג און די אָפֿיציעלע קונסט־קריטיקער האָבן זיך גוט אָפּגערופֿן וועגן אים. לעצטנס טראַכט ער, אָט דער אַדאַמסקי, נאָר וועגן איין זאַך: ער מוז מאָלן אַ קריסטוס־בילד, וואָס דאַרף מאַכן אַ געוואַלדיקן רושם אויף דער גאַנצער וועלט. ער, אַדאַמסקי, האָט זיך זיין אייגענע אויפֿפֿאַסונג וועגן דער פּערזאָן פֿון קריסטוסן, און אָט די אויפֿפֿאַסונג וויל ער אויסדריקן אין זיין קריסטוס־בילד. אַדאַמסקי האַלט, אַז קריסטוסעס ערשטע אַפּאָסטאָלן האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, נישט באַגריפֿן זיין גייסטיקע פֿיזיאָנאָמיע, האָבן זיי אים דערפֿאַר פֿאַלש געמאָלן אין די עוואַנגעליען, און דער סוף איז, אַז די וועלט האָט נישט קיין ריכטיקן באַגריף וועגן דעם וועזן פֿון קריסטוסן. למשל, ס'איז אַן אָנגענומענע זאַך אַז קריסטוס איז געווען אַ ליבער, אַ גוטער, אַ זאַנפֿטער, אַ מענטש וואָס האָט דערגרייכט די גייסטיקע האַרמאָניע, באַפֿרייט זיך פֿון מענטשלעכע שוואַכקייטן, פֿון אייגענע פּערזענלעכע ליידן, און זיינע איינציקע יסורים זענען נאָר געווען די ליידן פֿון דער מענטשהייט, פֿאַר וועמען ער האָט זיך געלאָזט קרייציקן. דערפֿאַר זענען אַלע באַקאַנטע קריסטוס־בילדער — אָדער זיי דריקן אויס אַ זאַנפֿט, מילד, ליב און רואיק געזיכט, אָדער זיי מאָלן קריס-

טוסן אויפן קרייץ, א פארמאטערטן פון פיזישע ליידן — פונם קרייציקן. אדאמסקי האלט אבער, אז אזא אויפאסונג איז א פאלשע, אז פון פסיכאלאגישן שטאנדפונקט איז עס אויסגעשלאסן, צו פילן דעם צער פון דער וועלט, צו וועלן באפרייען די וועלט פון אירע ליידן, און נישט צו האבן אליין קיין אייגענע טיפע, דערשיטערלעכע איבערלעבונגען. און פון דעם שטאנדפונקט גענומען, זענען במילא פאלש די אלע קריסטוס־בילדער ביז איצט. א קריסטוס-בילד דארף אויסדריקן טיפע פיזישע ליידן און אן אומצופרידנקייט. אט דאס וויל אדאמסקי ברענגען צום אויסדרוק אין זיין קריסטוס-בילד. די אידיי איז שוין ביי אים אינגאנצן קלאר. ער האט שוין א דורכזיכטיקע אנונג ווי קריסטוס וועט ארויסקומען אויף זיין בילד — פון טאג צו טאג, פון שעה צו שעה ווערט עס ביי אים קלארער, לויטערער, דורכזיכטיקער. ער דארף נאר האבן דעם פאסיקן מאדעל און ער קען שוין צוטרעטן צו דער פארווירקלעכונג פון זיין אידעאל.

עס דרייען זיך אפילו ארום אויפן מאנפארנאס אזעלכע, וואס האבן שוין פאזירט פאר קריסטוס-בילדער; שמאלע, לאנג-אויסגעצויגענע געזיכטער מיט שיטערע בלאנדע בערדלעך. איינער האט זיך אפילו ספעציעל צוליב דעם פארלאזט א בערדל. ער, אדאמסקי, קען זיי אבער פאר קיין מאדעלן נישט נעמען: צו רואיקע, טרוקענע געזיכטער; פנימער וואס זאגן גארנישט, דערציילן נישט וועגן קיין ליידן, קיין צער...

מיט דעם געדאנק איז אדאמסקי געזעסן אין קאפע „לא ראטאנד", ווען עס איז פלוצלינג אריינגעקומען ביבער. ביבערן האבן מאלער שוין אייגנטלעך געזאגט, אז ער וואלט געווען א גוטער קריסטוס-מאדעל, נאר נישט מער, וואס זיין פנים איז אביסל צו הארט, קריסטוס דארף זיין ווייכער, מילדער. פארשטייט זיך, אז פאר אדאמסקין איז דאס געווען א מעלה. דערצו נאך, אז ער האט אים געזען איצט, ווען דער הונגער האט געלייגט אויף אים אזא שארפן שטעמפל, ווען זיין פנים איז געווען פארקרומט און פינסטער און אין די אויגן ביי אים האט געברענט אזא מאדנע פייערל, וואס ס'איז שווער געווען צו זאגן, וואס ס'דערציילט, דאס דאזיקע פייערל — איצט האט אדאמסקי געזען אין ביבערן דעם ריכטיקן מאדעל וואס ער האט געדארפט.

ביבער איז צוגעגאנגען צו אדאמסקין, צוגעגרייט זיך דעם אנהייב פון זאץ, מיט וועלכן ער דארף אנהייבן דעם שמועס און ער האט זיך באמת צו

געבן אַ ליבלעכן שמייכל. דאָס האָט זיין פּנים נאָך מער פאַרקרומט.
אָנשטאָט דעם שמייכעלע איז אַרויסגעקומען אַ פינסטערע גרימאַסע ווי צום
וויינען. אַדאַמסקי האָט זיך איינגעגעסן אין ביבערן מיט די אויגן, פאַר־
טיפט זיך אין דעמדראָזיקן אָנבליק זיינעם.

ביבער האָט איינגעזען, אַז ס'איז נישט מעגלעך ער זאָל קענען עפּעס
אַ רעד־טון מיט אַדאַמסקין, איידער ער וועט נישט נעמען עפּעס אין מויל
אַריין. דערפאַר האָט ער, דערזעענדיק דעם גאַרסאָן נאָענט פון זיין טישל,
גאַרנישט לאַנג געטראַכט און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ קאַווע מיט מילך
מיט עטלעכע „קרואַסאַנס" צו פאַרבייסן. און איידער ער האָט געפונען די
ריכטיקע ווערטער, ווי אַזוי אָנצוהייבן צו רעדן מיט אַדאַמסקין, האָט שוין
יענער אָנגעהויבן אַ שמועס, אַ גייסטרייכן און שאַרפזיניקן.

אַדאַמסקי האָט גערעדט וועגן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן וואָס זענען
פריער פון דער לעגענדע, שפּעטער פון דער געשיכטע און נאָך שפּעטער פון
דער קונסט געפּעלשט געוואָרן און זיי בלייבן שוין אַזוי פאַלש באַלויכטן, ביז
עס באַווייזט זיך נישט איינער מיט אַ ניכטערן און קלאָרן פאַרשטאַנד, וואָס
האָט די דרייסטקייט און פעאיקייט אויסצובעסערן דעם היסטאָרישן טעות.
דערנאָך איז אַדאַמסקי אַרויף אויף קריסטוסן, גערעדט וועגן דעם, ווי קריס־
טוס ווערט פון אַלעמען אויפגעפאַסט און ווי ער, אַדאַמסקי, פּאַסט אים
אויף. אַדאַמסקי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג. אָבער בשעת מעשה האָט
ער געטראַכט: ווי געפינט מען די געהעריקע דעליקאַטע פאָרם, צו בעטן
אָט דעם ביבערן, ער זאָל אים וועלן פּאָזירן.

ביבער האָט אויסגעהערט אַדאַמסקין מיט קאָפּ. די הייסע קאַווע מיט
די געשמאַקע „קרואַסאַנס" זענען זיך צעגאַנגען אין אַלע זיינע גלידער.
פונם קאָפּ איז אים עפּעס ווי אַראָפּ אַ שווערע מאַסע און ער האָט דערפילט
אַ לייכטקייט, אַ מאָדנע לייכטקייט, דער געדאַנק איז אים עפּעס אַזוי לוי־
טער און קלאָר געוואָרן. ס'זענען ביי אים געבוירן געוואָרן געדאַנקען, איי־
נער אָריגינעלער און אינטערעסאַנטער פאַרן אַנדערן. פון די אויגן איז אים
אַראָפּ דער נעפּל און ער האָט געזען אַלץ אַרום מיט אַ מאָדנער לויטערקייט
און העלקייט און ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן האָט ביבער זיך גע־
פילט גוט, זייער גוט. האָט ער זיך געהייסן געבן פון אַדאַמסקין אַ ציגאַרעט.
און אַז ער האָט פאַרויכערט דעם גוטן ציגאַרעט מיטן גאָלדענעם מונדשטיק,

האָט ער מיט אַ קלאָרן קאָפּ און מיט גרויס איבערגעלייגטקייט פאַרטראַכט צו שפּינען אַ נעץ פאַר אַדאַמסקין, ער זאָל אי באַצאָלן די קאַווע מיט די „קרואַסאָנס", אי ער זאָל נאָך צוגעבן אַ פּאָר פראַנק.

אַדאַמסקי האָט אָבער אינם זעלבן אויגנבליק אַ קוק געטון אויף ביבערן, געוואָלט נאָכאַמאָל איינזאַפּן אין זיך יענעם פאַרצערטן אויסדרוק אויף זיין געזיכט און ער האָט גאָר דערזען אַ פּנים וואָס האָט געשטראַלט פאַר גליק און פרייד, קלאָרע אויגן וואָס האָבן אויסגעדריקט אַ צופרידנקייט מיט זיך און מיט דער וועלט.

אַדאַמסקי איז געבליבן אַ פאַרוואונדערטער און אַן אַנטוישטער. ער האָט געמורמלט אין דער שטיל:

— פאַרשוואונדן דער אמתער קריסטוס...

# הונגער

— אַנטקעגן דעם, וואָס איר זאָגט הונגער, וועל איך אייך איבערגעבן מיינע אַן איבערלעבונג, איר וועט דערפון זען, צו וואָס הונגער קאָן אַ מענטש ברענגען.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט געווען — מילא, וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו שעמען — אויף גרויסע צרות. פון פאַרדינען עפּעס איז געווען אָפּגערעדט. גאַנצע טעג האָב איך זיך אַרומגעדרייט און געזוכט באַקאַנטע, ביי וועלכע מען זאָל קאָנען כאַפּן אַ „הַל־וואהלע", כדי זיך די נשמה צו דערהאַלטן.

איך ווייס נישט, צי איר האָט שוין אַמאָל מיטגעמאַכט אַזאַ פּעריאָד אין אייער לעבן, אויב יאָ, ווייסט איר, וואָס דאָס איז, ווי געררייצט מען איז, ווי עמפּינדלעך מען איז אויפן אייגענעם כבוד; דיין אָרעמקייט מאַכט דיך אַזוי געפאַלן אין דיינע אייגענע אויגן, אַז עס דאַכט זיך דיר נאָר אויס, אַז אַלע באַהאַנדלען דיך ספּעציעל ווי אַ קבצן. פרעגט שוין נאָר־נישט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכער געמיט־צושטאַנד דאָס איז!

אין איינעם אַזאַ טאָג — דאָס איז געווען פינף אַזייגער נאָכמיטאָג און איך האָב נאָך נישט געהאַט געגעסן גאָרנישט — איך גיי מיר אַזוי אין גאַס און בעט צו גאָט, ער זאָל מיר צושיקן עפּעס אַ שטיקל באַקאַנטן, ביי וועמען מען זאָל קאָנען כאַפּן אַ ביסל קליינגעלט; אויב נישט, שפּיר איך, פאַל איך ממש אוועק פון הונגער. און דער ערשטער מענטש, וואָס קומט מיר אַנטקעגן, איז מ א נ י ע מיט איר דריי־יעריק טעכטערל ביי דער האַנט.

ווער איז מאַניע?

מאַניע איז אַ יונגע אַלמנה פון אַ יאָר דריי און צוואַנציק, אַ גענוג שיינע און אַ זייער קלוגע. ווען איר קוקט אויף איר שמייכלט זי און אַנטפּלעקט דערביי צוויי שורות שניי־ווייסע ציין, וואָס פאַרבלענדן אייך ממש מיט זייער ווייסקייט און אירע אויגן באַקומען בשעת מעשה אַ שאַרף

גלאַנצעלע, ווי געשליפֿן גלאָז, עס דאַכט זיך אייך אויס, אַז זיי, די אויגן אירע, רייסן זיך אַריין מיט זייער בליק טיף צו אייך אין דער נשמה און זיי זאָגן: „פֿון אונז קאָן מען גאָרנישט אויסבאַהאַלטן...“

דאַכט זיך: איך פֿאַרשפּאָר שוין אייך צו זאָגן, אַז דאָ רעדט זיך נישט סתם אַזוי וועגן אַ מאַניע, נאָר וועגן אַ פֿרוי, מיט וועלכער איך געהער זיך עפּעס אָן... דאָס שטויסט איר זיך מסתמא אָן פֿון דעם אופֿן, ווי אַזוי איך האָב זי אייך געשילדערט.

יאָ, אַזוי איז עס טאַקע: איך בין אין אָט דער מאַניע געווען פֿאַרליבט, גאָר היים פֿאַרליבט. עס איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז אָן איר איז מיין לעבן קיין לעבן נישט. און כדי אייך צו פֿאַרשפּאָרן דאָס וואונדערן זיך: ווי אַזוי פּאָרט זיך דאָס, אַרומדרייען זיך גאַנצע טעג און הונגערן און זיין פֿאַרקאָכט אין אַ ליבע? מוז איך אייך קלאָר מאַכן, אַז די ליבע האָט זיך געצויגן שוין פֿון לאַנג, נאָך פֿון יענער צייט, ווען כ'האָב דוקא גאַנץ גוט פֿאַרדינט און מען האָט מיך אפֿילו געהאַלטן פֿאַר אַ שטיקל גביר.

ווייסט איר שוין, הייסט עס, וועגן מיינע געפֿילן צו מאַניען. נו, ווי אַזוי איז געווען איר באַציונג צו מיר? — ווילט איר דאָך מסתמא פֿרעגן. אויף דעם קאָן איך אייך קיין קלאָרן ענטפֿער נישט געבן, מחמת איך האָב עס אַליין נישט געוואוסט און כ'ווייס עס נישט ביזן היינטיקן טאָג. איך ווייס נאָר, אַז פֿריער, אין די גוטע צייטן, ווען איך האָב גוט פֿאַרדינט און כ'האָב זיך געוואָרפֿן מיט געלט, האָב איך געזען באַשיינפּערלעך, אַז כ'בין ביי איר זייער אָן אָנגעליגטער גאַסט. זי האָט זיך באַצויגן צו מיר זייער פֿריינטלעך און מיר אַרויסגעוויזן אַ געוויסן אינטערעס. צי איז דאָס געווען אַ בלויזע פֿריינטשאַפֿט, צי עפּעס מער, האָט איך דעמאָלט נישט געקאָנט וויסן, מחמת עס איז נאָך נישט געווען פֿאַריבער קיין יאָר פֿון איר מאַנס טויט. מאַניע האָט געטראָגן טרויער-קליידער און איך האָב איר צוריקגעצויגענע האַלטונג באַרעכטיקט, ווי אַזוי אירע געפֿילן צו מיר זאָלן נישט זיין.

שפּעטער, אַז איך בין געוואָרן אַ יורד, כ'האָב אויפֿגעגעסן דאָס לעצטע ביסל געלט, וואָס כ'האָב געהאַט און כ'האָב אָנגעהויבן צו לעבן פֿון באָרגן ביי דעם און ביי יענעם, האָב איך מיין לאַגע פֿאַר איר אויסבאַהאַלטן. וואָס ערגער עס איז מיר געוואָרן, אַלץ מער האָב איך זיך באַרימט

פאַר איר מיט מיינע פאַרדינסטן און דערפאַר האָב איך אויסגעמיטן איר הויז, כ'בין אַרויפגעקומען וואָס ווייניקער. „כ'בין זייער פאַרנומען געשעפט־לעך" — האָב איך זיך פאַר איר פאַרענטפערט — „כ'בין אָפט אונטער־וועגס"...

האָט זי אויסגעהערט מיין פאַרענטפערונג, זיך צעשמייכלט, מיט יענעם שמייכעלע, וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק פאַר איר און זי האָט זיך אַזוי שמייכלדיק אָנגערופן:

— אַ יונגער מענטש טאָר נישט זיין אַזוי פאַרקאָכט אין די געשעפטן, אַז ער זאָל אין אַלעם פאַרגעסן... — און אירע אויגן, וועלכע האָבן דעם גלאַנץ פון געשליפן גלאָז, קוקן, דאַכט זיך גלייך אין דער נשמה אַריין און זאָגן: „פון אונז קאָן מען גאָרנישט אויסבאַהאַלטן".

און מיר דאַכט זיך שוין אויס, אַז מאַניעס בליק איז פול חוזק און שפּאָט און אירע ווערטער זענען לויטער איראָניע. ענטפער איך איר עפּעס אַ תירוץ, אין וועלכן עס קלעבט זיך מסתמא נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, איך געזעגן זיך אָפּ, צוזאָגנדיק איר, אַז כ'וועל די טעג זיין ביי איר. מאַניע זאָגט, אַלץ אַ שמייכלדיקע, אַז זי וועט מיך דערוואַרטן און איך גיי אַוועק פון איר מיט אַ צעפלאַמט פּנים און כ'שפּיר, ווי די אויערן גליען מיר.

איצט, טרעפנדיק מאַניען, וועלכע האָט מיר שוין פונדערווייטנס אַנט־קייגנגעשיקט איר גוט־באַקאַנטן שמייכל, איז מיין געפאַלנקייט ביי מיר פאַרטאָפּלט געוואָרן — וואָס רעד איך? — פאַרצענפאַכט געוואָרן, כ'בין מיר אַליין, אין מיינע אייגענע אויגן פאָרגעקומען אַזוי נישטיק, אַזוי קליין.

מאַניע האָט זיך מיט מיר דערפרייט, געפרעגט, פאַרוואָס מען זעט מיך נישט. „מסתמא מאַכט איר גוטע געשעפטן." — האָט זי זיך צעשמייכלט און מיך האָט באַהערשט אַן אומרו: „זי ווייסט" — האָט זיך אַ געדאַנק באַזעצט אין מיר ווי אַ דיבוק און אויסגעפילט מיך מיט שרעק. כ'בין זיכער געווען, אַז זי ווייסט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך, און די ווערטער „מסתמא מאַכט איר גוטע געשעפטן" האָבן מיך געבריט ווי הייסע בליי.

— אוודאי מאַך איך גוטע געשעפטן — האָב איך געענטפערט, כאָטש איך האָב געוואָלט זאָגן עפּעס אַנדערש — און כ'בין טאַקע זייער פאַרנומען — האָב איך שוין צוגעגעבן אין אַ טראַכטיקן טאָן.

— „זייער פאַרנומען" — האָט זי נאָכגעזאָגט מיינע ווערטער אין

אַ קאַקטעיש־באַליידיקטן טאָן — אַזוי פאַרנומען, אַז מען קאָן זיך נישט אָפּרייסן אַמאָל אויף אַ שעה צו ווייזן זיך פאַר אַ פריינט. איבעריקנס, היינט האָט איר דאָך צייט? פאַרבעט איך אייך טאַקע היינט צום אָונטברויט.

אַזוי ווי מאַניע האָט נאָר אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אָונטברויט", איז מיר געוואָרן אַזוי וואַסערדיק אין מויל און ווייך ביים האַרצן... כ'האָב אויף איר אַ קוק געטון און געזען, אַז זי שמייכלט שוין ווידער. האָב איך גאָרנישט לאַנג געקלערט און געענטפערט, אַז איך וואָלט אָנגענומען איר איינלאַדונג מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, אָבער לײדער האָב איך אויפן היינטיקן אָונט אַ באַשטעלטן ראַנדעוואו, וועלכער קאָן אויף קיין פאַל נישט אָפּגעלייגט ווערן...

איצט האָט שוין מאַניע נישט געשמייכלט. זי האָט געהאַט אַן ערנסטען אויסדרוק אויף איר פּנים. זי זעט, זאָגט זי, אַז איך האָב אויף איר אַ בייז האַרץ, הגם זי ווייסט נישט פאַרוואָס.

— זאָל גאָט אויסהיטן — האָב איך איר פאַרזיכערט — פון האָבן אַ בייז האַרץ אויף אייך. פון וואַנען איינגעטלעך נעמט איר עס?

— פון וואַנען איך נעם עס? איר מיינט, אַז איך פיל נישט אַרויס דעם דעמאָנסטראַטיוון טאָן פון אייערע רייד?

זי איז געווען ערנסט, טויט ערנסט און באַליידיקט. פונדעסטוועגן גיט זי מיר נאָך אַ מעגלעכקייט אָפּצולייקענען אָט דעם איינדרוק אירן: זי גלייבט מיר, אַז איך האָב אין אָונט קיין צייט נישט, דערפאַר פאַרבעט זי מיך כ'זאָל מיטגיין שוין איצט מיט איר אַהיים אויף אַ גלאָז טיי.

איך האָב געקוקט מאַניען אין די אויגן אַריין, געוואָלט אַרויסלייענען פון זיי, צי ווייסט זי פון מיין מצב, צי נישט. אָבער איצט איז איר שמייכל געווען מילדער ווי תמיד. האָב איך זיך אָנגערופן:

— איך האָב אפילו איצט קיין צייט נישט, אָבער כדי צו איבערצייגן אייך, אַז כ'האָב אויף אייך נישט דעם מינדעסטן כעס, גיי איך מיט אייך.

„דו וועסט זיך פעסט האַלטן אין די הענט" — האָב איך געזאָגט אַליין צו מיר אין געדאַנק. איך האָב מיר פאַרגענומען אַזוי צו עסן, אַז זי זאָל נישט דערקענען אין מיר קיין זשעדנעקייט...

אַרויפגעקומען צו איר אין שטוב, האָט זי מיך אַריינגעפירט אין גאַסט־צימער, אויף אַ וויל האָט זי זיך צוגעזעצט קייגנאיבער מיר אויף

א שטול, ווידעראַמאָל געזאָגט, אַז איך דאַרף נישט זיין אַזוי אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אין די געשעפטן, דאַן האָט זי זיך אויפגעשטעלט, זאָגנ־דיק דערביי:

— איך וועל אייך אַ ווײַלע איבערלאָזן מיט מיין טעכטערל און איך וועל אַריינגיין אין דער קיך און מאַכן דאָס אמתע גלעזל טיי.

„דאָס אמתע גלעזל טיי" — פרעגט שוין גאָרנישט, ווי מוזיקאַליש אָט די פראַזע האָט געקלונגען אין מיינע אויערן, ממש אַ ציטער איז מיר אַדורכגעלאָפן איבערן לייב...

נאָך אַ קורצער ווײַלע קומט מאַניע צוריק אַריין, אַ שטראַלנדיקע און אַ צעשמייכלטע און שטעלט אַוועק אויפן טיש, סאַמע פּאַר מיין נאָז אַ טעלער, פון וועלכן עס ווינקט אַראָפּ אַ פיין באַשלייערטער טאָרט. אין מיינע אויגן האָט דער קוכן געהאַט אַלע חנען פון דער וועלט.

— עסט נאָך נישט — צעלאַכט זי זיך און מיר רייסט זיך עפּעס אָפּ אינעווייניק — וואַרט אויפן טיי, איך ווייס דאָך, אַז איר זענט אַ נאַשער, איר וועט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן.

— איך בין איבערהויפּט נישט הונגעריק — ענטפער איך שטייף און אָנגעבלאָזן, כאָטש איך ווייס אַליין, אַז איך רעד נאַריש — איר קאָנט עס אינגאַנצן צונעמען, אויב איר ווילט...

— כאַ־כאַ־כאַ — האָט זי זיך הילכיק צעלאַכט און איר קעלעכל האָט זיך צעקלונגען אַזוי לויטער איבערן גאַנצן צימער — טאַמער זאָגט איר נאָכאַמאָל, אַז איר דאַרפט עס נישט, נעם איך עס באַלד אַראָפּ פון טיש און איר וועט האָבן אַ פייג נישט קיין טאָרט — און זי מאַכט דערביי אַ פייג פון איר צאַרט הענטל און טראָגט זי מיר אונטער.

— איך זאָג עס נאָכאַמאָל: איר מעגט עס צונעמען, וואָרים איך וועל עס נישט עסן.

— אָך, איר ווערט דאָך שוין באַלד ערנסט און טראַגיש — האָט זי ווידער געזאָגט מיט אַ שמייכל און איז אַריינגעגאַנגען אין דער קיך צום טיי.

איך בין געזעסן ווי אויף הייסע קוילן, דער שכל־הישר האָט זיך אינ־גאַנצן פון מיר אָפּגעטון, כ'בין געווען זיכער, אַז זי ווייסט פון מיינע תעניתים און נאָר דערפאַר האָט זי זיך איינגעשפּאַרט, נישט אַנדערש,

נאָר כ'מוז אַרויפגיין צו איר. זי האָט רחמנות אויף מיר. איך טאָר פון דעם טאָרט נישט עסן, אַנישט איז זי פאַר מיר פאַרלוירן...

איך בין געווען פאַרזונקען אין מיינע געדאַנקען און איר טאָכטער, וואָס האָט זיך אַפּנים געלאַנגווייליקט אין מיין געזעלשאַפט, האָט זיך גענומען צום טאָרט. צוערשט האָט זי אים אַרומגעצופּט מיט אירע קליינע פינגערלעך, דערנאָך האָט זי גענומען גאַנצע שטיקער און געשטופּט אין איר קליין מיילעכל אַריין.

ווען איך האָב דערזען, וואָס די קליינע האָט דאָ אָפּגעטון, האָט שוין פון טאָרט געפעלט כמעט אַ העלפט. איך בין ממש געוואָרן פאַרצווייפלט און כ'האָב אָנגעכאַפּט דאָס קינד ביים הענטל.

— עס נישט! — האָב איך געזאָגט שטרענג — וואַרט, ביז די מאַמע וועט אַריינקומען, וועט זי דיר געבן. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און אָפּגעלאָזט דאָס לעצטע שטיקל טאָרט. אינצווישן איז מאַניע אַריינגעקומען, געבראַכט טיי, אוועקגעשטעלט אויפן טיש און באַמערקט, אַז עס פעלט שוין אַ האַלבער טאָרט.

— נו, — זאָגט זי, — איר האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף קיין טיי. אוי, זענט איר אַ פרעסער.

איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז נישט איך, נאָר דאָס קינד האָט אויפגעגעסן דעם טאָרט. אָבער איידער איך האָב נאָך באַוויזן דאָס מויל צו עפענען, האָט זי זיך ווידער אַנטשולדיקט אויף אַ ווײַלע און אַריינגעלאָפן אין קיך אַריין.

דאָס קינד, וואָס האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פונם טאָרט, האָט ווידער אויסגעשטרעקט דאָס הענטל צום טעלער. איך בין געוואָרן ווילד און, אָנכאַפּנדיק עס ביי דער האַנט, האָב איך אַ געשריי געגעבן:

— עס נישט! מען טאָר נישט!

דאָס קינד האָט פאַר שרעק אַרויסגעלאָזט אַ הויכן קוויטש און דאַן האָט זי זיך יעמערלעך צעוויינט. די מוטער איז אַ דערשראָקענע געקומען צו לויפן, געפרעגט, וואָס דאָ איז, צוגעגאַנגען צום קינד, געוואָלט עס באַרויקן און געקוקט אויף מיר מיט פאַרוואונדערונג. דאָס קינד האָט געוויינט וואָס אַמאָל שטאַרקער און געקוקט אויף מיר מיט שרעק.

— וואָס איז דאָ געשען? — האָט זי מיך געפרעגט און געבעטן דאָס קינד, עס זאָל נישט וויינען.

— גאָרנישט! — האָב איך געענטפערט אין פאַרלעגנהייט — כ׳האָב איר נישט געלאָזט עסן קיין טאָרט, געהייסן וואַרטן, ביז איר וועט איר געבן.

— וויין נישט! — האָט זי אָפּגעבראָכן אַ שטיק טאָרט און געגעבן דעם קינד — נאַ, עס!

אַז דאָס קינד האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט זי זיך ווידער מיט איר געוויינלעכן שמייכל אָנגערופן צו מיר:

— וואָס האָט איר מורא געהאַט, עס וועט נישט קלעקן פאַר אייך? איך האָב געענוג דערפון.

— איך עס איבערהויפּט נישט קיין נאַשוואַרג — האָב איך געזאָגט און האָב געפילט, אַז עס שטיקט מיך אין האַלז.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, געזאָגט, אַז איך האָב שוין מער קיין צייט נישט און בין אַוועק.

מאַניע האָט מיך געבעטן, איך זאָל טרינקען טיי, זי האָט ממש געוויינט, זי איז מיר נאָכגעלאָפן אויף די טרעפּ. איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס — איך האָב קיין צייט נישט!

אַ הונגעריקער, אַ בייזער, אַ צעטראָגענער בין איך שנעל אַרויס אין גאַס.

אַז דאָס איז געווען ס׳לעצטע מאָל, וואָס כ׳בין געווען ביי מאַניען, פאַרשטייט איר אַליין...

# גנבה

נאָכדעם ווי סאַפּירשטיין האָט זיך אַרומגעדרייט חדשים-לאַנג און געהונגערט דאָס הייסט, ער פּלעגט עסן צו איינציקע אַמאָל אין טאָג עפּעס אַן אָרים מאָלצייט וועלכעס פּלעגט אים צופאַלן גאָר אינגאַנצן אומגעריכט ווי עפּעס אַ נס; נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט געבאָרגט גרעסערע און קלענערע סומעס ביי אַלע באַקאַנטע זיינע, וועלכע ער האָט שוין איצט אויסגעמיטן אויב ער האָט זיי צופעליק באַגעגנט; נאָכדעם ווי עס איז שוין נישט געווען צו וואַרטן אפילו אויף אַ נס, אַז אַ גוטער ברודער זאָל צוואַוואַרפן אַ פּאָר מטבעות און זאָגן דערביי:

— מוזט זעען דיר צו שאַפן עפּעס אַן אַרבעט, אַזוי איז גאָר קיין תכלית נישט.

נאָך דעם אַלעם איז ער איבערגעגאַנגען פון הונגערן צו פאַסטן.

אין די ערשטע עטלעכע טעג פון זיין תענית, האָט זיך סאַפּירשטיינען אויסגעוויזן אַז אַ מענטש קען גאַנץ גוט אויסקומען אָן עסן אינגאַנצן. דאָס איז געווען מסתמא דערפאַר, ווייל אינם אַלמערל וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין צימער, זענען געלעגן פאַרוואַלגערט זינט חדשים לאַנג, פאַרדאַרטע שטיקער ברויט, פון וועלכע ער, סאַפּירשטיין, האָט גאָר אינגאַנצן קיין אַנונג נישט געהאַט; און בעת זיין מוח אַ מידער און פאַרטשאַדעטער, איז נישט טעטיק געווען, האָבן זיינע הענט, נישט נעמענדיק קיין דערלויבניש ביי קיינעמען, זיך דערגראַבלט צו אָט-די שטיקער דאַר ברויט און געגריזשעט זיי; בעת זיינע הענט האָבן באַדינט דאָס מויל און דאָס מויל האָט געפּאָלגט, ווי עס וואָלט געווען אַ שטילער אָפּמאַך צווישן אָט-די צוויי אברים אָפּצוטון אַמאָל אַ שטיקל אַרבעט אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט — איז סאַפּירשטיין געווען אין עפּעס אַ הינערפּלעט-מצב און אַז ער האָט שפּעטער דערפילט אַ טרוקנקייט און נודנעקייט אין מויל און ער האָט גענומען אַ פרישן טרונק וואַסער, זענען אים מיט איינמאָל אַלע אברים לייכטער געוואָרן אין די אויגן איז אים ליכטיקער געוואָרן און דער ערשטער געדאַנק וועלכן סאַפּירשטיין האָט דעמאָלט אויפגענומען אין זיינע געהירן,

נאָכדעם ווי זיי זענען אַלע געהאַט אַנטלאָפן פון אים, איז געווען: אַבי נאָר א קאַלטער טרונק וואַסער, קען מען גאַנץ גוט אויסקומען אָן עסן.

און מערקווירדיק. נאָכדעם ווי סאַפּירשטיין האָט אויפגעגעסן, אָן זיין ווימען, דאָס לעצטע שטיק דאַר ברויט, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין אַלמערל און ער האָט פאַרטרונקען מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער, האָט ער דערשפּירט אַ שטאַרקן אַפּעטיטלעכן הונגער, אַ געפיל וועלכער איז שוין לאַנג נישט געווען ביי אים.

און אָט דער געפיל איז באַלד געוואָרן דער איינציקער באַלעבאָס אי־בער סאַפּירשטיינען, דער איינציקער הערשער איבער אַלע זיינע חושים. דער הונגער האָט אים אַראָפּגעפירט אין גאַס אריין, געוועקט זיין אַקטיווי־טעט, זיין ענעגיע, זיין לעבנסווילן.

אין גאַס האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל, וועלכעס האָט אַביסל אָפּגע־קילט דעם צעהיצטן קאָפּ סאַפּירשטיינס. און צוזאַמען מיט זיין הונגער, וועלכער האָט זיך איצט געשטאַרקט, האָט אָט דאָס ווינטל צוריק געבראַכט סאַפּירשטיינען צום לעבן, אין אים אויפגעטייעט דעם באַלד־פאַרשטאַרטן אינסטינקט פון קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

סאַפּירשטיין האָט געלאָזט פאַרביישוועבן פאַרביי זיין זכרון אַלע באַ־קאַנטע זיינע, די נאָענטע און די ווייטערע ביז די גאָר ווייטע, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ ווײַלע ביי זיין פריינט און בן-עיר עלקאָן, ביי וועמען ער האָט גענומען די לעצטע „הלואה". אויף זיין פּנים לייגט זיך אויס אַ פינסטערע גרימאַסע. ער דערמאָנט אז ווי אַ צולאָג צום פּאַפּירל וואָס אָט דער עלקאָן האָט אים געגעבן, האָט ער געפונען פאַר נייטיק צוצולייגן אָט די ווערטער:

— מוזט זעען זיך ארויסצורייסן פון אזא מין לעבן, דאָס דעמאָראַלי־זירט נאָר אַ מענטשן נישט מער, און וואָס וועסטו טון אז די געבערס וועלן מיד ווערן?...

ער דערמאָנט זיך אז ער האָט געוואָלט אָט דעם עלקאָנען צוריקוואַרפן דאָס פּאַפּירל אין פּנים אריין, זאָג אים: פּאַדליעץ! ווען איך האָב געהאַט און דו נישט האָב איך דיר מער געגעבן און איך האָב דיר קיין מאָראַל נישט געפּרעדיקט; ער האָט אָבער שוין דעם דריטן טאָג נישט געהאַט גע־געסן, פון דער קיך ביי זיין פריינט, האָבן זיך געטראָגן אַהער, אין צימער וואו ער איז געשטאַנען מיט עלקאָנען, געשמאַקע ריחות פונם מיטאָג וואָס מען האָט דאָרט צוגעגרייט. אָט-די ריחות, וועלכע האָבן זיך אריינגעריסן

מיט חוצפה אין זיינע נאָז־לעכער, דערשלאָגן זיך צו זיין גומען און גע־רייצט דעם אַפּעטיט — האָבן אים כמעט ווילד געמאַכט, ער וואָלט אין יענעם מאָמענט איבערגעטראָגן נאָך אַ גרעסערע דערנידערונג אַבי שוין צו קענען אַוועקגיין און עסן — נאָר עפּעס עסן. האָט ער די באַליידיקונג אַראָפּגעשלונגען, צוגענומען דאָס פּאַפּירל און אַריינגעגאַנגען דערמיט אין ערשטן רעסטאָראַן וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אויפן וועג.

ערשט נאָכדעם ווי ער האָט זיך געהאַט אָנגעגעסן צו דער זעט מיט אַ גוטן מיטאָג און דער הונגער איז שוין געווען אינגאַנצן פון אים פאַר־שוואונדן, האָט סאַפּירשטיין דערפילט ביז ווייטאָג די טיפע באַליידיקונג און דערנידערונג וואָס ער איז אויסגעשטאַנען ביי זיין בן־עיר אין שטוב, פאַר אָט דעם מיטאָג וואָס ער האָט דאָ געגעסן; ער האָט דערפילט אַ טיפן עקל צו זיך אַליין און דער נאָכטעם פונם עסן, וועלכן ער האָט נאָך געפילט אין מויל האָט אים אַזוי געאיבלט, אַז ער וואָלט צופרידן געווען ווען ער קען עס צוריק אַרויסגעבן. דעמאָלט האָט סאַפּירשטיין פעסט באַשלאָסן ביי זיך, אַז מער נעמט ער שוין נישט קיין געלט ביי קיינעם, ווען אפילו ס'זאָל אים אויסקומען ממש אויסצוגיין פון הונגער, און די שוועל פון זיין פריינט עלקאָן, האָט סאַפּירשטיין אויך פעסט באַשלאָסן — וועט ער שוין נישט באַטרעטן ווילאַנג ער וועט לעבן.

דאָס אַלץ דערמאָנט זיך סאַפּירשטיין, שפּאַנענדיק אַזוי איצט איבער די גאַסן, מיט אַ שטאַרקן הונגער און מיט אַ פרישׂ אויפגעוואַכטע לעבנס־ענערגיע, מיט אַ פרישׂ אויפגעוואַכטן דראַנג צו קעמפן פאַר עקזיסטענץ.

סאַפּירשטיין באַטראַכט פאַרשידענע פּלענער ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון אָט דעם אומגליקלעכן מצב זיינעם און ער פילט אַז פאַר אַלעם געפינט ער זיך אין דער מאַכט פון הונגער, וועלכער באַהערשט אים אין גאַנצן און ער, דער הונגער, וועט נישט דערלאָזן אַז אַן אַנדער געפיל אָדער געדאַנק זאָל איצט האָבן אַ צוטריט צו אים, סאַפּירשטיינען.

ווידער לויפן פאַרביי סאַפּירשטיינס זכרון אַ גאַנצע גאַלעריע באַקאַנטע, ביי וועמען ער פלעגט אַמאָל נעמען אַ קליינע הלוואה „ביז מאָרגן“, ער לאָזט זיי, די באַקאַנטע, פאַרביישוועבן זיין זכרון מיט דער שנעלקייט פון אַ פילם־בילד, און אַזוי, אין דעם שנעלן פאַרביימאַרשירן ווערט יעדער איינער אָפּגע־שאַצט, צי מען קען נאָך אַמאָל ריזיקירן און בעטן ביי אים אַ קליין הלוואהלע. און די מינע, אויף סאַפּירשטיינס פּנים זאָגט עדות, אַז ער האָט נאָך קיינעם

פון די אלע באקאנטע, וועלכע ער האט פארביינגעפירט פאר זיין זכרון נישט געלאזט אפשטעלן זיך אויף א ווײַלע. וועגן עלקאנען האט סאפירשטיין נישט געוואלט זיך דערמאנען אפילו; דער באשלוס, זיין לאנדסמאנס שוועל מער נישט איבערצוטרעטן, האט ער אויך איצט, זייענדיק אינגאנצן אין דער מאכט פון הונגער, געהאלטן פעסט. פונדעסטוועגן, אז ער האט זיך א פארצווייפלטער און האפענונגסלאזער אפגעשטעלט אויף א ווײַלע פון זיין האסטיקן מארשירן, האט ער זיך געזען שטיין ביים טויער, וואו עס וואוינט זיין לאנדסמאן עלקאן.

סאפירשטיין האט זיך האסטיק אפגעקערט פון טויער, גענומען שפאנען שנעל שוין אן א געדאנק אינגאנצן. זיינע אויגן, גלייך מען וואלט זיי איבערגעביטן און אים אריינגעזעצט אנדערע, האבן אים געוויזן די גאנצע וועלט עפעס גאר אן אנדערע ווי די וועלכע ער זעט שטענדיק; זיין מוח, גלייך מען וואלט אויף אים פלוצלינג עפעס א שווערע משא ארויפגעלייגט, האט אים געדריקט און זיינע אויערן האבן פארנומען א גערויש פון עפעס מאדנע טענער, טענער אזעלכע וואס ער האט נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געהערט.

געגאנגען איז איצט סאפירשטיין שנעל און אויטאמאטיש. ער האט נישט געטראכט גארנישט. און אז ער איז, נאך א לענגערער צייט שפאנען איבער די גרויסשטאטישע גאסן, ווידער אמאל צוריקגעקומען צום זעלביקן טויער וואו עס וואוינט זיין פריינט און בן-עיר עלקאן, האט ער זיך שוין מער נישט אפגעשטעלט, נאר ער איז מיטן זעלבן טעמפא געגאנגען ווייטער — אריין אין הויף, ארויף אויף די טרעפ איין שטאק, נאך א שטאק און אויפגעפראלט די טיר ביי עלקאנען...

דאס אלץ האט סאפירשטיין געמאכט אויטאמאטיש, אן באוואוסטזיין, נאר פון בלויזן אינסטינקט געטריבן, באוועגט פונם דראנג צום קאמף פאר עקזיסטענץ, וואס עס האט אין אים וואך געמאכט דער אפעטיטלעכער הונגער און פארשטארקט דאס קילע ווינטל וואס בלאזט אינדרויסן. אט דער אינסטינקט האט אינגאנצן פארטריבן דעם באוואוסטזיין פון סאפירשטיינען, געמאכט אים פאר א בלינד ווערקצייג אין די הענט פון א לעבנס־ווילן.

ווען סאפירשטיין איז אריינגעפאלן צו עלקאנען, איז יענער גראד געזעסן מיט זיין פאמיליע ביים טיש און געגעסן מיטאג. עס איז געווען א זונטיק, דער טאג ווען עלקאן האט געוויינלעך געסט צו מיטאג: זיין שווער

דעם אלמן און זיין פרוים צוויי שוועסטער מיט זייערע מענער און קינדער. אויך איצט איז די גאנצע משפחה געווען פארזאמלט און סאפירשטיינס אויגן, וועלכע האבן איצט געזען אלץ אומצאליקע מאל געכפלט, האבן אויפ־גענומען א ים מיט מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, וועלכע גריזשען ביינער, שפילן זיך מיט פאמעראנצן און טרינקען גלעזער ביר... און זיינע אויערן האבן אויפגעכאפט קולות, גראבע באסאווע קולות, וועלכע שפאלטן זיך און עס טיילט זיך אפ פון זיי דינערע און נאך דינערע, ביז אזעלכע דינע אז דאס אויער קען זיי קוים אויפכאפן...

אבער ווען עלקאן האט זיך אנגערופן צו זיין פרוי:

— אט איז סאפירשטיין, אבי דו האסט זיך געזארגט וואס מען זעט אים נישט —

האט סאפירשטיין אנגעשטרענגט זיין מוח און געצוואונגען אים צו באנעמען דיווירקלעכקייט אזוי ווי זי איז. און ווען ער איז צוגעגאנגען צום טיש און זיך געזעצט אויפן שטול, וועלכן מען האט פאר אים פריי געמאכט, האט שוין סאפירשטיין געוואוסט: ער געפינט זיך איצט ביי על־קאנען, ביי זיין בן עיר עלקאן, ביי וועמען ער האט גענומען די לעצטע „הלואה" מיט א פארציע מאראל פאר א צוגאב און ער האט זיך דאן געגעבן דאס ווארט מער אט די שוועל נישט איבערצוטרעטן.

די באלעבאסטע, עלקאנס פרוי, האט געפרעגט ווייך און ליבלעך:

— איר וועט אפשר מיט אונז מיטעסן מיטאג, סאפירשטיין?

יא, ער האט גאנץ גוט געהערט די פראגע און ער האט גאנץ גוט בא־נומען איר ווערט; מיט זיין גאנצן וועזן האט ער געשפירט אז ער דארף נאר זאגן איין ווארט: „יא" און אין געציילטע מינוטן וועט אט דער פארשאל־טענער הונגער פון אים אוועקגיין, וועט ער זיין זאט אזוי ווי די אלע מענ־טשען וועלכע זיצן דא און פילדערן און ליארמען אזוי צופרידן און זארגלאז; פון דער אנדערער זייט ווידער האט ער גערענקט זיין באשלוס, נישט איבער־צוטרעטן עלקאנס שוועל, ס'האט אים געבריט דער פלאץ, וואו ער זיצט און ער האט געמאכט איבער זיך די גרעסטע אנשטרענגונג נישט צו עסן דא גארנישט, נישט צו געניסן פון אט דעם עלקאן דאס מינדעסטע. ער האט זיך אנגעשטרענגט און געוואלט ארויסרייסן פון זיך די ווערטער:

— ניין, כ'דאנק אייך, כ'האב שוין געגעסן...

אבער איידער די פראזע, וועלכע סאפירשטיינס אנטשלאסענער ווילן

האָט דורכויס געוואָלט אַרויסברענגען — האָט זיך נעקעגט אַרויסרייסן פון זיין מויל, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער, האָט שוין עלקאָן, גלייך ער האָט שוין געהערט פון אים אַן ענטפער אַז — ניין, ער וועט נישט עסן — זיך אָנגערופן:

— אָבער אַ גלאָז טיי וועסטו דאָך טרינקען מיט אונז?

און מאָדנע: כאָטש זיין באַשלוס, נישט צו עסן איז שוין געווען אַזוי קלאָר און זיכער, דאָך האָט ער אַצינד, נאָכדעם ווי עלקאָן האָט נישט גע-וואַרט אויף זיין ענטפער און אים פאָרגעלייגט אַ גלאָז טיי צו טרינקען, זיך דערפילט ווי אַ מענטש ביי וועמען מען האָט צוגערויבט די לעצטע האָפענונג. און אַ כעס, אַ שרעקלעכער כעס האָט אים אַרומגענומען, אויף אַט דעם עלקאָנען, אויף זיין פרוי, אויף די אַלע וואָס זיצן דאָ אַזוי געמיטלעך און פּלוידערן — אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע האָט זיך פאַרייניקט קעגן אים, סאַפּירשטיינען און לאָזט אים נישט באַקומען קיין מאָלצייט אפילו נאָך אַזאַ לאַנגן תענית...

די געסט האָבן זיך אויפגעהויבן אייינציקווייז פון טיש און אַריין אין צווייטן צימער, וואו די באַלעבאָסטע האָט איינגעלאַדן צום טיי. עלקאָן איז אַריין דער לעצטער און מיטגערופן מיט זיך סאַפּירשטיינען און ווען סאַ-פּירשטיין איז מיט אים נישט מיטגעגאַנגען, האָט ער צו אים אַריינגעשריגן פון צווייטן צימער:

— סאַפּירשטיין, קום אַריין דאָ, וועלן מיר אַביסל פּלוידערן.

סאַפּירשטיין האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט. אין זיינע אויגן האָט געברענט אַ בייז גיפטיק פייערל. ער האָט געוואָלט צוגיין אויף דער שוועל פון צווייטן צימער און זאָגן עלקאָנען: „איך וועל נישט טרינקען קיין טיי ביי דיר, דו ביסט אַ מנוול“. ער האָט אָבער שוין געפילט, אַז ער וועט זיין באַשלוס נישט אויספירן, אַז אויב ער וועט זיך נאָר אוועקשטעלן אויף דער שוועל פון אַנדערן צימער, וועט ער שוין נישט קענען צונויפקלייבן אין זיך די קרעפטן, נישט אַריינצוגיין דאָרט, אַוועקזעצן זיך אין אַ ווייכן שטול און טרינקען אַ היים גלעזל טיי, צו וועלכן ס'וועט אפשר אויך זיין עפּעס צו-צוביסן. און ווי וועלנדיק זיך ראַטעווען פון אַט דעם אומפאַרמיידלעכן, האָט ער געוואָרפן פאַרצווייפלטע בליקן צו דער אויסגאַנגס-טיר.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך סאַפּירשטיין דערזען איינער אַליין אין אַט דעם צימער, איינער אַליין ביי אַ טיש אויף וועלכן עס געפינט זיך איבער-

בלייבעכץ פון אַ גוטן מיטאָג. פון זיך אַליין האָט זיך זיין האַנט אויסגעשטרעקט, גענומען עטלעכע שטיקער ברויט, וועלכע זענען געלעגן אָנגעשניטענע אויף אַ טעלער און ער האָט זיי אַריינגעלייגט אין קעשענע. דאַן האָט ער געזען שטיין אַ טעלער באַלייגט מיט אַ הויפן פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ פון אונטער די פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ האָט זיך אַרויסגעזען אַן אָרומגעגריזשעט שטיק געבראָטן קעלבערן פלייש. האָט סאַפּירשטיין אַפּערגעשלעפּט אָט דאָס שטיק פלייש, אָנוואַרפנדיק אַ טיש מיט פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ און באַגיסנדיק דאָס טישטוך מיט אַ פעטער רויטלעכער סאָס.

אינם זעלביקן מאָמענט ווען סאַפּירשטיין האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס אָרומגעגריזשעטע שטיק קעלבערן פלייש פון אונטערן באַרג פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ און געוואָלט לייגן עס אין טאַש אַריין, האָט זיך מאַדאַם עלקאָן באַוויזן אויף דער שוועל. זי האָט שוין געהאַט געזען פריער, די מאַדאַם עלקאָן, אַז סאַפּירשטיין איז היינט עפּעס מאָדנע, און אַז זי האָט שוין דאָרט אין גאַסט-צימער געהאַט אוועקגעשטעלט טיי פאַר אַלעמען און סאַפּירשטיין איז נאָך אַלץ געזעסן דאָ אין עס-צימער — האָט זי זיך אָנגעגרייט אַ ליבלעך שמייכעלע אויף די ליפּן און אַ פראַזע האָט זי זיך אָנגעגרייט אויסצוזינגען:

— איר מיינט, סאַפּירשטיין, אַז אַ מענטש מוז תמיד זיין אָריגינעל?

און אָפּזאָגנדיק אָט די פראַזע, האָט זי אים געזאָלט נעמען פריינטלעך אונטערן אָרעם און אַריינפירן אין צווייטן צימער צו די געסט.

אָבער אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון דעם צימער, האָט מאַדאַם עלקאָן קלאָר און דייטלעך געזען, ווי סאַפּירשטיין שלעפּט אַרויס דאָס שטיק אָרומגעגריזשעטע פלייש פון דעם באַרג פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ און לייגט עס צו זיך אין טאַש אַריין. מאַדאַם עלקאָן האָט אויפגעריסן גרויס און ברייט אירע אויגן, איר גאַנץ פּנים האָט אויסגעדריקט פּחד און דערשטוינטקייט. דאָס צוגעגרייטע שמייכעלע איז מאָמענטאַל אַראָפּ פון אירע ליפּן און איר מויל האָט זיך פאַרקרומט ווי צום וויינען.

סאַפּירשטיין אַריינלייגנדיק דאָס שטיק פלייש אין טאַש אַריין, האָט געזען אַריינקומען די מאַדאַם עלקאָן. ער האָט געוואוסט זיכער, אַז זי האָט געזען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטון און אַ געפיל פון שאַנד און געפאַלנקייט האָט אים אינגאַנצן באַהערשט. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן בלויז איין אוי-

געגבליק. באַלד האָט זיך זיין פאַרשעמטקייט צונויפגעגאָסן מיטן כעס, וואָס האָט די גאַנצע צייט געזאָטן אין אים און אָט דער כעס איז איצט פאַר־פילפאַכט געוואָרן. האָט ער טראַציק און גיפטיק געקוקט דער מאַדאַם עלקאָן אין די אויגן אַריין און שוין אָפן אַראָפגענומען פון אַן אַנדערן טעלער אַ קאַפּ פון הערינג אַן אויסגעשמירטן אין זענפט און געלייגט אים אין טאַש אַריין.

— מיין גאָט, — האָט מאַדאַם עלקאָן אַרויסגעוויינט — מיר האָבן דאָך אייך געבעטן איר זאָלט מיט אונז מיטעסן מיטאָג.

סאַפּירשטיין האָט זי גלייך אָנגעקוקט, נישט גערעדט קיין וואָרט נאָר טראַציק און גיפטיק געשמייכלט.

— וואָס איז דאָס דאָרט? — האָט עלקאָן אַריינגעשריגן פון צווייטן צימער, הערנדיק רעדן זיין פרוי מיט אַזאַ וויינענדיקער שטימע — סאַ־פּירשטיין, קום אַריין טרינקען טיי.

מאַדאַם עלקאָן איז צוריק אַריין אין צווייטן צימער, דערציילט די געסט מיט אַ וויינענדיק קול וואָס דאָ איז געשען. מען האָט זיך דאָרט עפּעס גע־שושקעט אין דער שטיל. באַלד איז אַריינגעקומען עלקאָן מיט אַ ציגאַר אין מויל און זיך געווענדעט צו סאַפּירשטיינען:

— דו וועסט פריער עסן מיטאָג, דערנאָך וועסטו אַריינקומען טרינקען מיט אונז טיי — דאָראָ גרייט סאַפּירשטיינען צום טיש — ווענדעט ער זיך צו דער פרוי, וועלכע איז אים נאָכגעקומען נאָך אַלץ אַ צעשראָקענע.

סאַפּירשטיין האָט זיך גלייכגעשטעלט ווי אַ סטרונע. ער איז אין איין אויגנבליק עפּעס אויסגעוואַקסן גרעסער ווי תמיד. פון זיינע אויגן האָט געשפּריצט אַ בייזער גיפט, וועלכער האָט געקענט פאַרסמען מיטן בלויזן בליק און אַזוי גיפטיק האָט ער געענטפערט עלקאָנען:

— ניין מיין ליבער, ביי דיר וועל איך קיין נדבות נישט נעמען און קיין הלוואות אויך נישט „דאָס דעמאָראַליזירט נאָר אַ מענטשן", ביי דיר וועל איך נאָר גנבענען, גנבענען די שיריים פון דיין זאַטן טיש.

אָפּגעזאָגט דאָס איז סאַפּירשטיין גלייך און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אַרויסגעגאַנגען.

שוין אויף די טרעפּ האָט סאַפּירשטיין אַרויסגענומען אַ שטיק ברויט מיט הערינג. געגריזשעט עס מיט בייזקייט און מיט הנאה און ער האָט גע־האַט דאָס געפיל, אַז שוין לאַנג, לאַנג האָט ער נישט געגעסן אַזאַ בכבודיק שטיקל ברויט ווי איצט...

# י ח ו ס

## .1

אמאָל, מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק, אַז קאַפּל איז געקומען אַהיים אין שטעטל אַריין פון דער גרויסער וועלט, און מיטגעבראַכט האָט ער אַביסל געלט (אין שטעטל האָט מען געזאָגט „אַ פאַרמעגן"), און אָנגעטון איז ער געווען גאָר פראַנטיש און אין האַנט האָט ער שטענדיק געהאַלטן אַ שיין, דין שטעקעלע וואָס ער האָט אַזוי ממזריש געדרייט אין אַלע זייטן — דעמאָלט האָט מלכה זיך געפילט גליקלעך, וואָס גראָד זי האָט געפונען ליטזעליקייט אין זיינע אויגן און ער האָט, באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע שפּאַצירן אויפן שאָסיי, הינטערן שטעטל, אונטערגעשיקט אַ שדכן צו איר פאָטער, ר' לייבעלע דיין.

וואָרים מלכה האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז כאָטש איר פאָטער האָט דעם שיינעם טיטל ד יי ן, איז ער נישט מער ווי אַן אָרעמער ייד, אַ מלמד (דעם נאָמען „דיין" האָט ער געהאַט, ווייל ער פלעגט אַמאָל פּסקנען אַ שאלה, ווען דער רב איז נישט הי געווען) און אַז קיין נדן קען איר דער פאָטער נישט געבן.

חוץ דעם האָט זי נאָך געוואוסט, אַז אַרום קאַפּלען דרייען זיך שבת אויפן טראַקט אַלע מיידלעך, ווי די בינען אַרום האָניק — שענערע פון איר, יינגערע און דער עיקר — רייכערע.

דערפאַר, אַז זי האָט געזען אין איינעם אַן אָוונט, ווי איטשע מאירל שדכן קומט צו זיי אין שטוב אַריין, איר טאַטע איז אים מכבד מיט אַ גאָר „וואוילן שמעק טאַבאַק", די מאַמע שטעלט טיי צום טיש, און איטשע־מאירל, זופנדיק הויך פונם גלאָז, וואָס ער האַלט אַרומגענומען מיטביידע הענט, זאָגט נאָכאַנאַנד:

— איך האַלט עס פאַר אַ גלייכע זאַך...

האָט איר האַרץ גענומען קלאַפּן שטאַרקער, ווי תמיד... און אַז רב לייבעלע דיין האָט זיך געקרומט: „הערשל קאַרטאָפלאַזש פאַר אַ מחותן"...

— האָט שוין מלכהס האַרץ געקלאַפּט ווי מיט האַמערס עפּעס אַן אומרואי־קייט האָט זיך אַריינגעגאָסן אין איר בלוט אַריין און געטריבן עס ווי מיט בייטשן איבער איר לייב.

די גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָט זי, אַן אומרואיקע, זיך געוואָרפן אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער. איר הייס בלוט האָט געוואַרעמט דאָס לייב אירס און אין אַ צושטאַנד פון נישט שלאָפן נישט אויף זיין האָט זי געזען די גאַנצע נאַכט קאַפּלען מיט די שיינע שוואַרצע וואָנסעלעך, ווי ער דרייט אַזוי וואוילעריש מיט דעם שיינעם דינעם שטעקעלע זיינעם, און ער דערציילט חידושים פון דער גרויסער וועלט...

מלכהס שרעק און אומרואיקייט איז געווען אַן אומזיסטע; איר טאַטע, דער מלמד, האָט זיך נאַרנישט געהאַלטן אַזוי אין גרויסן. און אויב ער האָט זיך אַביסל געקרומט: „הערשל קאַרטאָפּלאַזש פּאַר אַ מחותן"... איז דאָס נאָר געווען כדי אונטערצושטרייכן זיין אייגענע חשיבות, ווייל עס פּאַסט נישט באַלד צוצופאַלן, זאָל יענער וויסן, אַז ער טוט אַ יחוס־שידוך. אָבער אין דער אמתן, האָט ער אויך נישט ווייניקער ווי דאָס כלה־מיידל, מלכה, זיך געפרייט מיטן שידוך. און אויף דער חתונה, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן פאַר קאַפּלס געלט, האָט ער אַ יעדן געוויזן די נייע זיידענע קאַ־פּאָטע, וואָס דער חתן האָט אים געמאַכט, געהייסן איטלעכן אָנטאַפּן און יענעם פאַרזיכערט:

— דעם טייערסטן זייד האָט ער אָפּגעזוכט...

.2

דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק. מלכה איז דעמאָלט געווען דאַנקבאַר אין מאַן, קאַפּלען, דערפאַר, וואָס ער האָט זי, דוקא זי, אויסגעקליבן פון אַלע שטעטלשע מיידלעך. איר דאַנקבאַרקייט האָט מלכה געלאָזט דערקענען אין דער געטריישאַפט, וואָס זי האָט צו איר מאַן אַרויסגעוויזן, אינם אָפּהיטן אים, ער זאָל עסן צו דער צייט, אין קאָכן נאָר דאָס, וואָס ער האָט ליב, און אין דעם וואָס זי האָט אים גערופן נישט אַנ־דערש, ווי „קאַפּלשי".

היינט, אַז פונם אַמאָליקן קאַפּל איז געוואָרן אַ הער וואַרשאַווסקי, אַ ייד מיט אַ לייטיש באַלעבאַטיש קמץ־בערדל וואָס זיין אונטערשריפט אויף אַ וועקסעלע איז אַזוי שיין געדרייט און געציקט (די איינציקע שרייבערישע

טעטיקייט זיינע), אז ער הייסט שוין נישט „קאפל, הערשל קארטאפלאזשס" און אפילו נישט „לייבעלע דיינס איידעם", נאר פשוט, „הער ווארשאוו־סקי", און זיין מלכה, טראגט דעם רעספעקטאבעלן נאמען „פרוי ווארשאוו־סקא" — היינט איז נישטא מער קיין איבערבלייבעניש פון דער דאנקבאר־קייט און פונם דרך־ארץ וואס מלכה האט אמאל געהאט צו איר מאן.

אין דערזעלבער מאס ווי מלכה האט זיך צוזאמענגעלעבט מיטן בכבו־דיקן נאמען „מאדאם ווארשאווסקא" און מיט דער ראל פון א נגידישער פרוי צו וועלכער אלע רעדן מיטן גרעסטן דרך־ארץ — איז אויך פארשוואונדן ווי א רויך דער דרך־ארץ וואס זי האט געהאט פאר איר מאן; אויפן ארט פונם פריערדיקן דרך־ארץ, איז ביסלעכווייז אויסגעוואקסן ביי איר א שטאלץ און א גרויסהאלטן זיך קעגנאיבער אים. און — ווי מערקווירדיק דאס זאל נישט זיין — אט דער שטאלץ און דאס גרויסהאלטן זיך פון דער מאדאם ווארשאווסקא אנטקעגן איר מאן איז געוואקסן צוגלייך מיט זיין אנזען ביי מענטשן. דער טייטש פון אט דער גרויסהאלטעריי איז גע־ווען אט אזוי: זי, די טאכטער פון אזא איידלען ייד, ווי עס איז געווען רב לייבעלע דיין, איז מער צוגעפאסט צו זיין א נגידיתטע ווי ער, דער זון פון הערשל קארטאפלאזש, א ייד א לאטוטניק, וואס האט א נאז ווי א קאר־טאפליע.

האט טאקע פרוי ווארשאווסקא געגעבן צו פילן איר קאפלען, אז נאר א דאנק דעם וואס ער איז געווארן איר מאן, קען ער אביסל אויסגעאיידלט ווערן.

אין דער ערשטער צייט, אז אט דאס גרויסהאלטן זיך מלכהס קייגנאי־בער איר מאן און דער גאנצער שטאלץ האט זיך אויסגעדריקט נישט מער ווי אין דעם, וואס זי האט געלויבט איר פאטער, דעם טייערן ייד, דעם למדן — האט עס אים נישט אזוי שטארק געארט. מילא, האט ער זיך געטראכט, זאל זי זיך גרויסן מיט איר יחוס. דער שלום־בית איז דורכדעם נישט גע־שטערט געווארן. אבער וואס אמאל ווייטער איז מאדאם ווארשאווסקא אלץ געהויבענער געווארן אין אירע אייגענע אויגן און אים, איר מאן, האט זי געגעבן צו פילן אז זיין יחוס איז גאר א קנאפער.

עס איז גראד אויסגעקומען אזביידע מחותנים, איר פאטער, ר' לייבעלע דיין, און זיין פאטער, הערשל קארטאפלאזש, זענען געשטארבן כמעט אין איין צייט. מלכה האט געהאט די געלעגנהייט צו זען, ווי איר מאנס

פּאָטער, הערשל קאַרטאָפּלאַזש, איז געלעגן גאַנצע צוויי טעג, ווייל די חברה קדישה האָט געוואָלט אַרויסקריגן אַ שיינע „פּויטיקע" פון זיין זון, דעם גביר, וועלכער האָט זיך מיט זיי געדונגען; און אַ לויה האָט ער געהאַט גאָר אַ קליינע, און אַז אָרט אויפן בית הקברות האָט ער באַקומען אויך נישט קיין געהויבנס; דערפאַר אָבער, אַז איר פּאָטער, רב לייבעלע דיין, איז געשטאָרבן האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוויינט; אויף דער לויה איז געווען קינד און קייט; דער רב אַליין האָט געמאַכט אַ הספּד נאָך אים, און לויט זיינע ווערטער איז אויסגעקומען, אַז אָט דער ייד, וועלכער איז דאָ געשטאָרבן, איז געווען דער גרעסטער צדיק און דער גרעסטער למדן אין דער גאַנצער וועלט, און געשטאָרבן איז ער פאַר דער צייט, צוליב די זינד פון זיין דור, וועלכער איז נישט ווערט צו האָבן צווישן זיך אַזאַ צדיק. בעת דעם רבס הספּד, האָבן אַלע ווייבער אַזוי געוויינט, גלייך צום אומגליק וואָס האָט זיי דאָ געטראָפן איז גאָר קיין טרייסט נישט פאַראַן. דעמאָלט האָט מאַדאַם וואַרשאַווסקאַ ערשט רעכט דערפילט דעם חילוק פון איר, ביז איר מאַן, און זי האָט עס אים טאַקע געגעבן צו פילן.

מאַדאַם וואַרשאַווסקאַ האָט פון אַ קליינער פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט געהאַט פון איר פּאָטער, געלאָזט מאַכן אַ גרויס בילד, איינגעראַמט עס אין אַ גאָלדענער ראַם און אויפגעהאָנגען עס ביי זיך אין סאַלאָן. און יעדער איינער וואָס איז צו איר אַריינגעקומען האָט געמוזט וויסן, אַז אָט דער ייד מיטן געקאַרבטן שטערן, מיט די לאַנגע געקרייזלטע פּאות, מיט די ברייטע גרויע באָרד — איז געווען איר פּאָטער און ביי אַ פּאַסיקע געלעגנהייט האָט זי שוין אין איין וועג דערציילט ווי איר פּאָטער איז געזעסן און געלערנט בייטאָג און ביינאַכט, ווי ער האָט אָוועקגעגעבן אויף צדקה אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, ווי אַזוי די גרעסטע שטעט האָבן זיך ביי אים געבעטן, ער זאָל זיין אַ רב ביי זיי, נאָר ער האָט נישט געוואָלט... און אַזוי דערציילנדיק וועגן דעם ווער עס איז געווען איר פּאָטער, האָט זי — סתם אַזוי, פאַרביייגייענדיק געזאָגט, אַז איר מאַן קומט נישט אַרויס פון גאָר געהויבענעם יחוס, אַז זיין פּאָטער איז געווען אַ גאָר פּראָסטער ייד... און לויט דעם טאָן אירן און לויט דער גרימאַסע אויף איר פּנים, איז געווען קענטיק, אַז כדי נישט צו דערנידעריקן איר מאַנס אָפּשטאַם, זאָגט זי „אַ גאָר פּראָסטער ייד", אָבער אין דער אמתן איז ער געווען פיל ווייניקער ווי „גאָר פּראָסט".

אָט די כונה אירע האָט באַמערקט אויך איר מאַן, וואָס אין זיין קעגנ־

ווארט האָט זי נאָך מיט מער חשק געדעדט וועגן איר יחוס. טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט זיך קאָפּלען געדאַרפט פאַרגלוסטן צו לאָזן מאַכן אַ בילד אויך פון זיין פאָטערס אַ פאָטאָגראַפיע. דאָ האָט זיך מאַדאַם וואַר־שאַווסקי שוין נישט געקענט איינהאַלטן און זי האָט אים געפרעגט, צי ער האָט נישט אַמאָל בדעה דאָס בילד אויך אויפצוהענגען. און כאָטש ער האָט גאָר נישט געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן אַז יאָ און ער האָט אָנשטאָט דעם געענטפערט:

— לאָז נאָר דאָס בילד זיין געמאַכט וועט מען שוין שפּעטער זען...

האָט אָבער מאַדאַם וואַרשאַווסקאַ געפונען פאַר נייטיק צוצוגעבן:

— וואָס מיינסטו, אַזאַ גרויסער כבוד איז עס?

— מיין טאַטע איז געווען אַ גאַנץ ערלעכער ייד — זאָגט וואַרשאַוו־סקי באַליידיקט — אַ פּראָסטער ייד, אָבער ערלעכער ווי אַנדערע לערנערס... איך האָב זיך מיט אים נישט וואָס צו שעמען...

— יאָ, דאָ איז אמת — זעט מאַדאַם וואַרשאַווסקאַ כלומרשט נישט זיין פאַרדרוס און שנירט צונויף די דינע ליפּעלעך, — מיין טאַטע זכרונו לברכה פלעגט עס גאַנץ אָפט זאָגן...

וואַרשאַווסקי האָט דאָס בילד פון זיין פאָטער נישט אויפגעהאָנגען, ער אַליין האָט מסכים געווען מיט זיין ווייב, אַז דער ייד מיט דער גראָבער רויטער נאָז איז עפּעס גאָר נישט קיין פּאָר מיט יענעם, וואָס מיטן גרויסן שטערן און איידעלען פּנים; ער אַליין האָט זיך געפילט נידעריק און מינ־דערהווערטיק אין פאַרגלייך מיט זיין ווייב, ער איז געווען געפאַלן ביי זיך און אַז ער האָט אַמאָל באַטראַכט דאָס גרויסע בילד פון זיין פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אַוועקגעשטעלט אַ פאַרשעמטעס אין איינעם פון די חדרים, וואו מען פלעגט נישט גאַנץ אָפט אַריינקומען, האָט ער געפילט אַז זיין שווער, רב לייבעלע דיין, וועלכער קוקט אַראָפּ מיט אַזאַ יראת־שמים־פּנימל פון דער וואַנט אין סאַלאָן, פאַרשעמט זיין פאָטער, דעם פּראָסטן אָבער ערלעכן ייד... טיילמאָל האָט זיך קאָפּל אין געדאַנק רעוואָלטירט, ער האָט זיך געוואָלט אָננעמען פאַרן באַליידיקטן כבוד פון זיין פאָטער, אָבער חוצדעם וואָס ער האָט מורא געהאַט אָנצוהייבן מיט זיין ווייב ,האָט ער אַליין אויך געפילט, אַז זיין אָנזען וועט דורך דעם אַביסל געמינערט ווערן. האָט ער דען נישט גאַנץ אָפט געזען, ווי מענטשן וועלכע באַקוקן אין סאַלאָן

דאָס בילד פון זיין שוועך און מלכה דערציילט זיי, וואָס פאַר אַ טייערער ייד ער איז געווען, זאָגן:

— מען זעט באַלד אַז ער איז נישט געווען קיין אבי־ווער.

שטעלט זיך וואַרשאַווסקי טאַקע באַלד פאָר, וואָס עס וואָלט געווען, ווען ער ווייזט די זעלבע מענטשן דאָס בילד פון זיין פאָטער. ער פאַר־שטייט, אַז געזאָגט וואָלט מען מסתמא גאָרנישט, נאָר אַ גרימאַסע וואָלט יעדער איינער געמאַכט, וואָס וואָלט גערעדט גענוג קלאָרע ווערטער:

—אַ פּראָסטער נפש...

ער האָט זיך געפילט דערדריקט פון דעם, דער וואַרשאַווסקי, אַ לאַנגע צייט, יאָרן מיט יאָרן, ביז — זיינע אונטערגעוואַקסענע קינדער האָבן אים געגעבן אַ סאַטיספאַקציע.

.3

וואַרשאַווסקי האָט געוואוסט, אַז זיינע קינדער, אַן אַכצן־יעריקער בחור און אַ זיבעצן־יעריק מיידל, פאָרען זיך מיט כלל־זאַכן, אַז זיי חברן זיך מיט יענע, וועלכע ווילן איבערמאַכן די וועלט. קאָפּל האָט מיט אַ שמייכל געקוקט אויף „די לייט". אגב, געדענקט ער, אַז אויך ער האָט זיך אַמאָל נאַריש געמאַכט מיט די זאַכן און ער פאַרשטייט אַז דאָס איז אַזאַ מין „אונטערגאַנג" ביי יונגע קינדער. און כאָטש ער איז נישט שטאַרק צופרידן פון דעם, וואָס זיינע קינדער חברן זיך נישט מיט זייערס גלייכן, און כאָטש גאַנץ אָפט דענערווירט עס אים, וואָס אין אַ שבת זענען מיט דער חברה פול אַלע צימערן ביי אים און מען פּילדערט און מען ליאַרעמט ווי אין אַ בינשטאָק און עס הערן זיך נאָר איינצעלנע אָפּגעהאַקטע ווערטער, די שיינע ווערטער, וואָס ער געדענקט זיי נאָך אויך פון „יענע" צייטן: „רעוואָלוציע", „קאָנטר־רעוואָלוציע", „קלעריקאַליזם", „פאַשיזם", „רעאַק־ציע", „סענטימענט" — ווערן אָבער זיינע קינדערס חברים גוט אויפגענומען ביי אים אין הויז און כאָטש מאַדאַם וואַרשאַווסקאַ פאַרקרימט זיך אַמאָל:

— שיינע חברים האָבן זיך רב לייבעלע דיינס אייניקלעך אָפּגעקליבן...

הייסט זי אָבער — ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מענטש אין איר גראַד — אויפנעמען די מענטשן מיט כיבוד, הייסט זיי דערלאַנגען שבת־אויבס און טיי אינם שיינעם סערוויז, וועלכער ווערט גענוצט נאָר דעמאָלט, ווען עס זענען דאָ געסט.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי אַליין, הער און פרוי וואַרשאַווסקי, זענען אין דעם צימער, וואו דאָס ייִנגוואַרג איז געווען, נישט אַריין. ערשטנס פּאַסט עס נישט פאַר בכבודע, נגידישע מענטשן זיך אָפּצוגעבן מיט ייִנגוואַרג, וועלכע זענען נאָך דערצו די חברים פון זייערע קינדער; צווייטנס האָבן זיך דאָרט געפונען פּשוטע אַרבעטער פון נידעריקן אָפּשטאַם; דאָך פלעגט וואַרשאַווסקי פון צייט צו צייט זיך איבערשפּאַצירן איבערן צימער, זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן ביים פענסטער און אַזוי, אַרויסקוקנדיק אין דרויסען, פלעגט ער אויפכאַפּן אַ פּאָר ווערטער פון די דיסקוסיעס וואָס דאָס ייִנגוואַרג האָט געפירט.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין אַ זומערדיקן שבת-נאָכמיטאָג, בעת די חברה איז געווען פאַרזאַמלט אין סאַלאָן ביי וואַרשאַווסקין. מען האָט זיי מכבד געווען מיט אויבסט, חברה האָט געטרונקען ביר און געפירט אַ גאָר הייסן ויכוח; וואַרשאַווסקי, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון נאָכמיטאָגדיקן שלאָף, איז אַדורכגעגאַנגען דעם סאַלאָן, זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט ביים אָפענעם פענסטער און געזען, ווי איינער, אַ בחור מיט אַ געדיכטן קאָפּ געקרייזלטע האָר, באַטראַכט דאָס בילד אויף דער וואַנט און מיט אַן איראָניש שמייכעלע פרעגט ער זיין חבר, דעם יונגן וואַרשאַווסקי:

— ווער איז עס אָט דער ייִד?

— דאָס איז מיינער אַ זיידע — זעט וואַרשאַווסקי ווי זיין בחורל ענטפערט אַן באַזונדערן שטאָלץ — מיין מוטערס פאָטער.

— וואָס איז ער געווען, אַ רב, אַ רבי? — פרעגט דער בחור ווייטער און אַרוםביידע זייטן פון זיין מויל צעשפּילט זיך אַן איראָניש שמייכעלע.

— נישט קיין רב און נישט קיין רבי — ענטפערט דער יונגער וואַרשאַווסקי — קוים אַ מלמד און אפילו אַ שטיקל דיין.

— דאָך אַ „כלי קודש“ — וויצלט זיך נאָך אַלץ דער בחור מיטן געקרייזלטן קאָפּ — נישט אומזיסט איז דיר אַזוי שווער זיך צו באַפרייען פון דיינע רעליגיעזע סענטימענטן... ביסטו, הייסט עס, דירעקט פאַרבונדן מיטן קלער...

— יאָ, מיר זענען דירעקט פאַרבונדן מיטן קלער — רופט זיך אָן וואַרשאַווסקיס טאָכטער אין אַזאַ טאָן, אַז עס איז שווער צו וויסן צי איז עס ערנסט, צי שפּאַס — אָבער נאָר פון איין זייט — פון דער מוטערס צד. דערפאַר אָבער איז מיין זיידע פון טאַטנס צד געווען אַ האָרעפּאַשניק, אַ

פשוטער ייד א באַלמעלאָכע... מען האָט אים אפילו גערופן הערשל קאַר־טאָפּלאַזש...

און גאָרנישט וואַרטנדיק לויפט זי אַריין אין אַן אַנדערן חדר און ברענגט צו שלעפּן דאָס גרויסע שווערע בילד, וואָס שטייט דאָרט אַ פאַר־שעמטעס. חברה נעמט זיך דאָס בילד צו באַטראַכטן און עס נעמט אויס.

— מען זעט טאַקע אַ ייד מיט מוסקולן — זאָגט איינער.

— אָט אַזוי! דאָס איז שוין נישט קיין דיינדל מיט מערידן — זאָגט אַ צווייטער.

אַ דריטער מאַכט אפילו אַ קאָמפּלימענט דעם יונגען וואַרשאַווסקי, אַז ער כאַפּט דעם אָנבליק פון אָט דעם ייִדן זיינעם.

קאָפּל וואַרשאַווסקי האָט צוגעהערט דאָס אַלץ, שטייענדיק ביים פענסטער, און אַ וואַריקמייט האָט זיך צעגאָסן אַרום זיין האַרץ. ער וואָלט אָט די בחורים פשוט געקושט דערפאַר, וואָס רב לייבעלע דיין איז ביי זיי נישט אַזאַ יחסן, נאָר פאַרקערט, עס איז גאָר אַ פּגם צו זיין זיין איינינקל. און כאָטש ער האָט נישט איינגעזען, אַז עס זאָל זיין אַן אומכבוד צו האָבן אַזאַ זיידן, ווי זיין שווער איז געווען, איז ער אָבער דאַנקבאַר געווען די בחורים, וואָס זיי האָבן רעהאַביליטירט זיין פאָטער. פאַר גרויס גערירט־קייט האָט ער זיך אינמיטן דערינען געגעבן אַ זעץ־אַוועק צום טיש און געהייסן ברענגען ביר.

— טרינקט קינדער — האָט קאָפּל געזאָגט און טאַקע אַליין געטרונקען אומגעציילט.

חברה יונגוואַרג איז צוערשט געווען נישט דרייסט. דערנאָך, אַז וואַר־שאַווסקי אַליין האָט זיי צוגעגעבן קוראַזש, זענען זיי געוואָרן דרייסטער. ער אַליין, וואַרשאַווסקי, האָט געטרונקען מיט די שנעקעס ווי מיט זיינס גלייכן, געטרונקען אַן אַ מאָס און אָן אַ צאָל און אַז ער האָט שוין געהאַט גאָר היפּש אין זיך אַריינגעגאָסן, האָט ער אַליין שוין אָנגעהויבן צו לויבן זיין פאָטער:

— מיין טאַטע איז שוין גאָרנישט געווען קיין כניאָק — האָט קאָפּל זיך פאַסמאַקעוועט, — האָט ער אַמאָל אַריינגעוואַליעט דעם שוחטל מיט אַ כאַלעווע פון אַ זעלנערישן שטיוול, אַז דער רוח האָט יענעם שיער נישט גענומען.

די חברה וויל אָפּנים קאָפּלען אָפּדאַנקען פאַר זיין ברייטקייט היינטיקן

שבת. אגב געפעלט עם זיי טאָקע, וואָס אַ ייד אַ לאַטוטניק האָט „געוואָליעט" דעם שוחט מיט אַ כאַלעווע פון אַ זעלנערישן שטיוול, רופט זיך אָן איין בחורל, אַ שמאָלס מיט אַ לאַנגן האַלז:

— וואָס דען? ביי די פּשוטע פאָלקס-מענטשן איז שטענדיק געווען רעוואָלוציאָנערער רעוואָלט, די רבנימלעך מיט די דיינימלעך האָבן נאָר אָט דעם רעוואָלט דערשטיקט.

פון דעם קאָמפּלימענט איז שוין קאָפּל געווען אויסערגעוויינטלעך גערירט. האָט ער געגעבן אַ צי-אַראָפּ מיט איין זופּ אַ גאַנץ גלאָז ביר, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים און אָנוויזנדיק אויף זיין שווערם בילד האָט ער געזאָגט:

— ווי איר קוקט אָן אָט דאָס זיידענע יידעלע, מיט דעם יראת-שמים־פּנימל, האָט ער געקאַטעוועט די קינדער, אוי האָט ער געקאַטעוועט! ער האָט אַמאָל ביי אַ יינגל אָן אויער אַראָפּגעריסן...

— אַלטער נאַר! אַ בראָך איז צו דיין קאָפּ, מיט וועמען ער האָט זיך דאָ אוועקגעזעצט אויסטענהן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די לעצטע ווערטער האָט געזאָגט פרוי וואַרשאַווסקאַ, וואָס איז אומבאַמערקט אריינגעקומען און זיך צוגעהערט צום גאַנצן שמועס.

# ער איז איפּערזיכטיק אויף הערצלען

כאַטש רוטמאַן איז געווען אַ הייסער בונדיסט און אַלס אַזעלכער, איז ער געווען אַ קעגנער פון ציוניזם אין אַלע זיינע פאָרמען, האָט ער אָבער נישט געהאַלטן, ווי טייל פון זיינע חברים, אַז פּאָליטישע קעגנערשאַפט דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין פּערזענלעכע פיינטשאַפט.

רוטמאַן האָט געהאַט פיל באַקאַנטע ציוניסטן, מיט וועלכע ער איז געווען גוט באַפריינדעט, און זיין אינטימסטער פריינט איז גראָד געווען אַ ציוניסט; דערפאַר, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט זיין איצטיקער פרוי, האָט אים נישט געשטערט דאָס, וואָס זי איז אַ ציוניסטקע, וואָס זי זאָגט „שאַלאָם" ביים אוועקגיין און וואָס זי רופט זיך „פּנינה", כאָטש אין דער אמתן איז איר נאָמען גאָר פּערל.

רוטמאַן האָט נאָר געזען, אַז איר וואוקס איז אַ שיינער און אַ שלאַנקער, אַז אירע אויגן זענען גרויסע און לייכטנדיקע, אַז איר מויל איז קליין און צאַרט און איר גאַנץ וועזן איז פול מיט יענעם ווייבערישן חן, וואָס בעט: האָב מיך ליב.

אגב, האָט רוטמאַן אַליין געקענט אַביסל העברעאיש, און אַז ער האָט טיילמאָל געפּרואווט מיט איר רעדן, האָט ער זיך אַליין געמוזט מודה זיין, אַז איר רייץ איז אַ פיל שטאַרקערער, און איר חן — אַ פיל גרעסערער בעת זי זינגט אַזוי אויס מיט איר קלינגנדיק קעלעכל די מוזיקאַלישע העברעאישע קלאַנגען.

אַמאָל, בעת זי האָט גערעדט צו אים העברעאיש, האָט זיך רוטמאַן אפילו נישט געקענט איינהאַלטן איר צו זאָגן:

— איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ קעגנער פון העברעאיזם, פון דעם פּרואוו איינצופירן די ביבל-שפּראַך אין לעבן. אויב, אָבער, עס זאָלן רעדן העברעאיש בלויז אַזעלכע, ווי איר, בין איך גרייט צו ווערן אַ הייסער העברעאיסט. איר דערשיינט איצט פאַר מיר ווי אַ געשטאַלט פון דער ביבל.

אז עס איז פון זייער פריינטשאַפט געוואָרן אַ ליבע, אַ הייסע ליבע, און עס איז שוין געווען אַ זיכערע זאַך, אַז זיי וועלן ביידע חתונה האָבן, האָט רוטמאַן געפּרואווט אַגיטירן זי פאַרן בונדיזם און מאַכן זי פאַר אויס ציוניסטקע; אָבער ווען ער האָט געזען, אַז זי איז איינגעשפּאַרט, אַז זי איז שוין אפילו גרייט צו סימפּאַטיזירן מיטן „בונד", זי וויל אָבער פאַר קיין פאַל זיך נישט אָפּזאָגן פון ציוניזם, האָט רוטמאַן די אַגיטאַציע אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. וואָרים ער האָט נישט פיל געהאַלטן, רוטמאַן, פון דער אידעאָלאָגישער שטאַנדהאַפטיקייט פון אַ פרוי, ווען ער האָט נישט געהאַלטן פאַר פּעאיק צו אַן אויסגעהאַלטענע געזעלשאַפטלעכע אָריענ־טירונג, און אַ פרוים פּאַרטייאישקייט, האָט רוטמאַן געהאַלטן, איז נישט מער ווי אַזאַ מין קאָקעטעריי. איבעריגנס, האָט ער געהאַפט מיט דער צייט צו מאַכן פון זיין פרוי אַ גוטע „בונדיסטקע", עס דאַרף זיך נאָר אויסוועפּן בּיסלעכווייז די ציוניסטישע ראָמאַנטיק, וועלכע איז אַזוי צוגעפּאַסט פאַר שטימונגספולע מיידלעך.

און רוטמאַן האָט חתונה געהאַט מיט זיין פנינה, און ער האָט זי ליב געהאַט מיטן גאַנצן פייער פון זיין האַרצן און ער האָט געזען אין איר, און אין אַלץ אַרום איר נאָר חן און שיינקייט.

באַלד די ערשטע צייט נאָך דער חתונה, האָט רוטמאַן געמאַכט עט־לעכע פרואוון צו אַגיטירן זיין פרוי פאַרן „בונדיזם" און צו מאַכן זי פאַר אויס ציוניסטקע; אָנגעווענדעט קעגן ציוניזם אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע האָבן, לויט זיין מיינונג, זיכער געדאַרפט ווירקן, האָט ער אָבער געזען, אַז זי דרייט זיך אַפילו אַרויס פון דער דיסקוסיע, זי פרואווט אפילו נישט זיינע טענות אָפּצושלאָגן, נאָר זי האַלט זיך אין דעם, ווי אין אַ זאַך פון געפיל, אַן אינטימס ווינקעלע, צו וועלכן מען טאָר קיינעם נישט צולאָזן, האָט זיך רוטמאַן געטראַכט: „מילא, זאָל זי זיך האַלטן ביי איר ציוניזם". און ער האָט שוין אויפגעהערט מיט איר צו דיסקוטירן.

און פנינה האָט אויפגעהאַנגען ביי זיך אין שטוב אַ שיין הערצל־בילד. דאָס באַרימטע בילד פון הערצלען, ווי ער שטייט אַריבערגעבויגן אי־בער דער ריין־בריק; און אַ פּושקע פון נאַציאָנאַל־פאָנד האָט זי אויפגע־האָנגען, וואוהין זי האָט אַלעמאָל אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר מטבעות קליינ־געלט, וואָס זענען איר געבליבן רעשט פון עפּעס אַן אויסגאַבע. און יעדעס מאָל, ווען רוטמאַן פלעגט שפּילן ביי זיך אין דער היים אַ קערטל מיט זיינע

באקאנטע, האט זי ארויסגענומען אביסל קליינגעלט פון קאן און אריינגעווארפן מיט א פרומער מינע אין דער נאציאנאל-פאנד-פושקע, אויף וואס רוטמאן האט מיט אן איראנישן שמייכל באמערקט:

— א נדבה פארן פאטערלאנד...

אט אזוי האט זיך דאס פארל געלעבט א פאר יאר, און עס האט קיינמאל נישט אויסגעבראכן צווישן זיי קיין קריגעריי אויפן געביט פון אידיי און פארטייאישקייט.

ביז איינמאל האט פאסירט אט וואס:

רוטמאן איז געזעסן מיט א גרופע באקאנטע אין קאפע. עס איז גערעדט געווארן וועגן דעם און וועגן יענעם, ביז דער שמועס איז ארויסגעקומען אויף דער טעמע: „פרויען". דער הויפטרעדנער איז דא געווען רוטמאנס א באקאנטער, וועלכער האלט זיך פאר א גרויסן אויטאריטעט אין דער דאזיקער פראגע, און וועלכער האלט, אז קיינער קען נישט אזוי גוט ווי ער, די פרויען-נשמה.

ער האט שוין געהאט פיל דערפארונגען מיט פרויען, זאגט ער אט דער באקאנטער רוטמאנס, און ער האט נאך חוצדעם אויך פיל געלעזן וועגן דער פראגע. האט ער דערפאר א רעכט צו פארלאנגען אז מיט זיינס א מיינונג וועגן דעם שיינעם מין זאל מען זיך רעכענען.

זאגט ער, אט דער באקאנטער רוטמאנס, אז אידעאליזם ביי פרויען איז אזא זאך, וואס עקזיסטירט נישט; אז פרויען קאנען איבערהויפט נישט איבערוועלטיקן קיין אידעאל און זיי קענען נישט ברענגען קיין קרבנות פאר אים; אז פרויען זענען איבערהויפט גרויסע עגאיסטקעס און מער ווי זייערע אייגענע פערזענלעכע אינטערעסן האבן זיי נישט.

און אז רוטמאן האט זיך געוואלט אננעמען פאר דעם כבוד פון די פרויען, אז ער האט אנגעוויזן דאס אלע געזעלשאפטלעכע באוועגונגען האבן צווישן זייערע רייען פרויען, וועלכע זענען איבערגעגעבן דער אידיי מער נאך ווי די מענער, האט יענער אים מיט גרויס ביטול אויסגעלאכט:

— אויב איר וועט זיך נאר גענוי אינטערעסירן, וועט איר זיך איבערצייגן, אז ווען א מיידל ווערט א ציוניסטקע, צי א בונדיסטקע, צי א קאמוניסטקע איז עס נאר דערפאר, ווייל זי ליבט א בחור, וועלכער איז אן אנהענגער פון אט דער פארטיי, און זי האט אים ליב מיט לייב און לעבן,

מיט זיין פליך אויפן קאָפּ און מיט זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל; אָבער קיינמאָל איז דער אידעאַל נישט אירער, זי האָט אים נישט איבערגעטראַכט, איבערגעפילט און איבערגעוויטאָגט. מיטן מאָמענט ווען זי וועט אויפהערן ליב צו האָבן דעם בחור און זי וועט אָנשטאָט אים ליב באַקומען אַ צווייטן, וועט זי דעם ערשטן אויך מיטגעבן זיין אידיי, און זי וועט אָננעמען דעם אידעאַל און פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט פון איר נייעם געליבטען אויב יענעמס אידיי וועט זיין אַן אַנדערע, ווען אפילו די סאַמע קעגנזעצלעכע פון דער ערשטער, און זי וועט זיין איבערגעגעבן דער נייער אידיי מיטן זעלבן פייער ווי דער ערשטער און זי וועט זיין גרייט צו ברענגען קרבנות פאַר אָט דער אידיי פון איר נייעם געליבטן, עס וועלן אָבער זיין קרבנות אויפן מזבח פון ליבע, נישט פון דער אידיי, וועלכע איז איר פרעמד, — אַזוי, אַזוי מיינע פריינט — האָט יענער אויסגעלאָזט מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וואָס האַלט פון זיינע מיינונגען, — דאָס איז די פרוי און אַנדערש וועט זי קיינמאָל נישט זיין.

רוטמאַן האָט ווידער אַמאָל געוואָלט זיך אָננעמען פאַר דער פרוי, געזאָגט, אַז אין אַלגעמיין איז עס אַ פאַקט, אַז אַ פרוי ווערט באַאיינפלוסט גייסטיק און אידעאיש פונם מאַן, מען קאָן אָבער דעם געדאַנק נישט דערפירן אַזוי ווייט. אים אַליין, האָט רוטמאַן געזאָגט, זענען באַקאַנט פאַקטן, פון פרויען וועלכע זענען אָנהענגערינס פון אַן אַנדער פּאַרטיי ווי דער מאַן, און דאָס שטערט נישט, אַז זיי זאָלן זיך ליב האָבן, יענער האָט זיך אָבער געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי זיינעם:

— אויב אַ פרוי איז איבערגעגאַנגען צו אַ מאַן און זי האָט נישט איבערגענומען זיין אידיי, זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל, איז עס אַ זיכערער באַווייז, אַז זי האָט דעם מאַן אַוועקגעגעבן איר קערפּער, אָבער נישט איר האַרץ, איר נשמה. איז עס זיכער אַז איר האַרץ געהערט נאָך דעם פריערדיקן געליבטן, דעם פון וועמען זי האָט דעם אידעאַל איבערגענומען. קאָנטראָלירט רוטמאַן יעדן איינציקן פאַל, וועלכער איז אייך באַקאַנט, פון אַ פרוי וועלכע געהערט צו אַן אַנדערער פּאַרטיי, ווי איר מאַן, און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז זי האָט איר פּאַרטייאישקייט איבערגענומען פון אַ פריערדיקן געליבטן, און זי איז געבליבן טריי נישט איר ערשטן אידעאַל, נאָר — איר ערשטער ליבע.

אַזוי ווי רוטמאַן האָט זיך שוין מער נישט אָנגענומען פאַרן כבוד

פון די פרויען, האָט זיך באַלד דער שמועס איבערגעגליטשט אויף אַן אַנדער טעמע און דער עולם האָט אַזוי געפּלוידערט ביז זיי זענען זיך צעגאַנגען, יעדער פאַר זיך, נישט געדענקענדיק פון אָט דעם גאַנצן שמועס, ווי מענטשן געדענקען בכלל נישט, וואָס מען פּלוידערט, צוליב צייט-פאַרטרייב, ביי אַ גלעזל קאַווע.

איין רוטמאַן האָט גוט געדעקט דעם שמועס, ער האָט געדענקט זיין באַקאַנטנס ווערטער, וועגן דעם אָפּשטאַם פון אַן אידעאַל ביי אַ פרוי און אהיימגייענדיק האָט ער זיך דערמאַנט, אַז זיין פנינה האָט ליב געהאַט אַ בחור, וועלכער איז געפאָרן נאָך ארץ-ישראל, אַז זי האָט זיך אויך געקליבן צו פאָרן, נאָר פּלוצלינג האָט דער בחור איר אויפגעהערט צו שרייבן, ער האָט זיך דאָרט פאַרליבט אין אַן אַנדערער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ליגן אַלע בריוו, וואָס זי האָט באַקומען פון איר ערשטן געליבטן, און אויך זיינע פאָטאָגראַפיעס האָט זי, וועלכע זי היט אָפּ.

דאָס האָט זיך רוטמאַן דערמאָנט אהיימגייענדיק. אַריינקומענדיק אין שטוב אַריין און זעענדיק דאָס הערצל-בילד אויף דער וואַנט, האָט אים אַרומגענומען אַ נאָגנדיקע אייפערזוכט, ער האָט געקוקט אויף דער מאַיעס-טעטישער געשטאַלט ביי אים אין שטוב, ווי אויף אַ שונא, אויף אַ פרעמדן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין וואַרעמער נעסט אַריין און ביי אים צוגערויבט זיין פרוים הארץ. ער האָט געקוקט אויף דער נאַציאָנאַל-פאָנד-פּושקע, זיך דערמאָנט מיט וואָס פאַר אַ פרומער מינע זיין פנינה לייגט יעדן טאָג אַריין אַ פּאָר מטבעות און זי איז אים פאָרגעקומען ווי אַ מזבח, וואָס זיין פרוי האָט אוועקגעשטעלט ביי אים אין שטוב פאַר אַ צווייטן געליבטן. רוטמאַן האָט געברענט פאַר אייפערזוכט און ער האָט, מער מיטן געפיל, ווי מיטן געדאַנק, אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אָט דעם ציוניסטישן שונא מוז ער פאַרטרייבן פון זיין שטוב אַרויס.

אַ גאַנצע נאַכט איז רוטמאַן שלעכט געשלאָפן. אויפגעשטאַנען אינ-דערפרי, האָט ער זיך די ערשטע זאַך גענומען לייענען די בונדישע ציי-טונג. דאָרט איבערגעלעזן אַ פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן ציוניזם, האָט ער אים באַלד געוואָלט געבן צו לעזן זיין ווייב:

— נאַ פערעלע, (דעמאָנסטראַטיוו האָט ער זי גערופן „פערעלע“, ער האָט זי נישט געוואָלט רופן מער מיט דעם העברעאישן נאָמען פנינה) — האָט ער איר דערלאַנגט די צייטונג — לייען דורך דעם אַרטיקל וועסטו

זען ווי פאָלקס־פײַנטלעך דער ציוניזם איז, וועסט זען, ווי ציוניזם איז דער גרעסטער שונא פון די יידישע מאַסן...

אָבער זי האָט אפילו נישט געוואָלט נעמען די צייטונג פון זיין האַנט.

— ווייס איך וואָס, — האָט זי געזאָגט און זיך גענומען אַרומשטויבן הערצעלס בילד — פּאַרטייאישע אַרומרייסעניש...

— וואָס הייסט „פּאַרטייאישע אַרומרייסעניש" — האָט זיך רוטמאַן אויפגערעגט, ווי יעדעס מאָל ווען ער האָט געפירט אַ פּאַרטיי־דיסקוסיע — נאַ, לייען, מען גיט אַן פאַקטן, וועלכע קאָנען באַשטעטיקט ווערן, פאַקטן וואָס באַווייזן, ווי אַזוי די ציוניסטן פאַרייניקן זיך מיט אַנטיסעמיטן קעגן די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. נאַ, לייען.

— כ'וויל נישט לייענען — האָט זי אים נערוועז געענטפערט און ווייטער אַרומגעשטויבט הערצלס בילד — איך ווייס שוין, וואָס בונדישע צייטונגען שרייבן וועגן ציוניזם און ציוניסטן.

— וואָס הייסט, ווילסט נישט לייענען — האָט זיך רוטמאַן אויפגערעגט, — וואָס ווילסטו גלייבן בלינד אין ציוניזם? מוזט זיך דאָך אינטערעסירן, אָביעקטיוו שטודירן די פראַגע.

— כ'האָב שוין אַמאָל שטודירט די פראַגע און איך האָב מיר מיין מיינונג.

— אָבער ביזט דאָך דעמאָלט געווען יינגער — האָט זיך רוטמאַן שוין איצט ווי געבעטן — אפשר ביזטו דאַן נאָך נישט געווען גענוג אַנטוויקלט, אפשר ביזטו געווען אונטער אימיצנס איינפלוס...

אָבער די פרוי איז שוין געוואָרן נערוועז און זי האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס האָסטו זיך עפּעס היינט אויף מיר אָנגעזעצט, וואָס דו ווילסט מיך מאַכן מיט איינמאָל פאַר אַ בונדיסטקע? דער בונד האָט גענוג מיטגלידער, זיי וועלן שוין מן־הסתם אויסקומען אָן מיר.

— יאָ, אָבער פאַרוואָס זאָלסטו נישט וועלן דענקען, שטודירן אָביעקטיוו אַ פראַגע. איינמאָל געוואָרן פאַרשכורט פונם ציוניזם און שוין; איינמאָל באַאיינפלוסט און נישט וועלן זיך פון דעם איינפלוס באַפרייען — האָט רוטמאַן זיך געבעטן — מיך ווילסטו אפילו נישט הערן...

די פרוי האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט. פּאַרטיק געוואָרן מיטן אָפּשטויבן דאָס הערצל־בילד האָט זי זיך גענומען צו אַן אַנדערע אַרבעט.

— ווייסט, דאָס בילד באַליידיקט מיך — האָט רוטמאַן נישט געוואָלט דעם שמועס אויפגעבן — עס באַליידיקט מיינע געפילן.

— עס באַליידיקט דיינע געפילן? — האָט זי געפרעגט איבעראַשט — דאָס איז ווירקלעך פאַר מיר אַ נייעס. פאַר אַזאַ פאַנאַטיקער האָב איך דיך נישט געהאַלטן; דאַכט זיך, ווי מען זאָל זיך נישט באַציען צום ציוניזם, מוז מען אָנערקענען, אַז הערצל איז געווען אַ וואונדערלעכע געשטאַלט, שעם זיך אַזוי צו רעדן.

— ס׳איז פאַר מיר אַן אויסדרוק פון דיין איינגעשפאַרטקייט, פון דיין לעבן אונטער פרעמדע איינפלוסן, פון דיין פרעמדקייט צו מיר און צו מיינע אידעאַלן...

די פרוי האָט זיך איראָניש צעלאַכט.

— אָרעמער הערצל, — וואָסערע געדאַנקען און געפילן דיין בילד קאָן אַלץ אַרויסרופן ביי אַ בונדיסט (ווענדנדיק זיך צו רוטמאַנען) דו מעגסט רואיק אויפהענגען מעדעמס בילד. עס וועט נישט באַליידיקן מיינע געפילן, כאָטש כ׳בין נישט קיין בונדיסטקע, איך בין נישט אַזוי פאַנאַטיש ווי דו ביזט.

— כ׳וועל טאַקע אַזוי טון, און אַט דאָס בילד וועל איך אַראָפּנעמען.

— דו וועסט עס אַראָפּנעמען? — האָט זיך די פרוי שוין צעשריגן ווײַנענדיק.

— איך וועל עס אַראָפּנעמען — האָט רוטמאַן געענטפערט טראָציק.

— און אַז איך וועל נישט לאָזן?

— וועל איך אַוועקגיין פון שטוב!

**
*

וואָס ווייטער איז געווען? די פרוי האָט זיך געוואָרפן אויפן בעט, זיך היסטעריש צעכליפעט. רוטמאַן האָט זי געוואָלט איבערבעטן, אָבער זי האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און נישט געוואָלט קוקן אויף אים.

דאָס יונגע פּאָרל איז אַ וואָך צייט געווען ברוגז, נאָכדעם האָבן זיי זיך איבערגעבעטן און זייער ליבע איז געוואָרן באַפעסטיקט און פאַראַנקערט מיט יענער קראַפט, וואָס עס גיט צו דער ליבע, דער ערשטער ברוגז צווישן אַ יונג פּאָרל.רוטמאַן פירט שוין מער נישט קיין פּאַרטיי-דיסקוסיעס מיט זיין פרוי; אָבער יעדן טאָג, זעענדיק זי אָפּשטויבן דאָס שיינע הערצל-בילד, קען ער זיך נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז זיין פרוי שטויבט אָפּ איר האַרץ און טראָגט עס אַקעגן יענעם דאָרט, וואָס האָט זי אַמאָל געליבט און האָט זי פאַרביטן פאַר אַן אַנדערער.

# לעקער מיט בראנפן

גוסטאַוו האַנזעל איז אַ יונגער דײַטשער עמיגראַנט, אַ בלאָנדער, קורץ געשווירענער און ברייט-צעוואַקסענער.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין אַ קרייז פון דײַטשע עמיגראַנטן אין פּאַריז, וועלכע האָבן געפירט צווישן זיך אַ „קאָמונע"־לעבן, דאָס הייסט מ'האָט בשותפות געקויפט אַ קילאָ ברויט און בשותפות האָט מען אויסגע־רייכערט אַ סיגאַרעט.

פּונקט ווי אַלע אַנדערע עמיגראַנטן פון דײַטשלאַנד, מישט גוסטאַוו האַנזעל אַריין אין זיין עכט בערלינער דײַטש אַ מאַסע יידישע ווערטער, און פּונקט ווי זיי, וואַרפט ער זיך יעדן טאָג אַ דורשטיקער אויף די צייטונגען, מיט דער האָפענונג אויסצוגעפינען, אַז דאָס דײַטשע פאָלק ניכטערט זיך שוין אויס און באַלד וועלן זיי שיקן היטלערן מיט זיין באַנדע צו אַלדע שוואַרצע יאָר. אָבער גוסטאַוו האַנזעל ווערט נישט פאַרצווייפלט, ווען ער זעט, אַז דערווייל זיצט היטלער נאָך גענוג פעסט אין זאָטל.

—מען דאַרף האָבן בטחון, — זאָגט מיר גוסטאַוו — דעם יידישן בטחון, וואָס האָט שוין ערגערס איבערגעלעבט.

איך באַמערק אים, אַז ער וואָלט גאַנץ גוט געקענט לעבן אין דײַטש־לאַנד און קיינער זאָל נישט דערקענען, אַז ער איז אַ ייד; נישט זיין נאָמען און נישט זיין אויסזען וואָלטן אים פאַרראַטן. אויף דעם האָט זיך גוסטאַוו האַנזעל הילכיק צעלאַכט:

— איך בין דאָך טאַקע אַן אַריער, אַן עכטער „יעקע". איר ווייסט אין מיין יחוס נישט געפינען, נישט קיין יידישע באָבע און אַפילו נישט קיין עלטער באָבע.

— אַזוי, — זאָג איך, האָט איר, הייסט עס, מיט יידישקייט נישט גע־זינדיקט. נאָר וואָס דען? מיט מאַרקסיזם?

דערציילט ער מיר, אַז אויך מיט „מאַרקסיזם" האָט ער זיך נישט פאַר־זינדיקט.

— איר ווייסט, — צעשמייכלט ער זיך, — אין וואָס עס באַשטייט מיין זינד קעגן דעם „דריטן רייך“? — ראַסן-שענדונג...

ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ יידיש מיידל און ער האָט געפילט, אַז ער וועט אָן איר נישט קענען לעבן, איז ער צוזאַמען מיט איר אַוועק פון דייטשלאַנד.

און ער דערציילט מיר גאַנץ אויפריכטיק:

ווען ער האָט זיך מיט דעם מיידל באַקענט, האָט ער נישט געוואוסט, אַז זי איז אַ יידישקע, אַ טאָכטער פון יענעם פאָלק, וועגן וועלכן מען רעדט לעצטנס אַזוי פיל אין די צייטונגען און אויף די פאַרזאַמלונגען, ביים בעקער און ביים קצב, אין שפייז-געוועלבל און אין שיך-געשעפט — אַז זיי האָבן אומגעבראַכט דייטשלאַנד און אַצינד האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען די גאַנצע וועלט.

— ווי אַזוי האָב איך עס געקאָנט וויסן — זאָגט גוסטאַוו האַנזעל און אַ סימפּאַטישער שמייכל צעגיסט זיך איבער זיין גאַנצן פּנים — אַז ווערליך מען דערציילט פון יידישע פרויען, זענען זיי אויסגעטון פון יעדן ברעקל בושה, צניעות און טוגנט און זייער אייגנטלעכער באַרוף איז צו צו פאַר־שפּרייטן דעמאָראַליזאַציע און אויסגעלאַסנקייט.

(ער איז זיך מודה פאַר מיר, גוסטאַוו האַנזעל, אַז נישט איינמאָל האָט ער אין זיין צעהיצטער ליידנשאַפט פאַנטאַזירט וועגן פאַרפירן אַ ליבעס־אַוואַנטורע מיט אַ יידיש מיידל, כדי צו האָבן שטורמישע „עמאָציעס“...)

און די־אָ, טאַקע די טאָני האָפמאַן (אַזוי הייסט זי, דאָס מיידל), זי האָט דאָך אים איבערראַשט גראָד מיט איר איבערגעטריבענער צניעות. גוסטאַוו האַנזעל פאַרזיכערט מיר:

— כאָטש איך בין נאָך געווען יונג, האָב איך אָבער שוין אַ גאַנץ היבשע דערפאַרונג מיט פרויען און איך בין געוואוינט געווען, אַז אַ מיידל, נאָכדעם ווי כ'בין מיט איר אַ צוויי-דריי מאָל אויסגעגאַנגען, גענומען זי אין „קינאָ“ און געקויפט איר אין אַנטראַקט באָנבאָנס, זאָל ווערן זייער „צוגעלאָזן“ צו מיר...

און די טאָני, נאָכדעם ווי ער איז שוין געהאַט געגאַנגען מיט איר דריי מאָנאַטן, געווען אפילו מיט איר אויף „דו“, פונדעסטוועגן, יעדעס מאָל ווען ער פלעגט בלייבן מיט איר אונטער פיר אויגן און ער האָט געוואָלט פרו־בירן צו זיין אַביסל דרייסט, צו לאָזן „פאַרבלאָנדזשען“ זיינס אַ האַנט,

האָט זי אים מיט צערטלעכקייט אָנגענומען ביי זיין גרויסער צוואָוואַקסע־נער האַנט און אים געמוסרט, ווי אַ דערוואַקסענער מוסרט אַ קינד:

— זע, גוסטאַוו, האָסט אַזוינע גרויסע צעוואַקסענע הענט און דו קענסט זיי נישט קאָנטראָלירן...

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט זי אים מיט עכט־מאַמעשע צערטלעכקייט אַ גלעט געטון איבערן קורץ־געשוירענעם בלאָנדן קאָפּ און באַלד האָט זי זיך אַ שטעל־אויף געגעבן פון אָרט, מיטשלעפּנדיק גוסטאַוון ביי דער האַנט:

— קום, גוסטאַוו, און לאָמיר זיך אַביסל איבערשפּאַצירן, ס'איז נישט גוט צו זיצן צו לאַנג אויף איין אָרט...

— נו, האָט מיר געקענט איינפאַלן — פרעגט מיך דער יונגער, ברייט־צעוואַקסענער גוסטאַוו האַנזעל — האָט מיר געקענט איינפאַלן, אַז אָט דאָס מאָדנע מיידל איז אַ יידישע, ווען זי איז אַזוי אינגאַנצן אַנדערש פון דעם וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אַ יידיש מיידל?

געוואָר געוואָרן, אַז טאַני האָפמאַן איז אַ יידישע, איז ער פון זיין מוטער.

— גוסטאַוו, — האָט זי אים איינמאָל אַ זאָג געגעבן, — ווי ווייט דענקסטו עס צו גיין מיט דעם „יודענמיידל"?

דערביי האָט זי אים דערציילט, אַז עס קומען אַנדערע צייטן פאַר דייטשלאַנד, אַז די צעלאָזנקייט וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס דייטשע יונגוואַרג נאָך דער פאַרשפּילטער מלחמה, גייט אַוועק און עס קומט צוריק די גוטע דייטשע מאָראַל און טוגנט די ליבע צום פאָטערלאַנד. זי האָט אים געוואָרנט, אַז באַציאונגען פון אַ דייטשן יונגנמאַן, מיט אַ „יודענמיידל" ווערט באַטראַכט פאַר „אומצוכט" און זי האָט אים דערמאָנט, אַז זיין פאָ־טער איז געשטאָרבן פאַר דייטשלאַנדס ערע...

ער איז זיך מודה פאַר מיר, גוסטאַוו האַנזעל, אַז ס'איז געווען פאַר אים אַן אומאָנגענעמע איבעראַשונג, דאָס וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די טאַני איז אַ „יודענמיידל"; קיין אַנטיסעמיט איז ער טאַקע נישט געווען, אָבער ער האָט גערעכנט, אַז פאַר אַזעלכן, וואָס זיין פאָטער איז געשטאָרבן פאַר דייטשלאַנדס ערע, פּאַסט טאַקע נישט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ יידיש מיידל. ער האָט אפילו שוין אַ טראַכט געטון וועגן אָפּהאַקן די דאָזיקע באַ־קאַנטשאַפט. דער געדאַנק האָט זיך אָבער ביי אים אויפגעהאַלטן בלויז אַ קורצע ווײַלע. ווי נאָר ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זיינע אָוונטן אַז איר,

האָט אים באַהערשט אַזאַ אומעט, אַז עס איז פאַר אים באַלד קלאָר געוואָרן: ער איז אין טאָני האָפמאַן פאַרליבט, ער וועט אָן איר נישט קענען לעבן.

אַוועק פון דייטשלאַנד איז גוסטאַוו האַנזעל, נאָכדעם ווי ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען ווי מען טרייבט איבער די גאַסן אַ יונגן ייד, אויף וועמען עס איז געווען אָנגעהאָנגען אַ שילד: „איך האָב דייטשע פרויען געשענדעט". גוסטאַוו האַנזעל דערציילט מיר:

— דאָס בילד איז געווען שוידערהאַפט. מען דאַרף האָבן דעם טאַלאַנט פון אַ גרויסן קינסטלער דאָס צו קענען שילדערן, אָבער וואָס עס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון יענעם בילד, אויף קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן, זענען די צוויי סאָרטן אויגן וואָס איך האָב דאַן געזען: אויגן צעשראָקענע און פאַרצווייפלטע ביים געטריבענעם יידן, און אויגן ווילדע, נקמה-דורשטיקע פונם צעיושעטן עולם.

דעם זעלבן אָוונט איז ער געקומען צו טאָני האָפמאַן מיט אַ פאַרטיקן באַשלוס:

— טאָני, מיר פאָרן אַוועק פון דייטשלאַנד.

דאָס מיידל האָט געפרוווט אים צו וואָרענען:

— גוסטאַוו, לעבן אין אויסלאַנד אַלס אימיגראַנט איז זייער שווער, דו שניידסט אָפּ פאַר דיר דעם וועג צו דיין היימלאַנד. באַרעכן זיך גוט, גוסטאַוו.

זי האָט אָבער געזען דעם אויסדרוק פון אַנטשלאָסנקייט אויף זיין פּנים, און זי האָט שוין דערנאָך מיט אים גערעדט וועגן די איינצלהייטן פון זייער רייזע.

***

איך האָב מיט גוסטאַוו האַנזעל שפּאַצירט עטלעכע שטונדן איבער די פּאַריזער גאַסן. די גאַנצע צייט האָט ער גערעדט און איך האָב געהערט. צום סוף האָב איך אים געפרעגט:

— נו, האָט איר נישט קיין חרטה אויף דער דאָזיקער טאַט אייערער? איר זעט דאָך, אַז אייער געליבטערס נביאות, וועגן דער שווערקייט פון לעבן אין אויסלאַנד איז מקוים געוואָרן.

ער האָט זיך באַליידיקט:

— און ווען עס זאָל אפילו זיין צען מאָל אַזוי שווער? — פאַרגעסט

נישט, אז כ'האָב זיך ביי איר אָנגעשטעקט מיט יידישער האָפענונג, מיט יידישן גלויבן. יידן זענען אַ וואונדערבאַר פאָלק.

איך זאָג אים, אַז עס איז מיר נישט זייער צום הארצן, ווען מען האַלט יידן פאַר בעסער ווי אַנדערע. איך האַלט בכלל נישט, אַז עס זענען פאַראַן בעסערע און ערגערע פעלקער. ער צעלאַכט זיך:

— דאָס זעלבע זאָגט זי דאָך, טאָני.

אָבער ער, גוסטאַוו האַנזעל, איז מיט דעם נישט מסכים. פונקט ווי עס זענען פאַראַן בעסערע און ערגערע מענטשן, אַזוי זענען אויך פאַראַן בעסערע און ערגערע פעלקער. פאַרשטייט זיך, זאָגט ער, יידן דאַרפן נישט האַלטן, אַז זיי זענען בעסער פאַר אַנדערע, פונקט ווי אַ מענטש דאַרף נישט האַלטן, אַז ער איז לייטישער פאַר אַן אַנדערן. דאָס איז דאָך טאַקע אַ טייל פון דער לייטישקייט, וואָס ער איז נישט איינגערעדט ביי זיך. אָבער ער, גוסטאַוו האַנזעל, האָט אין דער לעצטער צייט גוט קענען געלערנט די פאַר-שידנסטע סאָרטן יידן, און ער האַלט זיך ביי זיינס:

— יידן זענען אַ וואונדערבאַר פאָלק.

אַז כ'האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר מיר זאָלן זיך טרעפן מאָרגן, וואָרים ער וויל, אַז איך זאָל זיך באַקענען מיט זיין „יודענמיידל". איך האָב מיט פאַרגעניגן צוגעשטימט צו מאַכן די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך געטראָפן אין זייער „וואוינונג", אַ קליין ענג און דושנע האָטעל-צימערל. גוסטאַוו האַנזעל האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין „יודענמיידל" — אַ מיטלוואוקסיקע ברונעטין מיט שווארצע האָר און נאָך שווארצערע אויגן. די גאַנצע צייט פון אונזער געשפּרעך האָט גוסטאַוו האַנזעל געהאַלטן אין איין לויבן יידן, באַווייזן מיט אומצייליקע אַרגומענטן, אַז יידן זענען אַ וואונדערבאַר פאָלק און זי, טאָני האָפמאַן, האָט געחוזקט פון אים, געזאָגט אים, אַז דער לאָגישסטער אויספיר וואָלט געווען ווען ער „טויפט זיך אַלס יודע", וואָרים אַ יידישער שאָוויניסט איז ער שוין... גוסטאַוו ווערט אָבער נישט נתפעל פון טאָנים בייסנדיקער איראָניע, ער פאַרלאַנגט נאָר זי זאָל אים עטפערן אויף איין פראַגע:

— אויב יידן זענען נישט דאָס פאָלק וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די שענסטע אידייען, טאָ מיט וואָס דען קען מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס יעדע רעאַקציע ברענגט מיט זיך מיט אַן אַנטיסעמיטישע כוואַליע?

גוסטאוו האנזעל וואָרט מיט אַ זיגערישן בליק אויף אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער הארבער פראַגע זיינער, אָבער טאָני האָפמאַן, אַנשטאָט אַן ענטפער, גיט זי אים אַ צערטלעכן גלעט איבערן קאָפּ און זי זאָגט אים מיט אַ שמייכל, אַז ער זאָל בעסער איבערלאָזן פּאָליטיק פאַר אַנדערע, וואָרים ער פאַרשטייט זיך אין די זאַכן גאָרנישט. און כדי צו באַווייזן, אַז פּאָליטיק איז איר געביט, האָט זי, די מיטלוואוקסיקע ברונעטין מיט די טיף-שוואַרצע אויגן, זיך צערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן אַ וועלט-רעוואָלוציע, וואָס מוז קומען פיל שנעלער ווי מען שטעלט זיך עס פאָר.

בשעת טאָני האָט גערעדט מיט אַזאַ פייער, האָט גוסטאַוו געשמייכלט מיט אַזאַ צופרידן שמייכעלע, און דאָס איינציקע רעאַגירן זיינס איז געווען וואָס ער האָט צו מיר אַ זאָג געטון אין דער שטיל:

— אָט האָט איר אים, דעם יידישן גלויבן — זאָגט, איז עס נישט וואונדערבאַר?

אַז כ'בין אַוועקגעגאַנגען פון דעם מערקווירדיקן פּאָרפאָלק, האָט מיך גוסטאַוו האַנזעל באַגלייט אַ שטיקל וועג. ער האָט מיך געפרעגט צי כ'האָב עפּעס באַמערקט, און אַז כ'האָב אים געזאָגט: „ניין, כ'האָב גאָרנישט באַמערקט", האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין פרוי (דאָס ערשטע מאָל האָט ער זי איצט גערופן: „מיין פרוי") איז שוואַנגער, זי רוקט זיך שוין צו די הויכע מאָנאַטן צו און ער האָט גענומען ביי מיר אויסקונפטן וועגן דעם, וואו ער זאָל זיך ווענדן ווען זי וועט דאַרפן געלעגן ווערן. און אַראָפּלייענענדיק פון מיין פּנים פאַרוואונדערונג, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר וואונדערט זיך געוויס, וואָס אַ מענטש אין מיין לאַגע, ווען ער איז נישט זיכער מיטן מאָרגן און מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָט זיך באַשלאָסן צו ברענגען אַ קינד אויף דער וועלט. פאַרגעסט אָבער נישט, אַז דאָס איז די איינציקע פאָרם, אין וועלכער איך קען אויסדריקן מיין פּראָטעסט קעגן די יידן-פאַרפאָלגונגען אין מיין היימלאַנד, צו ברענגען אַ יידיש קינד אויף דער וועלט... און מיט אַ געהיימניספול שמייכעלע האָט ער צוגעגעבן:

— כ'וועל איר נאָך מאַכן אַ סורפּריז, מיין „יודענמיידל", איר וועט זען...

**
*

נאָך דעם דאָזיקן לעצטן וויזיט מיינעם ביי גוסטאַוו האַנזעל, האָב

איך אים נישט געזען העכער פיר מאָנאַטן, און כ'האָב שוין כמעט געהאַט פאַרגעסן אין דעם דאָזיקן דייטשן יידן-פּריינט. די טעג האָט ער מיר אָפּגעשטאַט אַן אומגעריכטן וויזיט. מיט אַ שטראַלנדיק געזיכט פאַר פרייד, האָט ער מיר דערציילט, אַז שוין אַ פּאָר טעג ווי ער זוכט מיך אַרום. ער האָט זיך קוים דערפרעגט אויף מיין אַדרעס. און גאָרנישט וואַרטנדיק, דערציילט ער מיר, אַז איך מוז שוין גיין מיט אים; זיין פרוי איז געלעגן געוואָרן מיט אַ יינגל, היינט איז דער אַכטער טאָג, און ער האָט באַשלאָסן איר צו מאַכן אַן איבעררעאַשונג און לאָזן דאָס קינד מל זיין. לעקעך און בראַנפן האָט ער שוין איינגעקויפט. זיין קינד מוז זיין אַ ייד און איך, אַלס זייער פריינט, מוז זיין אויפן ברית.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צו גוסטאַוו האַנזעל אין זיין האָטעלצימערל אויפן זעקסטן שטאָק, האָבן מיר געטראָפן די יונגע פרוי, וועלכע איז נאָר וואָס געהאַט געקומען פון שפּיטאָל, ליגן אין בעט און זי האָט געגעבן צו זייגן דעם קינד. איר פּנים איז געווען בלייך און אירע אויגן האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ ים מיט מוטערלעכער פרייד און צערטלעכקייט.

דער מוהל, וועלכער איז מיט אונז מיטגעגאַנגען, האָט אויסגערופן מיט ברייטקייט:

— מזל-טוב, קימפּעטאָרין! — און ער האָט זיך געהייסן ווייזן דאָס קינד צו באַטראַכטן. גוסטאַוו האַנזעל האָט אויסגעפּאַקט דעם לעקעך און בראַנפן, וועלכן ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן קליינעם טישל, און ער האָט זיך אָנגערופן צו דער פרוי, וועלכע האָט געקוקט מיט אַ מאָדנער פאַרוואונדערונג:

— נו, טאָני, באַלד וועט דיין זון זיין אַ גאַנצער ייד.

ווי אַזוי גוסטאַוו האָט זיך פאָרגעשטעלט איר ענטפער, ווייס איך נישט, אָבער אויף דעם, אַז די פרוי וועט זיך צעוויינען, איבערגיין אין ספּאַזמען און צודריקן דאָס קינד קראַמפּהאַפט צו דער ברוסט—אויף דעם האָט ער זיך אפנים נישט גערעכנט. גוסטאַווס גאַנצער פּנים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גרויסן פרעגצייכן. פאַר גרויס איבעררעאַשטקייט האָט ער נישט געקענט קיין איינציק וואָרט פון מויל אַרויסברענגען. פונקט אַזוי געפּלעפט איז געבליבן דער מוהל, וועלכער האָט נישט אָנגעהויבן צו באַנעמען וואָס דאָ קומט פאָר.

דער איינציקער וואָס האָט באַגריפן די גאַנצע סיטואַציע בין איך

געוועז, און זעענדיק ווי די פרוי איז זיך פארגאנגען אין א ספאזמאטיש גע־וויין, האב איך זיך אנגערופן:

— בארואיקט אייך, מאדאם, איר פארשטייט דאך, אז קיינער וועט אייך נישט צווינגען מל צו זיין אייער קינד. אייער מאן האט געווים געהאט די בעסטע און איידלסטע אבזיכטן.

און זעענדיק, אז מיינע ווערטער ווירקן בארואיקנד אויף דער פרוי, האב איך צוגעגעבן:

— מילא, לאמיר אזוי נעמען לעקעך און בראנפן.

און נישטווארטנדיק האב איך אנגעגאסן בראנפן אין די גלעזלעך וואס זענען שוין געשטאנען אויפן טיש, דערלאנגט יידע מאנסלייט אין די הענט אריין און געזאגט:

— לחיים!

— לחיים! — האט זיך אויך גוסטאוו אנגערופן, און דער פרעג־צייכן האט נאך אלץ געשוועבט איבער זיין פנים.

— לחיים קימפעטארין! — האט זיך ענדלעך אנגערופן דער מוהל — איר זאלט אים מגדל זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

— פאר א גוטן קעמפער וועל איך אים דערציען — האט געענטפערט די קימפעטארין א בארואיקטע, נאכדעם ווי זי האט געזען, אז די „געפאר" פאר איר קינד איז שוין פארביי — א קעמפער פאר פרייהייט און גע־רעכטיקייט.

נאך אט דעם ענטפער פון דער קימפעטארין, האט אויך דער מוהל שוין באנומען וואס עס האט באטייט איר פריערדיק געוויין. ער האט צו מיר א זאג געטון:

— א, אזוי איז די מעשה...

איין גוסטאוו האנזעל איז געבליבן ווי פאר א שווער רעטעניש נישט איינצובייסן עס. פונדעסטוועגן האט ער אונז געהייסן זיך זעצן, צעשניטן דעם לעקעך און דאס צווייטע גלעזל בראנפן האט ער שוין אליין איינגע־גאסן. דער פרעגצייכן פון זיין פנים איז אבער אלץ נישט אראפ.

# ער איז א פראַנצויז, נעבעך...

— באשערט אַ מענטשן אַן אומגליק — זאָגט אַ יידיש ווערטל — קומט עס אַליין אין שטוב אַריין. דאָס ווערטל, הערט איר, איז פּונקט ווי אָפּגעמאָסטן אויף מיר.

לאָמיר קודם זיך פאָרשטעלן פאַר אייך: איך הייס נייבערג. כ'בין אַ טישלער, שוין פופצען יאָר אין פאַריז און כ'בין אַן אַלטער בחור דערצו.

כ'ווייס דאָך אַז אָט דאָס לעצטע וועט איר מיר נישט דורכלאָזן, איר וועט וועלן וויסן: הלמאי האָב איך נישט חתונה געהאַט, אויף וועמען וויל איך וואַרטן, וכדומה. וויל איך אייך קודם זאָגן אַז איר וועט נישט זיין דער ערשטער, וואָס וועט קומען צו מיר מיט אַזעלכע טענות און פראַגעס. שוין גענוג שדכנים האָבן מיר אָפּגעשלאָגן די טירן, מיט דער הייסער בקשה, איך זאָל זיך נאָר לאָזן פון זיי גליקלעך מאַכן. אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט פאַרפירן. כ'האָב זיך אפילו נישט דערשראָקן, ווען מען האָט געפרוואווט מיך אַ סטראַשע טון, אַז איך בין שוין אַריבער די פערציק, און אויב נישט איצט וועל איך שוין מסתמא קיינמאָל נישט חתונה האָבן.

וואָס מיינט דאָס אַזוינס דער איצט?

אָט מעגט איר הערן. מען האָט ביי מיר אַנטדעקט אַ גאָר וואָזשנעם יחוס, וואָס איז פאַר מיר ביז אין דער סאַמע לעצטער צייט געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. און טאַקע דערדאָזיקער יחוס מיינער האָט געבראַכט אויף מיר דאָס אומגליק, וועגן וועלכן איך וויל אייך דאָ דערציילן.

מיין „יחוס" באַשטייט אין דעם, וואָס איך בין אַ פראַנצויז. מאָלט אייך, עס רעדט זיך נאָר: אַ „פראַנצויז". סך הכל האָב איך נאָך אין די גאַנצע פופצען יאָר, וואָס איך בין אין פאַריז, נישט געגעסן קיין איין איינציק מאָל נישט קיין ראַקעס און נישט די אַנדערע מינים באַשעפענישן, וואָס די פראַנצויזן עסן מיט אַזאַ אַפּעטיט. אַפילו אַ גלעזל רויט-וויין אַז איך נעם אַמאָל צו מיטאָג, מעגט איר אויך דעמאָלט אויף מיר אַ קוק טון, וואָס פאַר אַ זויערע מינע מיין פּנים באַקומט. וועט איר שוין זען, וואָס פאַר

א פראַנצויז איך בין. כ׳וועל זיך נישט שעמען פאַר אייך און אייך אויסזאָגן דעם סוד, אַז אפילו מיטן פראַנצויזישן לשון לעב איך נישט אין די סאַמע פריינטלעכסטע באַציונגען. א שיינער פראַנצויז בין איך!

נאָר וואָס דען? כ׳בין אַ פראַנצויזישער בירגער, אַ נאַטוראַליזירטער, און די אַלע געזעצן און פאַראָרדענונגען און צייטונגס־אַרטיקלען קעגן אויסלענדער, מיינען נישט מיך, וואָרים איך האָב געהאַט דעם גליקלעכן איינפאַל זיך צו נאַטוראַליזירן אין יענער צייט, ווען יעדער אויסלענדער, נאָכדעם ווי ער איז געווען פינף יאָר אין לאַנד און ער האָט זיך אָנשטענדיק אויפגעפירט, האָט געקענט אָננעמען די פראַנצויזישע נאַציאָנאַליטעט.

אָט דעם דאָזיקן יחוס האָבן שדכנים פּלוצלינג אַנטדעקט אין מיר און זיי האָבן מיר געוואָלט איינרעדן אַז דאָס איז אַ פאַרמעגן, מער ווי נדן. און אַז איך האָב געזען די מאַסע באַקאַנטע מיינע, ביי וועמען מען האָט צוגענומען די אַרבעטס־רעכט, אַז כ׳האָב געזען זייער פאַרצווייפלונג און האָפענונגסלאָזיקייט, האָט זיך מיר שוין טאַקע אָנגעהויבן אויסצודאַכטן, אַז איך בין אין דער אמתן אַ יחסן. אָבער חתונה האָבן האָב איך פונדעסטוועגן נאָך נישט געוואָלט. וואָרים איך האָב געהאַלטן, אַז די איצטיקע צייט, אַ צייט פון קריזיס, אומזיכערקייט און מלחמה־פּאַניק, איז נישט פּאַסיק אויף חתונה האָבן.

וואָלט איך מיר מסתמא געלעבט אין מנוחה מיט מיין אַלט־בחורישקייט, ווי ביז איצט, ווען נישט דאָס, וואָס מיין יחוס האָט מיך געקוילעט.

איר מעגט הערן עפּעס שיינס:

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע בהלה, ווען יעדער אויסלענדישער אַרבעטער האָט געמוזט אַריינגעבן אַ ביטע אין אַרבעטס־מיניסטעריום, ווען דערלויבן אים צו אַרבעטן, און פון דאָרט האָבן געהאַלטן אין איין קומען ענטפערס: ניין און ניין! קומען צו מיר אַרויף צוויי באַקאַנטע מיינע, לאָזן זיך אַריין מיט מיר אין אַ שמועס וועגן דעם, ווי קלוג עס האָט געטון דער וואָס האָט זיך נאַטוראַליזירט, ווען עס איז נאָך צייט געווען.

און האָט מען מיך שוין צוגערעכנט צו די קלוגע, האָט מען מיר שוין נישט געזשאַלעוועט נאָך קאָמפּלימענטן און עס איז אויסגעקומען, אַז איך בין אי קלוג, אי גוט, אי פיין. קורץ, מען האָט מיך אַזוי אַרומגעשמירט מיט האָניק, אַז ווען זיי זענען אַרויס מיטן רעכטן געדיכטן, מיטן פאַרשלאַג, וועגן וועלכן זיי זענען אייגנטלעך געקומען, בין איך שוין געווען ביי זיי אַ

געפֿאַנגענער, אַ געפּענטעטער מיט שטריק פֿון זיסע ריידעלעך און קאָמ־פּלימענטן, און כ'האָב גאָרנישט געקענט טראַכטן אפילו וועגן דעם וואָס מען פֿאַרלאַנגט פֿון מיר.

וואָס, מיינט איר, איז געווען דער פֿאָרשלאָג? אַ גאַנץ איינפֿאַכער און פשוטער:

אַזוי ווי איך בין אַ פֿראַנצויזישער בירגער און אַן אַלטער בחור, וואָס וויל נישט חתונה האָבן, און אַזוי ווי דער געזעץ איז, אַז ווען אַן אויסלענ־דערין האָט חתונה געהאַט מיט אַ פֿראַנצויזישן בירגער, באַקומט זי די פֿראַנצויזישע בירגערשאַפֿט, דערפֿאַר האָבן זיי צו מיר אַ קליינע ביטע, וועלכע זיי זענען זיכער אַז איך וועל זיי אין דעם נישט אָפּזאָגן, וואָרים זיי קענען דאָך מיך פֿאַר אַן איידעלן מענטש מיט אַ גוט האַרץ.

ערשט נאָך אָט דער הקדמה, האָט מען מיר געזאָגט וואָס מען וויל פֿון מיר:

עס איז דאָ פֿאַראַן אַ ווייבל, אַן אלמנה מיט צוויי פּיצלעך קינדער, וועמען מען האָט אָפּגעזאָגט איר ביטע אויף רעכט אויף אַרבעט. קיין שום געבעטן האָבן נישט געהאָלפֿן און איצט בלייבט פֿאַר איר איינער פֿון די צוויי אויסוועגן: אָדער זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ פֿראַנצויזישן בירגער און דורכדעם באַקומען, אַלס פֿראַנצויזקע, אַ רעכט אויף אַרבעט, אָדער זי זאָל זיך מיט אירע צוויי קינדער אַריינוואַרפֿן אין דער סען אַריין. און דאָס צו דערצידירן לאָזט מען איבער פֿאַר מיר... פֿאַרשטייט זיך, אַז איך דאַרף דער פֿרוי זען נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל גיין מיט איר אין דער „מערי" „חתונה" האָבן. ווייטער קען איך זי נישט און זי קען מיך נישט. און טאָמער פֿאַלט מיר איין, איך וויל אַמאָל חתונה האָבן אויף אַן אמת, איז עס ווידער אַ קלייניקייט — איך גט זיך מיט איר און פּטור אַן עסק.

כ'האָב דאָך אייך שוין געזאָגט: מען האָט מיך אַזוי אַרומגעגעבעט מיט קאָמפּלימענטן, אַז כ'האָב נישט געקענט פּרוּוון זיך קעגנצושטעלן אפילו.

קורץ נאָך דעם דאָזיקן וויזיט בין איך געוואָרן דער געזעצלעכער מאַן פֿון אַ ווייבל מיט אַ מאַנסבילישן אויסזען, וועלכע האָט מיר זייער און זייער געדאַנקט, פֿאַר דער טובה וואָס כ'האָב איר געטון. זי האָט מיר פֿאַר־זיכערט ביים געזעגענען זיך, אַז ס'האָט זי זייער געפֿרייט מיך קענען צו לערנען און אַז זי האָפֿט, אַז מיר וועלן זיך נאָך זען, וועט זי זיך באַמיען מיר אָפּצודינען מיט גוטס פֿאַר גוטס...

האָב איך, נאַטירלעך, געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ פאַרוואָס צו דאַנקען, איך האָב נאָר געטון מיין מענטשלעכע פליכט. און כ'בין זיך פאַנאַנדערגע־גאַנגען מיט מיין געזעצלעך „ווייב", מיט דער דעה מער קיינמאָל זיך מיט איר נישט צו באַגעגענען. איך האָב זי טאַקע באַלד פאַרגעסן. נאָר פון צייט צו צייט האָב איך זיך אַ דערמאַן געגעבן, נישט אָן מיין „ווייב", נאָר אָן דער געשיכטע מיט מיין חתונה האָבן, און כ'האָב זיך אַליין געמאַכט דעם קאָמפּלימענט, אַז איך בין אַ גאָר וואוילער מענטש, כ'האָב געראַטעוועט אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער פון וואַרפן זיך אין דער סען אַריין.

אין אַ חודש אַרום האָט מיך מיין „ווייב" באַערט מיט אַ וויזיט. געקומען איז זי אין אָן אָוונט און זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז זי פילט זיך פאַרפליכטעט צו מיר, פאַר דעם גוטס, וואָס כ'האָב איר געטון, טאַקע דערפאַר איז זי געקומען געוואָר ווערן וואָס איך מאַך און ווי עס גייט מיר. איך האָב איר געדאַנקט, געזאָגט אַז עס גייט מיר גאַנץ גוט. זי האָט מיך געמוסרט, פאַרוואָס מיין שטוב איז אַזוי אָפּגעלאָזן. מען זעט, זאָגט זי, באַלד אַז דאָ וואוינט אַ מאַן אַליין. און זי זאָגט באַלד אַרויס דעם פילאָזאָ־פישן געדאַנק, אַז אַ מענטש דאַרף זיך זוכן אַ פריינט אין לעבן, און לויט איר מיינונג איז גאָר קיין תכלית נישט פאַר אַ מאַן צו זיין אַליין.

לויט דעם ווי מיין „ווייב" האָט זיך געמאַכט באַקוועם ביי מיר, האָב איך געזען, אַז זי קלייבט זיך נישט אַזוי שנעל אַוועקצוגיין. האָב איך אַ קוק געטון אויפן זייגער און געזאָגט, אַז כ'מוז גיין אויף אַ זייער וויכטיקער זיצונג. און באַלד האָב איך זיך גענומען אָנטון מיין מאַנטל. האָט מיין „ווייב" באַמערקט, אַז עס פעלט מיר אין מיין מאַנטל אַ קנאָפּ, און זי האָט זיך באַלד טאַקע אָנגעבאָטן מיר אים אָנצונייען.

מיין „ווייב" האָט געפּרוווט מיך צוצורעדן, כ'זאָל אפשר היינט דורכ־לאָזן די פאַרזאַמלונג, און אַז כ'האָב איר פאַרזיכערט, אַז דאָס איז מיר אוממעגלעך, האָט זי מיך געבעטן כ'זאָל זי באַערן מיט אַ וויזיט, וואָרים זי וויל, אַז אירע קינדער זאָלן קענען דעם גוטן מענטשן, וואָס האָט זיי אַזוי־פיל גוטס געטון.

קורץ, כ'וועל אייך נישט לאַנג ברייען. איר פאַרשטייט דאָך שוין מסתמא, אַז מיין „ווייב" האָט זיך אַזוי ביסלעכווייז אין מיר איינגעוויקלט גאָר אויף אַ רעכטן אמת. צוערשט איז זי געקומען מיר „דאַנקען" אַ צווייט מאָל אין דער וואָך און אַז זי האָט געזען, אַז פון דאַנקען וועט גאָרנישט

ארויסקומען, האָט זי אָנגעהויבן צו באָרגן ביי מיר צו ביסלעך געלט, ווייל זי האָט גראָד איצט נישט קיין אַרבעט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך איר געבאָרגט און נאָך דערצו געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין אומגליק: ווען זי וועט האָבן אַרבעט, וועט זי מיר אָפּגעבן; דאָס צווייטע מאָל האָב איך איר שוין געגעבן ווייניקער ווי זי האָט געבעטן און געמאַכט דערביי אַ זויערע מינע; דאָס דריטע מאָל האָב איך איר שוין געזאָגט „לײדער". אָבער דאָס פערטע מאָל האָב איך שוין געוויינט און געצײלט, וואָרים מיין „ווייב" האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז לויטן געזעץ איז דער מאַן פאַרפליכטעט זיין פרוי צו דערנערן. אויב זי געפעלט מיר נישט צו לעבן מיט איר, איז עס מיין זאַך, אָבער איר רעכט וועט זי נישט אויפגעבן.

איך בין דאָך נישט מחויב אייך איבערצוגעבן, וועגן דעם סקאַנדאַל וואָס כ'האָב געמאַכט, און וועגן די געשרייען מיינע, אַז מענטשן זענען זיך אַזש צוזאַמענגעלאָפן. כ'דאַרף דאָך אייך נישט צו דערציילן וועגן דעם, ווי כ'האָב געפּרוּווט צו אַפּעלירן צו איר יושר־געפיל, ווי איך האָב זי געפרעגט, ווי אַזוי זי קען אַזוי אָפּדינען אַ ווילד פרעמדן מענטשן, פאַר דעם גוטס וואָס ער האָט איר געטון — וועגן דעם אַלעם בין איך נישט מחויב אייך צו דערציילן. איר וועט מיר דען גלייבן, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז יענע האָט די גאַנצע צייט געשמייכלט מיט אַזאַ טייוולשן שמייכל און געפרעגט, ווי אַזוי אַזאַ מאַן ווי איך, וועלכער האָט געקענט אַזוי געמיין באַהאַנדלען אַ פרוי, האָט נאָך די חוצפּה צו רעדן וועגן יושר?

אמת, איר וועט מיר דאָס נישט גלייבן?

קורץ, איך שיק צו מיין „ווייב" יעדע וואָך איר וואָכן־געהאַלט. זי האָט איינגעשטימט אויף הונדערט פראַנק אַ וואָך, כאָטש — האָט זי אונטערגע־שטראָכן איר גוטהאַרציקייט — דורכן געריכט וואָלט זי געקענט האָבן מער. קיין באַזוכן מאַכט זי מיר שוין נישט, אָבער לעצטנס האָב איך באַ־קומען אַ גרוס, אַז כ'מעג זיך ריכטן צו העכערן מיין ווייב אירע שכירות, וואָרים עס וועט אוודאי נישט לאַנג דויערן און איך וועל ווערן אַ טאַטע...

אָט אַזוי האָט מיר מיין פראַנצויזישקייט געבראַכט אַ בינטל צרות אויף מיין קאָפּ.

# הערשל איז נישט געפֿאָרן...

## .1

עס איז אַ וואַרעמער שיינער חול-המועד-טאָג. אינם שטעטל שמעקט מיט פרילינג און מיט יום-טוב. אויף דער גרויסער ברייטער לאַנקע לענג-אויס דעם טייך, שפּאַצירן פּאַמעלעך הערשל קאָזשאָל מיט אייזיקל פּיקעס, צוויי יונגען פון שטעטל, און זענען פאַרטועט אין אַ הייסן שמועס.

אייזיקל פּיקעס, וואָס איז ערשט אויף פּסח אַהיימגעקומען פון דייטשלאַנד אָנגעטועט ווי אַ גאַנצער פּריץ: אין אַ שיינעם בלויען אָנצוג, מיט אַ גלייכן קנייטש אין די הויזן פון אויבן ביז אַראָפּ, אַ פּאָר געלע שיך און אַ דין שטעקעלע מיט אַ גלייך נישט אויסגעבויגן ביינערן הענטל, וואָס ער דרייט עס אַן אַלע זייטן און דאָס גיט אים צו אַ באַזונדערן חן אין הערשלס אויגן — אייזיקל רעדט מיט פייער און הערשל שלינגט יעדעס וואָרט זיינס:

— דו נאַרישער יאָלד — זאָגט אייזיקל, און גיט בשעת מעשה אַ דריי מיטן שטעקעלע וואָס ער האַלט צווישן צוויי פינגער — דו נאַרישער יאָלד, וואָס וועסטו דאָ אויסזיצן אין פּשעריוו? וועסט דאָך דאָ נאָך פאַרשימלט ווערן. וואָס קאָנסטו דאָ דערלעבן? דו פאָלג מיך גוטער ברודער, און פאָר מיט מיר קיין דייטשלאַנד. אַ גאַש בראַט ביזטו דאָך, אַ קאַפּיטשקע שכל האָסטו אויך און צו פּיקן אונטער דער צונג דאַרף מען דיר דאָך אוודאי נישט — טאָ וואָס וואַרטסטו גוטער ברודער?

אייזיקל נעמט זיך אַרויס פון קעשענע אַ זילבערנע פּאַפּיראָסן-טאַש, טראָגט אונטער קאַוואַליר-מעסיק הערשלען, ער זאָל זיך אַרויסנעמען אַ פּאַפּיראָס, נעמט זיך אַ צווייטן רעדנדיק בשעת מעשה:

— אָט די „ציגאַרעטן-טאַשע“ מיינסטו, האָב איך געקויפט? אַ מכה אויף די דייטשנס קעפּ! ווען דו זעסט הערשל, וואָס פאַר אַ שיין דייטשקעלע ס'האָט מיר דאָס געשענקט... געחלשט האָט זי, כ'זאָל ביי איר עפּעס

נעמען אַן אָנדענקען. זי האָט געוויינט מיט בלוטיקע טרערן ווען איך בין אוועקגעפאָרן. דעם מאַן, האָט זי געזאָגט, האָט מען איר אוועקגעשיקט שטורמען אַ פעסטונג, וועט ער שוין אוודאי דאָרט באַגראָבן ווערן, איצט, אַז איך פאָר אויך אוועק, האָט זי שוין קיינעם נישט. זאָלסט אַזוי לעבן מיט מיר ווי איך זאָג דיר קיין ליגן נישט.

און געבנדיק אַ שטאַרקן ציי פון ציגאַרעט גיט אייזיקל צו:

— הערסט גוטער ברודער, גיי שוין צום קאָמאַנדאַנט און שרייב זיך איין צו פאָרן.

הערשל זעט איין באַשיינפּערלעך אַז אייזיקל איז גערעכט. ער האָט אייגנטלעך שוין לאַנג געטראַכט וועגן דעם, האָט ער זיך אָבער געשראָקן, געמיינט אַז מען מוז דאָרט שווער אַרבעטן, דערצו האָט מען נאָך געזאָגט אַז מען שיקט זיי מאַכן קוילן, וואו זיי זענען יעדע מינוט איינגעשטעלט מיטן לעבן. צום סוף דערציילט אים גאָר אייזיקל עפּעס אַנדערש:

— ווער דאַרף אַרבעטן — זאָגט אייזיקל און דרייט מיטן שטעקעלע וואָס ער האַלט צווישן צוויי פינגער — אַרבעטן זאָלן האָלענדישע הינט, בעלגישע פערד, שוואַרצע מענטשן. אַרבעטן קוילן פאַר די דייטשן, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס אויסצושיסן אַ וועלט? איז דאָך שוין גלייכער צו שלאָפן דערווייל מיט זייערע ווייבער.

דערפאַר זעט הערשל איין אַז אייזיקל איז גערעכט. ס'איז טאַקע זייער אַ גלייכע זאַך צו פאָרן. וואָרים דאָ אין שטעטל איז שוין נישט אויסצוהאַלטען, עפּעס זענען אַלע פאַרכעס דאָ געוואָרן גאַנצע יחסנים. וואָס דאַרף מען מער, אַז אפילו משה גנלעס, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג מיט אים צוזאַמען געפיילט שליסלען און זיי צוגעפּאַסט צו ירחמיאל ווײַנשענקערס קעלער, פון וואַנען זיי האָבן צוזאַמען אַרויסגעלקחנט פלעשלעך ווײַן און מעד — אפילו ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גאַנצן „שמענטעליגענט", גייט אין פאַריין אַריין און רעדט אַזעלכע ווערטער, וואָס ביז איצט האָט מען עס נאָר געהערט פון אַ רעדנער, אַ „קראַפּט" פון וואַרשע: „באַשלאָסן", „שטאַנדפּונקט", „באַוווסטזיין" און נאָך אַזעלכע שווערע ווערטער.

הערשל דערמאָנט זיך ווי משה גנלעס איז איינמאָל אין אַ שבת נאָכמיטאָג אַרויסגעקומען אויף דער לאָנקע מיט אַ גאַנצער חברה פון פאַריין. ער האָט געהאַלטן אַ ביכל אונטערן אָרעם און גערעדט מיט היץ:

— „איך בין מיט דער דאָזיקער מיינונג אייערער נישט איינפאַר־שטאַנען"...

און אַז ער, הערשל, איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך משה געמאַכט גלייך ער זעט אים גאָר נישט. הערשלען האָט עס דעמאָלט געברענט ווי פייער און ער האָט אָט דעם משה געלעם געוואָלט אַ פרעג טון:

— מיט וואָס דען, משה, ביזטו „איינפאַרשטאַנען"? אַרויסצוגנבענען פאַרשימלטע פלעשלעך וויין פון ירחמיאלס קעלער אַרויס?

ס'איז דערפאַר ביי הערשלען געוואָרן קלאָר, אַז ער מוז זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין. און טאַקע באַלד, אַ טאָג נאָך פסח וועט ער פאָרן און זאָגן דערפון וועט ער קיינעם נישט אַ וואָרט. ער וועט אפילו נישט זאָגן גאָרנישט פייוולען, כאָטש ער האָט ערשט ערב פסח מיט אים אָפּגעשלאָסן אַ געשעפט מען זאָל אַרבעטן שותפות בראָנפן פון צוקער. פאַרפעסטיקט איז דאָס געשעפט געוואָרן דורך דעם, וואָס מען האָט ביי דער שילימטע אין שענק פאַרטרונקען מיט עטלעכע גלעזלעך פּסחדיקן בראָנפן און פאַרביסן מיט געפילטע העלדזלעך, נאָכדעם האָט מען זיך געגעבן די הענט, אַז אַזוי לאַנג ווי „צוקרואווקע" וועט זיין אַ סחורה און ס'וועט האָבן אַן אָפּגאַנג זאָל מען זיך נישט פאַנאַנדערגיין פון שותפות. פייוול האָט שוין אפילו געגעבן אַ הונדערטער האַנטגעלט און באַשטעלט אַ קעסעלע און אַ טאָג נאָך יום טוב דאַרף מען זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אַ ברייטער שמייכל צעגיסט זיך איבער הערשלס פּנים. ער מאָלט זיך אויס, ווי פייוול קומט צולויפן נאָך אים, ער זאָל גיין זיך נעמען צו דער אַרבעט, דערציילט אים גאָר די מאַמע:

— הערשל איז דאָך אַוועקגעפאָרן, עפּעס אַ משוגעת איז אים אַריין אין קאָפּ אַריין.

און אַ מאָדנע נקמה דערלעבט הערשל שוין אין געדאַנק אָן פייוולען, זאָל ער זען אַז הערשל קאָן אויך נאָך עפּעס, אַז מען קאָן מיט אים נישט מאַכן וואָס ער וויל. זאָל ער איצט אַליין אָנשטעלן דעם „זאַטשער", אַליין קאָכן, זאָל צו אים אין מיטן קאָכן אַריינקומען אַ מיליציאַנט, זיך אָנצינדן ווי אַ שטיק פייער, הייסן תיכף אַראָפּנעמען דעם קעסל, צונויפנעמען דעם בראָנפן און מיט אים מיטגיין... זאָל ער, פייוול שטיין אַ בלאַסער, פון זיין שטערן זאָל רינען שוויים און ער זאָל שטופן דעם מיליציאַנט

אין האַנט אַריין איין פּאַפּירל נאָכן אַנדערן און יענער וועט זיך האַלטן שטאָל און אייזן:

— צונויפנעמען די גאַנצע „פאַבריק" און מיטגיין מיט מיר...

זאָל ער שפּעטער, אַז ער וועט שוין האָבן בשלום אַדורכגעקומען מיטן מיליציאַנט און פּאַרטיק געמאַכט די סחורה, זיך אַרומנעמען איין בלעכענע באַנקע אויפן בויך, איינע אויפן רוקן און צוויי אויף ביידע פּיס און זיך אַזוי אַריינשלעפּן קיין טשענסטאָכאָוו, און ביי דער פור זאָל אים אָפּוואַרטן לאָלעק דער „פּרעטענציע-מאָנער", אַ יונג מיט שוואַרצע ממזרישע אייגע־לעך, וואָס טוט אַליין גאָר נישט, נאָר לעבט דערפון, וואָס ער נעמט פּרע־טענציע-געלט פון שמוגלערס, וואַרפן אויף אים אַ בליק מיט אַ ממזרישן וואונק און געבן אים אַ פרעג:

— ביזט עפּעס אַזוי גראָב געוואָרן, קיין עין הרע. אין וויפילטן חודש ביזטו? — און שפּעטער זאָל ער אים נעמען אויף אַ זייט איינצורוימען אים אַ סוד אין אויער...

די פאַנטאַזיע מאָלט שוין אפילו הערשלען, וויאַזוי פּיוול, האַלטנדיק ביידע הענט אין קעשענע, שאָקלט מיטן קאָפּ פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, צום טאַקט פון די ווערטער וועלכע ער זייערט אַדורך צווישן די ציין:

— אַזאַ יאַט, אַ שרפה אין זיינע געדערים אַריין!

.2

אַז ער מוז נישט אַנדערש נאָר אַוועקפאָרן, זעט הערשל איין פון נאָך אַ זאַך:

עפּעס האָט ער זיך אין דער לעצטער צייט צופיל אַריינגעלאָזט מיט יידל-וויישעטס געלער מויד. הערשל פאַרביילט די פויסטן און וויל זיך אַליין געבן אַזעלכע פעסטע, אַזעלכע געזונטע קולאַקעס, ער זאָל שוין האָבן לערן-געלט אויף נאָכאַמאָל און נישט טון אַזעלכע „קלוגע" זאַכן. שוין אפשר הונדערט מאָל האָט הערשל זיך אַליין געפרעגט, דיזעלבע פראַגע:

— צו וואָס האָט עס אים געטויגט? צו וואָס האָט ער זיך מיט דער געלער מויד אַריינגעלאָזט? האָט אים דען דער לאַנגער נאָטע נישט גע־וואָרנט ער זאָל זיך פאַר אָט די שטרויענע לאָקעלעך אויסהיטן? האָט

ער אים דען נישט געזאָגט: „הערשל דו פאַרקריכסט אין אַ בלאָטע!“ איז דען נאָטע נישט געווען גערעכט אַז ער האָט אים געזאָגט:

— אין טשענסטאָכאָוו איז דאָ אַ פעטער מאָריץ, איז ביי אים פאַראַן אַן ערשטע קלאַס מיט אַ צווייטע קלאַס, און אַזאַ יונג ווי דו איז נישט קראַנק אַריינצוגיין זיך אָפּצוקילן ס׳בלוט... און דאָ מיט די מיידן זאָלסטו נישט מאַכן קיין שום געשעפטן און ווען דו שפּאַצירסט שבת אויפן שאָסיי, זאָלסטו וואַרפן אויגן צו זיי, אַז זיי זאָלן צעפּענקניעט ווערן און גאָר נישט...

זענען דאָס נישט גאָלדענע ווערטער געווען?

האָבן אָבער חברה, „נאַש בראַט“ אַ טבע, זיך צו באַרימען מיט זאַכן וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. און ער, הערשל, האָט געמיינט אַז אַלץ וואָס מען דערציילט איז אמת. דערצו האָט ער טאַקע אַמאָל אַליין געזען ווי מען האָט ביי אים צוגענומען אַ שמוגל און זי איז געלאָפן מיט אַ געוויין צום קאָמענדאַנט, האָט ער זי געהייסן קומען אַ צווייט מאָל אויף דער נאַכט... און זי האָט טאַקע אַלץ צוריק באַקומען, מיט אַ צוגאָב פון אַ „פּאַסירשיין“, אַז זי מעג אַלץ פריי פירן. נו, וואָס האָט הערשל דאָ געזאָלט טראַכטן? אַז פאַר אירע שיינע דרשות האָט זי אַזוי אויסגענומען ביים קאָמענדאַנט? האָט ער זיך געזאָגט: אַ וועלט רעדט נישט אומזיסט. און אויב אַזוי איז עס דאָך אַ „כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל“. האָט הערשל, וואָס איז געווען אַ מייסטער אויף פירן ליבעס, פאַרפירט אַ ליבע מיט דער געלער. מוז ער דערפאַר יעדן שבת און אפילו אין דערוואָכן, ווען ער האָט נאָר צייט, שפּאַצירן מיט דער געלער, און רעדן מוז ער מיט איר שטענדיק וועגן דעם זעלבן: וועגן מענער און פרויען, ווער ס׳איז ערלעכער און ווער ס׳ליבט געטרייער. ער מוז אויך אויסהערן ווי זי זאָגט, אין אַזאַ מין טאָן, גלייך זי וואָלט אים איינגאַנצן באַגליקט, אַז ווען אַ פרוי האָט ליב אַ מאַן, ליבט זי אים מיטן גאַנצן האַרצן, גיט זי אים אַוועק אַלץ וואָס ער וויל פון איר, ווייל זי גלייבט אים...

און זי קוקט בשעת מעשה אויף אים מיט אַזאַ בליק, וועלכער זאָגט צו הערשלען גענוג קלאָר: „פון מיר וועסטו זיך נישט אַרויסדרייען, מיט מיר שפּילט מען זיך נישט אין קיין ליבעס גלאַט אַזוי...“ אַמאָל טרעפט

נאָר, אַז זי קומט אַרויס אויפֿן שאָסיי אַ פּאַרוויינטע, מיט געשוואָלענע אויגן און באַקלאָגט זיך:

— אויסהאַלטן קאָן זי שוין נישט אין דער היים, יעדן טאָג פּאַרדרייט מען איר דעם קאָפּ מיט אַנדערע שידוכים, אַלע זאָגן איר נאָר אַז ער מיינט נישט ערנסט מיט איר, אַז ער וועט זי איצט אַרומפֿירן ביי דער נאָז און דערנאָך וועט ער זי לאָזן שטיין.

און הערשל גייט אַ שטילער און ווייס נישט וואָס צו ענטפֿערן. אַמאָל האָט ער שוין אפֿילו געוואָלט זאָגן, אַז אויב ס'טרעפֿט זיך איר אַ גוטער שידוך מעג זי תּנאָים שרייבן, וואָרים ער וועט נאָך נישט אַזוי שנעל חתונה האָבן. ער האָט זיך אָבער באַלד פֿאַרגעשטעלט וואָס ס'וועט זיין נאָך דעם: ווי די מויד וועט זיך צעוויינען פּונקט ווי בעת די מאַמע איז איר געשטאָרבן, שפּעטער וועט זי ספּאַזמירן; דערנאָך וועט ערשט קומען צולויפֿן איר ברודער ווילוש גנבֿ מיט אַ גרויס מעסער און וועט שרייען:

— דו וועסט פֿאַרשעמען אַ יתומה? די קישקעס נעם איך פֿון דיר אַרויס!

דערפֿאַר, ווייסט הערשל, אַז ער וועט דאָ נישט זיין, וועט די מויד אָן אים פֿאַרגעסן און אַלץ וועט ווידער זיין גוט.

הערשל נעמט אייזיקלען אונטערן אָרעם און לאָזט זיך מיט אים גיין צו דער שילימטע אין שענק.

— קום, — זאָגט הערשל, — צו דער שילימטע, מיר וועלן טרינקען אַ גלעזעלע פּסחדיקע משקה און די זאַך גוט איבערשמועסן.

אייזיקל נעמט אפֿילו אַרויס אַ גרויסן זילבערנעם זייגער פֿון טאַש, גיט אַ קוק ווי שפּעט ס'איז און זאָגט אַז ער האָט קיין צייט נישט. דאָס טוט ער אָבער נאָר ווייל ס'פּאַסט אַזוי, ווייל אַזוי מוז טון איינער וואָס איז געקומען פֿון דייטשלאַנד נאָך פּשעריוו, נישט גיין גלייך ווען מען רופֿט. אַז ער האָט זיך אָבער פֿאַרגעשטעלט ווי חבֿרה דאָרט וועט באַטראַכטן איינער דעם בלויען אַנצוג וואָס ליגט ווי אויסגעגאָסן אויף אים, אַ צווייטער די שיינע געלע שיך און אַלע וועלן זיך אַרומשטעלן אַרום אים, ער זאָל זיי דערציילן וואָס הערט זיך עפּעס אין דייטשלאַנד, אַלע וועלן זיין נייגעריק צו וויסן זיין מיינונג: ווען, רעכנט ער, וועט זיך די מלחמה אָפּשטעלן — האָט ער זיך געלאָזט צורעדן און איז געגאַנגען מיט הערשלען.

.3

ביי דער שילימטע אין שענק, וואו ס'איז געווען שווארץ פון די פאר־חושכטע ווענט, וואס זענען שוין יארן נישט געקאלעכט געווארן, און פון דעם וואלקן ציגארעטן און לולקע-רויך — האט געקאכט ווי א קעסל. דא איז געגאנגען דער גאנצער מסחר פון שטעטל. דא האט איינער פארקויפט צוויי קעסטלעך זייף און באלד צוריק געקויפט צוויי זעקלעך מיט ארבעס; א צווייטער האט פארקויפט ליכט און האט געקויפט טאבאק. א דריטער איז ארומגעגאנגען פון איינעם צום צווייטן און געפרעגט ווער ס'איז א בעלן אויף הויזן. צוויי הונדערט פאר הויזן האט ער צו גאר א גוטן מקח, און הויזן וועלן באשטימט טייערער ווערן, ווארים א ליאדע טאג וועט זיך ווארשע עפענען וועט מען דארפן הויזן; נאך איינער האט געהאט אין א פאפירל אביסל מעל און איז געלאפן דערמיט פון איינעם צום צווייטן. און דאס ביסל מעל אין פאפירל איז איבערגעגאנגען פון איין האנט אין דער צווייטער, עס איז געווארן ארויסגעצויגן פון א בוזים-טאש א גרא־בער אנגעשטאפטער פארטפעל, אפגעציילט א גאנצער הויפן מיט באנק־נאטן, דער קויף איז פארטרונקן געווארן מיט גלעזלעך בראנפן און פארביסן מיט העלדזלעך אדער מיט פופעקלעך.

באלד איז דאסזעלבע פאפירל מיטן ביסל מעל איבערגעגאנגען אין אן אנדערע האנט, יענער האט שוין אנגעהויפט אויפן טיש א גרעסערע קופע מיט געלט און ווידער האט מען פארטרונקען און פארביסן דעם קויף.

ביי א טישל אין א זייט זענען געזעסן צוויי יידן, איינער האט זיך געביסן דעם שפיץ פון זיין בטלנישער געלער באָרד און ווי געבעטן זיך רחמים ביים צווייטן, א ייד מיט א שיינער שווארצער באָרד:

— דאס איז דאך גזלניש — האט ער זיך געבעטן — דאס איז דאך רוצחיש, דאס הייסט דאך באפאלן א מענטשן אין מיטן וואלד און אפגע־שניטן אים די קעשענעס, דאס איז דאך א בפרושער מקח-טעות.

דער צווייטער אבער, מיט דער שיינער שווארצער באָרד, היצט זיך נישט, שמייכלט און רעדט געלאסן:

— כ'זע אז דו ביזט געווען א בטלן, און וועסט בלייבן א בטלן, כ'זע אז דו הייבסט נישט אן צו פארשטיין, וואס דאס איז אזוינס מסחר, ווער־

קויפט דאָס ליכט צו ברענען? ליכט קויפט מען היינט צו פאַרקויפן, אָדער צו ליגן אין קעלער אַריין אָבער נישט צו ברענען.

ווייזט זיך אַרויס אַז דער סיכסוך גייט וועגן אַ קלייניקייט. דער מיט דער געלער בטלנישער באָרד האָט געקויפט ביי דעם מיט דער שיינער שוואַרצער באָרד צוועלף קעסטלעך ליכט. געקויפט, ווי אַלץ וואָס איז אין יענער צייט געקויפט געוואָרן — אויפן וואָרט, טאַקע דאָ, ביי דער שילימטע אין שענק. ביי נאַכט האָט מען איבערגעפירט די ליכט פון איין קעלער אין צווייטן אַריין און דער נייער באַלעבאָס פון די צוועלף קעסטלעך ליכט האָט זיך נישט געאיילט זיי צו פאַרקויפן, מחמת זיין חשבון איז געווען אַז ס'לוינט זיך בעסער זיי צו האַלטן באַטש אַ פּאָר וואָכן. לכבוד יום טוב האָט ער אָבער געוואָלט אָנצינדן דעם זיבן-רערנדיקן שבתניק מיט די הויכע זילבערנע לייכטער. האָט ער אַרויסגענומען פון יעדן קעסטל צו איין ליכט. וועט עס זיך, הייסט עס, סיי ווי נישט אָנזען. צינדט ער און צינדט און די ליכט ווילן נישט ברענען. ווייזט זיך אַרויס אַ קלייניקייט: די ליכט זענען אָן קנויטן.

טענהט ער:

— מקח טעות.

יענער אָבער טענהט:

— איך האָב דיר נישט פאַרקויפט קיין ליכט צו ברענען, נאָר צו פאַרקויפן, איך האָב זיי אויך אַזוי געקויפט.

ביי אַן אַנדער טישל זענען געזעסן דייטשע זעלנער און אָפיצירן, געטרונקען ביר און גערויכערט ציגאַרעטן. יידן האָבן זיך ביי זיי געהאַלטן אין איין פרעגן פאַרשידענע פראַגן און זיי האָבן אויף אַלץ געהאַט איין ענטפער:

— יאַ, יאַ, געוויס!

איין דייטש, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין אויסליידיקן איין גלאָז ביר נאָכן צווייטן, האָט זיך איינגעשפּאַרט, נישט אַנדערש נאָר ז ע ל מ א (אַזוי האָבן די דייטשן גערופן די שילימטעס טעכטער זעלדע, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן מיט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן און אַ פּאָר דיקע, שוואַרצע צעפּ) זאָל זיך אים זעצן אויף דער שויס. די שילימטע, אַ יידענע מיט אַ לענגלעך פּנים, מיט אַ פאַרצייטישע קופּקע אויפן קאָפּ און צוויי לאַנגע

אויער-רינגען וואָס האָבן זיך איר נאָכגעבאָמבלט ביי די אויערן, האָט זיך געבעטן ביי אים:

— האר לעבן, זי האָבן דאָך גענוג מעדרכען.

דער דייטש אָבער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם און מיט אַ פאַר-וואָרפּענעם קאָפּ און פאַרגלייזטע אויגן האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען: „שענע זעלמאַ קאָם דאָך הער" — ביז ער איז פון די אָן אַ שיעור גלעזער ביר געמישט מיט בראָנפן געפאַלן פון די פיס און צוויי דייטשע זעלנער האָבן אים אונטער די אָרעמס אַרויסגעפירט.

הערשל מיט אייזיקלען זענען אַריינגעקומען. אייזיקל, ווי אַ מענטש וואָס פילט די גאַנצע געהויבנקייט זיינע, איז געגאַנגען גלייך, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, געקוקט זיך אויף די שפּיצן פון די שיך און געדרייט מיטן דינעם שטעקעלע זיינעם. הערשל ווידער, וואָס האָט אָפּגעשאַצט איי-זיקלס חשיבות נאָך בעסער פאַר אייזיקלען אַליין, איז געגאַנגען מיט אַ נישט קלענערן שטאָלץ און אין געדאַנק האָט ער מורא געהאַט, חברה זאָלן אים נישט אַרומרינגלען אייזיקלען, נעמען אים אין קרענצל אַריין און ער וועט זיך נישט קאָנען אדורכשמועסן מיט אים ווי ס'געהער צו זיין. האָט הערשל געגעבן אַ נעם אייזיקלען ביים אָרעם, צוגעפירט אים צו אַ טישל וואו עס זענען געווען פריי צוויי שטולן און געגעבן אַ רוף צום בופעט:

— צוויי גלעזלעך בראָנפן מיט צוויי באַבעלעך פון פינף אייער.

און שוין האָט ער זיך גענומען צו אייזיקלען:

— אזוי, זאָגסטו, הייסט עס, אַז מען דאַרף נישט אַרבעטן, אַז אויף אַרבעט דאַרף מען נאָר זיין פאַרשריבן און אין דער אמתן מאַכט מען געשעפטן.

— אזוי איז עס, גוטער ברודער, — זאָגט אייזיקל קוקנדיק בשעת מעשה אויף די שפּיצן פון זיינע שיך — און שבת גייט מען און מען נעמט געלט, זאָלסט אַזוי לעבן מיט מיר, גוטער ברודער, וועסט ערשט וויסן פון אַ לעבן צוזאָגן, וועסט ערשט וויסן וואָס עס הייסט אַ וועלט.

איז הערשל געוואָרן ווי אָנגעגאָסן מיט פרייד, אַ פרייד וואָס האָט אים איבערגעפילט און פאַרשיכורט. האָט ער דערפאַר נישט געקאָנט דער-ליידן די צוויי קליינע גלעזלעך בראָנפן, וואָס זעלדע האָט אַנידערגעשטעלט אויפן טיש, זאָגנדיק דערביי, אַז די באַבעלעך וועלן באַלד זיין פאַרטיק, האָט הערשל געגעבן אַ פרעג מיט ברייטקייט:

— וואָס פאַר אַ גלעזלעך זענען דאָס עפּעס? אַ פלאַש בראָנפן זאָל דאָ שוין שטיין.

און אַז זעלדע האָט געבראַכט אַ פלאַש בראָנפן און זי אַנידערגע־שטעלט אויפן טיש, האָט הערשל איינגעגאָסן איין גלעזל נאָכן צווייטן, נישט געוואַרט ביז אייזיקל וועט אויסטרינקען און אויפגעליידיקט איינס און צוויי און דריי און פיר; ביים פינפטן, ווען ער איז שוין געווען גאַנץ נישקשהדיק באַקוראַזשט און דערהיצט, האָט ער זיך שוין אויפגעשטעלט פונם שטול, צוגעגאַנגען צום בופעט, וואו זעלדע האָט אַ רעשט געגעבן אַ דייטש פון אַ פינף־מאַרק־שטיק און יענער האָט זי באַשיט מיט קאָמפּלי־מענטן, און הערשל האָט זיך צעשריגן אויף אַ קול:

— הערשל האָט אין דער ערד פּשעריוו, הערשל 'עט פאָרן נאָך דייטש־לאַנד און גיין יעדן טאָג אין קינעמאַטאָגראַף אַריין, הערשל 'עט חתונה האָבן מיט אַ רייכער דייטשקע און האָבן אַ סך געלט... העי, זעלדע! די באַבעלעך וואו זענען?

פּלוצלינג דערשפּירט ער אָבער ווי אַ שווערע האַנט לייגט זיך אַרויף אויף זיין אַקסל און דריקט זיך אַזוי צו צו אים, גלייך זי וואָלט געווען אַ צו־געקלעפּטע, די האַנט דרייט אים אויס און פירט אים צו צו אַ ליידיק טישל.

אַ פאַרחידושטער ראַנגלט זיך הערשל, דרייט אויס דעם קאָפּ און דערזעט ווילושן, דער געלערם ברודער. אונטערן דרוק פון דער שווערער האַנט, זעצט ער זיך אַראָפּ אויף אַ שטול, וואָס שטייט נעבן אים. ווילוש זעצט זיך אויף אַ צווייטן שטול, קוקט אויף הערשלען מיט זיינע דורכ־דרינגנדע אייגעלעך און פרעגט אים:

— זאָג מיר נאָר הערשל איין זאַך: צי ביסטו טאַקע שיכור אָדער מאַכסטו זיך נאָר אַזוי?

— ווילוש גנב, ווער איז אַ שיכור — צעשרייט זיך הערשל און גיט ווילושן אַ גוט־ברודערישן קלאַפּ אויף דער פּלייצע — הערשל איז נישט שיכור, הערשל געדענקט און ווייסט אַלץ, הערשל געדענקט אפילו אַז דו האָסט נעכטן אויפן מאַרק געפּרוּווט „ציען אַ טאָוול", האָט געפעלט אַ האָר זאָלסט זיין פאַרשיט. הערשל געדענקט...

— דו נאַרישער יאָלד, פאַרמאַך בעסער דיין ווערמדיקן מיסטקאַסטן און דערצייל נישט, וואָס הערשל געדענקט. דו זאָג מיר בעסער עפּעס אַנ־דערש: מיינסטו טאַקע אַזוי אַן אמת צו פאָרן נאָך דייטשלאַנד?

— ווי כ'בין א ייד — ענטפערט הערשל און שטעלט זיך אויף צוריק צו גיין צו אייזיקלען. — פרעג דעם יאט — ווייזט ער מיט דער האנט אויף אייזיקלען.

ווילוש לייגט אים אבער ווידער ארויף זיין שווערע האנט אויפן אקסל און דריקט אים צוריק אראפ אויפן שטול.

— הערשל, געדענקסט אפשר ווי כאסקל פעלדשער האט צוגענייט משה קאוואלס קאפ, ווי מען נייט צו א צעריסן העמד?

הערשל איז אין איין מינוט כמעט ווי איינגאנצן אויסגעניכטערט געווארן. ער קוקט אויף ווילושן א פארוואונדערטער, א דערשראקענער.

— וואס ווילסטו, ווילוש גנב? וואס האב איך דיר געטון?

ווילוש קוקט שארף אן הערשלען און זאגט צו אים געלאסן, כמעט אין א ליבלעכן טאן:

— געטון הערשעלע, האסטו מיר גארנישט. פארוואס זאלסטו מיר האבן געטון, וואס האסטו צו מיר? דאס איז פאר איינס, און פאר צווייטנס, איז ווילוש נישט אזא מפיל-קינד, ער זאל זיך לאזן טון עפעס פון אזא לאכודרע ווי דו ביסט, בייג זיך אבער צו נענטער, הערשעלע, וועל איך דיר איינרוימען א סוד...

און ווילוש רוימט הערשלען איין א סוד, פון וועלכן דאס גאנצע בלוט גיט דעם יונג א שלאג אין פנים אריין. אן אנגעצונדענער גיט ער זיך א שטעל אויף און קריצט מיט די ציין:

— א כאלעריע אין אירעביינער אריין!...

— א כאלעריע אין דיינע ביינער אריין — ענטפערט ווילוש און שטעלט שוין ארויס א פויסט צו הערשלען, — האסט געמיינט אז דו וועסט זיך מאכן א שפילכל מיט א יתומה און גארנישט?

אבער ווילוש האט גאר נישט באדארפט די פויסט זיינע צו באנוצן, ווארים מיט א מינוט שפעטער האט שוין הערשלס פנים אויפגעשיינט און א ברייטער שמייכל האט זיך דערויף צעגאסן, האט ער שוין געפרעגט ווילושן שטיל און סטאטעטשנע:

נו, וואס טוט מען?

— וואס מען טוט? — ענטפערט ווילוש — מען שרייבט תנאים און ל"ג בעומר וועט זיין די חתונה.

פארטיפט זיך הערשל באלד אין חשבון, ער וויל אויסרעכענען, ווי-

פיל, למשל, קאָן ער אָפּשפּאָרן ביז ל״ג בעומר, אויב ער זאָל אַרבעטן בשותפות מיט פּייוולען און ס׳וועט גיין בשלום, און אפנים אַז דער חשבון קומט אים אַרויס גאַנץ נישקשהדיק, שרייט ער אויס צום בופעט:

— זעלדע, וואו זענען די באַבעלעך וואָס כ׳האָב באַשטעלט? לאָז מען מאַכן נאָך איינס. — און אויסדרייענדיק זיך צו אייזיקלען גיט ער אַ געשריי:

— קום אַהער דאָ אייזיקל און נעם מיט די פלאַש בראָנפן, הערשל וועט שוין צו דיינע דייטשקעס נישט פאָרן. אַט־אָ דער יאַט — ווייזט ער אויף ווילושן, וויל זיין מיין שוואָגער. אַ פייער זוכט אים...

***

אַ טאָג נאָך פּסח האָט זיך הערשל גענומען צו זיין בראָנפן־פאַבריק מיט אַ גאָר פרישן ברען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ער שוין געזעסן אויף דער פור ביי לייבקע שווייגער, באַלייגט מיט באַנקעס בראָנפן אויפן בויך, אויפן רוקן און אויף ביידע פּיס. הערשל האָט זיך דאָסמאָל אָפּגע־רוקט פון דער חברה וואָרילע יונגען, וועלכע האָבן געזאָגט וויצן און גערעדט מיאוסע רייד, שפּירנדיק אַז נאָך דעם סוד וואָס ווילוש האָט אים דער־ציילט ביי דער שילימטע אין שענק, פּאַסט עס שוין נישט פאַר אים. האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אַ קרענצל בערדיקע יידן, פון וועלכע ס׳האָט זיך אַרויסגעפילט אַ ריח פון נאַכט געמישט מיט רוי פליישׁ און זיי האָבן געפירט גאָר אַנדערע שמועסן.

גראָד ווען הערשל האָט זיך אויסגעדרייט האָט ער געכאַפּט די ווער־טער וואָס עס האָט געזאָגט ירחמיאל וויינשענקער:

— און דאָס איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך, אַז דער קייסער פראַנץ יאָזעף האָט אַ ברכה פונם ריזשינער זכרונו לברכה איבערצוגעבן זיין מלוכה אין די הענט פונם מלך המשיח...

הערשל האָט געמאַכט אַ פרומע מינע.

# דאָרפיש

## 1.

גיטעלע האָט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף, אַרויסגעוואָרפן מיט אַ גענעץ איין האַנט פון הינטערן איבערבעט און שפּעטער ערשט ברייט די אויגן אויפגעעפנט; דער פלאָם פון דער אַרויפגעדרייטער לאָמפּ האָט איר אַ ווײלע געשטאָכן אין די אויגן, האָט זי זיי צוריק פאַרמאַכט און אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט זי זיך געחידושט: די מאַמע זיצט שוין איבער אַ שיסל קאַרטאָפלעס און זינגט זיך אונטער איר לידל:

— וואָס זשע ווילסטו
מיין ליבעס קינד?
אפשר געבן דיר
אַ שניידער-יונג?
— ניין, מאַמעשי,
ניין מוטער —
אַ שניידער-יונג
איז אויכעט ביטער.

דער קוימען איז שוין באַשטעלט מיט טעפּ אין פאַרשידענע גרייס, פון וועלכע ס'צעשפּרייט זיך אַ געדיכטע פּאַרע איבער דער גאַנצער שטוב; לאהלע, דאָס קליינע שוועסטערל אירס, שטייט שוין אויפגעשטעלט אין בעט, אַן אָנגעטוענע אין די בערכענטנע מייטקעס, מיטביידע הענט איינגעגראָבן אינם צעשויבערטן און באַפּעדערטן קאָפּ און וויינט, די מאַמע זאָל איר געבן אַ פּאָר אַנדערע זאָקן, אין די קען זי שוין נישט גיין; דעם טאַטן זעט זי אינגאַנצן נישט און הערט אים אפילו נישט אַריינקרעכצן פון קעמערל — ווי יעדן טאָג: — „נאָר צעוואַרפן און מישן אויס, דאָס איז דען חס אויפן טאַטנס פּראַצע?” דעם פּיזמון וואָס זי איז געוואוינט פון אים צו הערן יעדן טאָג, ווען ער פּאָרעט זיך אין האָלץ-קעמערל, ביים גלייכלייגן דאָס האָלץ. דאָס אַלץ איז אַ סימן אַז עס איז שוין מסתמא נישט פרי. אַז

ווען זי איז נאָך געשלאָפן האָט שוין דער טאַטע גענומען דעם טלית-זאַק אונטערן אָרעם, אָראָפּגערוקט ס'בּאַראַנקאָווע היטל איבּער די אויערן און אַוועק אין בּית-מדרש אַריין. וואונדערט עס זי, גיטעלען: וואָס איז עס די מעשה, דער טאַטע האָט זי היינט נישט געוועקט:

— מויד, שטיי שוין אויף, כּלה-מויד, ס'איז דאָך אַ צער-בּעל־חיים אויף די בּידנע בּהמות נעבעך.

זי וויל טאַקע פרעגן דער מאַמען: וואָס זאָל דאָס בּאַטייטן? באַלד אָבער דערמאָנט זי זיך אין יענעם ייד מיט דער געלער בּאָרד, וואָס איז יענע וואָך דאָ געווען צוזאַמען מיט אַ גראָבּע יידענע וואָס האָט געהאַט אַ טאָפּלטן גוידער בּיי דער גאָמבּע. זי דערמאָנט זיך אַז דער טאַטע האָט זיך יענעם טאָג אָנגעטון דאָס אָלפּאַגענע כאַלאַטל, אַז בּיים מיטאָג האָט מען געלייגט גאָפּל צום טיש און אַז ווען יענע זענען אַוועקגעפאָרן האָט זי זיך אָפּגע-שוירן אַ לאָק, וועלכן יענע יידענע האָט מיטגענומען מיט זיך און איר דערפאַר איבּערגעלאָזט אַ פינגערל לעצט-געלט. שפּירט זי אַז אָט-די אַלע זאַכן האָבּן עפּעס אַ שייכות צווישן זיך — פרעגט זי שוין גאָרנישט.

זי זעצט זיך אויף, גיט אַ וואָרף דעם קאָפּ אויף הינטן, אַריבּערצו-וואַרפן די צעשויבּערטע האָר, וואָס בּאַדעקן איר ס'גאַנצע פּנים, שטרעקט אויס די האַנט צום שטול, וואָס שטייט נעבּן בּעט, נעמט פון דאָרט ס'האַל-קעלע און רוקט זיך בּשעת מעשה העכער אַרויף אויפן קישן; די מאַמע זעט עס, לייגט זי ס'מעסער אין דער שיסל קאַרטאָפלעס אַריין, שטעלט זיך אויף און רעדט אין דערזעלבּער צייט אַריבּער צו איר:

— וואָס איילסטו דיך, טאָכטערשי? די בּהמות האָבּ איך שוין געגעבּן צו עסן און אויסגעמאָלקן זיי, וואַרט, כ'על דיר דערלאַנגען די נעגל אָפּצו-גיסן, 'עסטו נעמען עפּעס אין מויל אַריין.

גיטעלע פילט זיך עפּעס זייער נישט גוט פון דער מאַמעס צערט-לעכקייט. זי פילט זיך עפּעס, ווי מען וואָלט זי גענומען אינגאַנצן, ווי זי שטייט און גייט, מיט איר גאַנצע יונגקייט און פרישקייט, מיט איר דאָר-פישע מיידלשקייט, פון וועלכע ס'שמעקט, בּליען און רייף ווערן און גע-מאַכט זי פאַר עפּעס אַן איידעלע „זאַך". און דאָס וואַרפט אויף איר עפּעס אַן אומבּאַוואוסטע שרעק אַרויף. האָט זיך איר יונגע און שטייפע בּרוסט גע-נומען האַסטיק בּאַוועגן אונטערן העמד. זי האָט אַ ווײַלע נישט געוואוסט

וואָס צו טון. דערנאָך האָט זי אַ פרעג געגעבן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— וואו איז דער טאַטע?

— געפאָרן נאָך פּלאַצק, קינד. געפאָרן ברענגען נאָטע שניידער. מ'עט דיר דאַ נייען דעם אויסשטייער. מילא, 'עט נאָך עפּעס קאָסטן. כ'וויל נישט, טאָכטערשי, זאָלסט דיך שלעפּן אויף פורן צו פּאָסן — האָט געענטפערט די מוטער, צוקומענדיק צו איר בעט מיט אַ שיסל און אַ קוואָרט וואַסער. אונטערהאַלטנדיק איר די שיסל האָט די מוטער ווייטער גערעדט:

— 'עסט האָבן אַן אויסשטייער, קינד, ווי די שענסטע נגידישע טאָכטער.

גיטעלען האָט שטאַרק באַנג געטון וואָס זי האָט געפרעגט אויפן טאַטן, ס'האָט איר אויסגעוויזן, אַז ווען זי פרעגט נישט וואָלט דאָס אַלץ נישט געשען, האָט זי נערוועז און שנעל געגאָסן וואַסער, דאַ אויף איין האַנט, דאַ אויף דער צווייטער, און ווען זי האָט זיך אָפּגעווישט די הענט מיטן האַנטוך וואָס די מאַמע האָט איר דערלאַנגט, האָט זי אַריבערגעקוקט צום פענסטער און געזען אַז עס איז פול מיט גרויסע ווייסע פראָסט-בלומען און קאַלטענעוואַטע אייז-בערד הענגען דערפון אַראָפּ, זי האָט משער געווען, אַז אינדרויסן אויפן שאָסיי, פאָרן, מן-הסתם באַפּעלצטע פּויערים מיט די קוטשמעס איבער די אויערן און די גלעקלעך פון די פּויערישע שליטעלעך קלינגלען אין דער ווייסער וועלט אַריין; שפּעטער האָבן זיך שוין דער-טראָגן צו אירע אויערן קולות פון שקאָצים און שיקסעס וואָס האָבן זיך אינדרויסן געוואָרפן מיט קוילן שניי, האָט איר פּלוצלינג אָנגענומען אַ חשק אַרויסצוגיין, אונטערגנבענען זיך הינטערוויילעכטס הינטער באַלעקן, אים אָנשיטן אַ פולן האַלז מיט שניי און נאָך גוט איינרייבן אים די באַקן, איז איר אָבער באַלד לעבעדיק געוואָרן פאַר די אויגן יענער, מיט די גע-פּאַסטע שטיוועלעך מיטן בלאַנד-פאַרשווירענעם בערדל, ווי ער דערציילט איר חידושים פון טיף-ראָסיי און רופט זי אינמיטן דערינען גאָר אַן „פריילין", דערשפּירט זי מיט איינמאָל אַז עס איז איר עפּעס ענג געוואָרן; עפּעס ווי מ'וואָלט זי צונעמען פון די באַשנייטע פעלדער און וועגן, פון די פּויערים וואָס איבערוואָרפן זיך אַביסל מיט די הענט אַביסל זיך צו דערוואַרעמען, פון די פריילעכע שקאָצים- און שיקסעס-קולות, וואָס פאַרטרייבן דעם אומעט וועלכן עס וואַרפן אַרויף די צעשראָקענע און הונגעריקע וואָראָנעס,

פון די גרויסע טעפּ צוגעריי̆שטע קאַרטאָפלעס מיט באָרשט — ווי מען וואָלט זי פון דעם אַלעם אָוועקגענומען און זי אַריינגעזעצט אין אַ תּפיסה. קען זי שוין נישט פאַרטראָגן דאָס פרישע ציבעלע-פלעצל מיט דער שאַל קאַווע וואָס די מאַמע טראָגט איר אונטער מיט אַ נחתדיקע מינע, גלייך אַלדאָס שלעכטס נעמט זיך פון דעם און זי בייזערט זיך אויף דער מאַמען:

— לאָמיך געמאַך, מאַמע, וואָס בין איך קראַנק, כ'זאָל עסן אין בעט? כ'על מיך אָנטון. עלעך עסן.

.2

אויפגעשטאַנען איז זי שוין אַ ברוגזע, זי האָט געוואָלט עפּעס טון און נישט געהאַט וואָס: די מאַמע האָט שוין געהאַט צוגערוימט די שטוב און פאַרבעט די בעטן. האָט זי שווייגנדיק אַראָפּגענומען פון וואַנט דאָס בלאַנקענדיקע מעשווארג און אָפּגעריבן עס מיט אַש. שפּעטער האָט זי אָפּגעשטויבט דעם ווילנער גאון אין טלית און אויסגעשניטן צוויי נייע רויטע פּאַפּירענע קווייטן פאַר ביידע זייטן פון שפּיגל. אַז ס'איז איר שוין גאָרנישט געבליבן צו טון, איז זי, וועלנדיק אויסמיידן אַ שמועס מיט דער מאַמען, אַריינגעגאַנגען צו אַ שכנטע באָרגן דאָס פּרעס-אייזן: זי דאַרף אויספּרעסן אַ פּאָר שטיקלעך. איז דאָרט אין שטוב געוואָרן אַ מהומה, ווי למשל אַ דאָקטאָר וואָלט דאָ געווען, ער הייסט זיך דערלאַנגען טינט און פעדער אָדער אַ ריין האַנטוך, אַ זאַך וואָס מ'האָט גראָד נישט אונטער דער האַנט. די שכנטע, אַ הויכע יידענע, וואָס האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אין דער שלאָף-קופּקע, האָט זיך גענומען פאַר איר פאַרענטפערן פאַרוואָס ס'איז נאָך נישט צוגערוימט, האָט עס איר שטאַרק געאַרט דאָס דרך-ארצדיקע רעדן, וואָס מען רעדט צו איר. עס איז איר אויסגעקומען מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך פאַרוואָס יעדעס מאָל ווען זי פלעגט אַריינקומען צו דער שכנע, סתם אַזוי אַביסל, פלעגט זי איר באַלד דערלאַנגען אַ מעסער:

— נאַ, דאָ האָסטו אַ שאַרף מעסער און העלף שיילן אַ פּאָר קאַרטאָפלעס.

אָדער זי פלעגט איר דערלאַנגען ס'קעסטעלע מיט די לעפל:

— דו ביסט דאָך עפּעס אַ בריה צו מאַכן די לעפל זאָלן גלאַנצן.

און היינט טראָגט זי איר אונטער אַ שטול און בעט איר עפּעס אַזוי איידל

זיצן... האָט זי געפֿילט אַז דאָס אַלץ איז נישט איר צוליב, אַז דעם כּבֿוד טײלט מען צו אַ צװײטן, אַװדאי יענעם װאָס האָט אויף ראש־השנה גע־שיקט דעם טאַטן אַ „װאָונטש" אָנגעשריבן אויף צװײ בלעטער, צו װעלכן ס'איז געװען צוגעלײגט אַ באַזונדער ראָזאַ בײגעלע פּאַפּיר: „צו מײַן ליבע האָכגעשעצטע בראוט"... און עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס װאָס זי האָט אַזױפֿיל יאָרן געפּאַשעט דעם טאַטנס בהמות אויף דער לאָנקע און געמאָלקן זײ אין שטאַל, דאָס װאָס זי איז געװען אַ גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב, װאָס זי האָט, װען זי איז זעקס יאָר אַלט געװען, צוגעהערט זיך װי דער מלמד לערנט מיטן ברודער חומש און באַלד עס געקענט בעסער פֿאַר אים, אַז אַלע האָבן זי באַװאונדערט: „האָט אַ מאַנסבילשן קאָפּ", אַז די אַלע קלוגע אײנפֿאַלן אירע, פֿאַר װעלכע דער טאַטע האָט זי גערופֿן „אַריסטאָטל" — אַז דאָס אַלץ איז געװען פֿאַר יענעמס װעגן. און זי שפּירט זיך עפּעס געפֿאַלן, דערנידעריקט און אַ שרעק, אַן אומבאַװוּסטע שרעק באַ־הערשט איר יונגע מײדלשקײט. צו גלײַכער צײַט באַהערשט זי אויך אַ געפֿיל פֿון נײַגעריקײַט און נאָך עפּעס אַ געפֿיל, פֿאַר װעלכן זי האָט שוין קײן נאָמען נישט, װײַל עס איז נײַ דאָסדאָזיקע געפֿיל בײַ איר און אַ רױטקײט באַשלאָגט איר גאַנץ פּנים און זי װערט עפּעס מאָדנע אומרואיק, זי װאָלט װעלן עפּעס אַ זאָך, אָבער װאָס װײס זי נישט.

3.

און אַזױ אין איר אומרואיקײט און אין דער אומבאַװאוסטער שרעק האָט זיך אַ װילן און אַ באַגער צעשפּרײט אין איר, און אָט דער װילן און באַגער האָט געמאַכט, אָט דאָס אַלץ, װאָס אַרום איר קומט־פֿאָר אין דער לעצטער צײַט, נאָך אויסטערלישער און נאָך שװערער צו באַנעמען. אָט דעם איצטיקן װילן אירן, װאָלט זי געקענט זאָגן אין צװײ װערטער:

חײמען װאָלט זי געװאָלט זען. איר קוזין חײם, װעלכער איז דאָ געװען פֿאַראַיאָרן זומער צום לעצטן מאָל און זײַט דעמאָלט האָט זי אים נישט געזען. און כּדי עס זאָל נישט באַקומען קײן אויסטערלישער טײַטש אָט דער באַגער, טײַטשט זי אים אַלײן זיך אױס מיט דער פּשוטסטער אײנפֿאַכקײט: זי װאָלט דאָך געהאַט מיט װעמען אַ װאָרט אויסצורעדן.

מיט די אַלע קען זי דאָך גאָרנישט רעדן, זי איז דאָך פאַר זיי גאָר אַן אַנדערע געוואָרן, זיי רעדן דאָך אַזוי מאָדנע צו איר...

ווען חיים, למשל איז איצט דאָ, גייט זי דאָך אַרויס מיט אים אינ־דרויסן, זיי שטעלן זיך איינער קעגנאיבער דעם צווייטן, יעדער גרייט זיך אָן אביסל שניי־קוילן און זיי מאַכן אַ מלחמה. אָ, זי ווייס געוויס אַז זי וואָלט אים געטראָפן מער קוילן ווי ער איר, זי געדענקט נאָך פון פאַראַ־יאָרן חנוכה, ווען ער איז דאָ געווען און זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט קוילן שניי, האָט זי טאַקע אכטונג געגעבן און ווי נאָר זי האָט געזען זיינע אַ קויל שניי פליִט, האָט זי זיך געגעבן אַ בייג־אַראָפּ אָדער אַ דריי־אויס און זי האָט די קויל אויסגעמיטן און ער איז זיך געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל און אויפגעריסענע אויגן, געקוקט ווי אירע שניי־קוילן פליִען איינע נאָך דער צווייטער, אין דער נאָז אַריין, אין מויל אַריין — אוי האָט זי דעמאָלט געלאַכט.

עס איז געווען געווען אַז די געשטאַלט פון חיימען זאָל זיך פאַר איר פאַרשטעלן אַ לעבעדיקע, אַז גיטעלע זאָל זיך אַליין מוזן מודה זיין, אַז זי וואָלט זיך אַצינד געשעמט פאַר אים, גאָר שטאַרק געשעמט. הגם פאַרוואָס ווייס זי נישט. אָט, למשל, האָט זי זומער, באַלד נאָך די תנאים, ווען חיים איז צום לעצטן מאָל דאָ געווען און זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען אין וואַלד אַריין קלייבן יאַגדעס, זיך באַרימט פאַר אים, ווי זי וועט זיין אַ גאַנצע פּריצה נאָך דער חתונה, ווי זי וועט נישט פריער אויפשטיין ביז דער מאַן וועט איר דערלאַנגען אַ גלאָז טיי אין בעט אַריין, ווי זי וועט קאָכן געפילטע פיש מיט אַ סך צוקער, ווי זי האָט ליב און זי וועט נישט דאַרפן הערן דעם טאַטנס: „נו, טו אַריין נאָך צוקער, אַבי אויסגעריסן דעם טאַטן". און טאָמער האָט חיים נישט געוואָלט הערן איז זי ברוגז געוואָרן, נאָר ווען דעם, ווי זי וועט זיך פירן אַז זי וועט זיין אַ באַלעבאָסטע פאַר זיך, האָט זי געוואָלט רעדן; אָבער איצט שפּירט זי אַז זי וואָלט זיך געשעמט פאַר חיימען, ווער שמועסט נאָך וועגן „די זאַכן" — זי וואָלט, דאַכט זיך, ליבער געשטאָרבן...

און אַ בילד ווערט לעבעדיק פאַר אירע אויגן:

אין דאָרף איז עס נאָך, אין יענעם נידעריקן שטיבעלע מיט דער לוי־מענער פאָדלאָגע, דאָרט, וואו פויערים קומען און גייען, קומען און גייען, קויפן אַ פּודעלע שוועבעלעך, אַ „פּלאַצעק" אָדער אַ פלאַש קוואַס, דער

מאמעס אייגענער ארבעט און גייען אוועק צוריק אין זייערע כאטעס אריין, דארט, וואו א שוואך פלעמל באוואכט א „קרוציפיקס" און ווארפט אן א טונקעלע אומהיימלעכקייט, אדער זיי פארפלאנטערן זיך צווישן די קרויט און קארטאפל-פעלדער, וואס ציען זיך און ווילן זיך, דאכט זיך, גארנישט אויסלאזן. אינם קליינעם אלקערל דאנעבן זיצט דער רבי, א קליין יידעלע, מיט א שיטער געלבלעך בערדל, צוויי גוטע פינקלדיקע טויבן-אויגן און א גרויסן, גרויסן שטערן. עס דאכט זיך אז זיין דא איז מער נישט אויסן, נאר צו מאכן נאך בולטער די גראבקייט פון די פויערים. זיצט ער דארט, אינם אלקירל, מיט איר ברודער דוד און מיט חיימען און לערנט מיט זיי, און דערציילט זיי אזעלכע שיינע מעשהס; טיילמאל הערט זי אונטער און קען זיך גארנישט אפרייסן. און דאס וואס זי הערט נישט, דערציילט איר נאכדעם חיים, ווען זיי גייעןביידע אין וואלד אריין קלייבן שוואמען. איר פארטוך איז ארומגענומען ווי א טאש און דארט לייגן זיי אריין די געריסענע שוואמען.

האט ער איר אמאל איבערדערציילט, חיים, דעם רבינס א מעשה:

— יעדן אינדערפרי, ווען די זון קריכט ארויס פון איר פוטערפאס, צו שיינען און צו לייכטן אויף דער ערד, איז זי א קלארע, א ריינע; טוען אבער מענטשן א גאנצן טאג עבירות וואס רייסן זיך ארויף מיט א טענה צום הימל, און אויפן וועג באפלעקן זיי די ריינע, קלארע זון. דערפאר גייט זי אונטער אזא פייערדיק-רויטע. זענען אבער אונטער דער ערד אין א הייל, וואו די זון נעכטיקט, דא פארזאמלט די וואסערן פון אלע פיר טייכן וואס זענען געפלאסן אין גן-עדן, דארט, אין די וואסערן וואשט זיך די זון באלד ווי זי קומט צוריק פון שיינען און לייכטן א גאנצן טאג און זי ווערט ווידער לויטער און קלאר...

גיטעלע האט דעמאלט געטראכט פארשידענע תחבולות, ווי אזוי צו קענען זען ווי די זון קומט צוריק א בלוט-רויטע און באלד ווערט זי א ריינע, א קלארע. און איינמאל, פרייטיק פארנאכט, אז די מאמע, וועלכע האט געצונדן ליכט נישט לויטן זייגער, נאר לויט דער זון — האט זי גע-הייסן געבן א קוק אינדרויסן, צי די זון „זעצט זיך" שוין און גיטעלע האט געזען ווי דארט נעבן וואלד, לאזט זיך אראפ א גרויסע רויטע זון, ארומגערינגלט מיט א גרויס פייערדיקן ראד, האט זי אנגעוויזן חיימען:

— זעסט, חיים, ווי די זון זעצט זיך? קום, לאמיר אהינלויפן צום

וואַלד, וועלן מיר נאָכגיין אין דער הייל אַריין און זען ווי זי וואַשט זיך.

און זיי נעמען זיך אָן ביי די הענט, לויפן איבער פעלדער און גערט-נער, צעטרעטן דאָס קאַרטאָפל-בליעכץ מיט די קרויט-הייפּטלעך, וואָס קו-מען זיי אונטער די פיס און זיי קומען אָלץ נענטער און נענטער צום וואַלד. פּלוצלינג וויל אָבער גיטעלע וויסן:

— חיים, וואָלסט געוואָלט זיין מיין חתן?

זי וואָלט אַזוי געוואָלט האָבן חיימען פאַר אַ חתן. אָט דאָ נעבן וואַלד, זאָלן זיי זיך אַ שטיבל אויפשטעלן און דערין זאָלן זיי וואוינען. ער, חיים, דאַרף נאָר זען צו קענען גוט ס׳חומש, וועט אים דער רבי אויסלערנען יענעם „שם“, דורך וועלכן מען קען האָבן וואָס מען וויל. ווער שמועסט נאָך ווען דער רבי וועט זיי אויסלערנען רעדן מיט די פייגל, דאָס וואָלט גאָר גוט געווען. וואָס וואָלט זיי געפעלט: חיים וואָלט געזאָגט דעם „שם“ און זיי וואָלטן געהאַט וואָס זיי וואָלטן געברויכט. זי, גיטעלע, וואָלט זיך צוגעהערט יעדן אינדערפרי ווי די פייגעלעך זינגען איר אין שטיבל אַריין און זי וואָלט געוואוסט וואָס זיי זאָגן...

חיים האָט טאַקע גיטעלען צוגעזאָגט אַז ער וועט גוט אַכטונג געבן ביים לערנען און ער וועט מוזן קענען ס׳חומש ווי אַ וואַסער. אויב ער האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט, איז עס געווען, ווייל פון צומאָרגנס אינדער-פרי, ווען אַ פריערישע פור האָט זיי ביידע אַהיימגעבראַכט פאַרכאַלעשטע, איז ער געלעגן אין בעט עטלעכע וואָכן און ווען ער איז פון בעט אויפגע-שטאַנען, איז געקומען דער טאַטע און האָט אים אַהיימגענומען.

דעמאָלט האָט גיטעלע אָפּט געטראַכט וועגן חיימען. און אפילו שפּע-טער, אַז חיים איז שוין דאָ נישט געווען, האָט זי נאָך ביינאַכט אַמאָל געחלומט אַז זי וואוינט מיט חיימען אין אַ שטיבל נעבן וואַלד; חיים שטייט אויף אינדערפרי, וואַשט זיך די הענט און זאָגט יענעם „שם“ דורך וועלכן מען קען האָבן וואָס מען וויל. דאַן זאָגט זי:

— אַ גוט אָנבייסן...

און באַלד קומט אָן אַ טיש מיט אויסגעבאַקענע קייזערקעס, יאַגדעס מיט סמעטענע און אַ רויטער קאַרשן-באָרשט...

אַ פּאָר יאָר האָט זי חיימן נישט געזען און דאָך געטראַכט וועגן אים, וועגן יענעם חיים, וואָס וועט קענען גוט ס׳חומש, דער רבי וועט אים

אויסלערנען דעם „שם“ צו קענען האָבן אַלץ וואָס מען וויל און אפשר אויך ריידן מיט די פייגל.

אָבער אַז ער איז געקומען און ער איז שוין געגאַנגען אַנגעטאָן אַ זיידן היטל, אַז ווען ער איז געגאַנגען דאַווענען, האָט ער, פּונקט ווי איר טאַטע, אַרויסגענומען פון טאַש אַ גאַרטל און זיך אַרומגעגאַרטלט; אַז ווען ער איז געגאַנגען וואַשן זיך צום עסן, האָט ער פריער געריבן זיך די הענט איינע אָן דער צווייטער זיי זאָלן זיין גוט טרוקן. דערצו איז עס נאָך געווען נאָך יענעם שבת, וואָס זי איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג מיט קאָפּ-ווייטאָג און פאַרנאַכט איז זי גע-קומען אַ פאַרשעמטע און דער מאַמען עפּעס געוויזן און דערציילט... האָט איר די מאַמע גוטמוטיק אַ לייכט פעטשל געגעבן און געהייסן זי צולייגן זיך, — דעמאָלט האָט זי זיך עפּעס געשעמט מיט אירע בריסטן וואָס האָבן זיך אַזוי בולט אָנגעזען אין איר ענג-געוואָרן קליידל און נאָכדעם האָט זי אויך געוואוסט, אַז זי וועט הײַמען פאַרשעמען, אויב זי וועט מיט אים רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. אַז ס׳פּאַסט נישט פאַר איר אפילו וועגן אַזעל-כעס צו טראַכטן... איז זי דערפאַר שפּעטער, ווען זיי זענען געגאַנגען אין וואַלד אַריין, געווען שטיל און סטאַטעטשנע. נאָר אַז חיים האָט זיך גע-ווענדט צו איר:

— לאָמיר זען, ווער ס׳קען שנעלער לויפן — האָט עס איר טאַקע אַ הנאה געטאָן. דערצו האָט זי נאָך געזען, ווי אַניעלקע, איר חברטע, אַ שיקסע וואָס פלעגט איר שטענדיק דערציילן ווי עס זעט אויס אין קאַש-טשאָל, האָט צוגעשריגן צו אַ קרענצל שקאָצים און שיקסעס:

— זעט נאָר ווי אַ שיינעם חתן גיטלושאַ האָט! — און חיים, וואָס האָט עס אויך געהערט איז רויט געוואָרן...

חיים איז דעמאָלט געבליבן ביי זיי אַ גאַנצן זומער און זי האָט זיך צו אים, ווי ער איז איצט צוגעוואוינט און זי האָט אויפגעהערט זיך צו שעמען פאַר אים; אין די הייסע טעג זענען זיי אַרומגעקראָכן אין וואַלד און געקליבן יאַגדעס. ער האָט איר דערציילט מעשה׳ס וואָס ער האָט גע-לערנט אין דער תורה און זי האָט געשפּירט אַ דרך-ארץ צו אים, דעם איידעלן, דעם וואויל-לערנער, און יענער חיים פון אַמאָל איז איבערגע-גאַנגען אין אַ האַלב-פאַרגעסענעם קינדער-חלום. טיילמאָל האָט עס זי געחידושט, וואָס חיים איז אַזוי פּראָסט ביי זיך, איז אַזוי צוגעלאָזן צו

איר א מיידל. און נאָך מער האָט עס זי געוואונדערט, וועז חיים האָט אַמאָל פאַרגעסן ווער ער איז און ער האָט זיך נישט געשעמט ארויפצוכאַפּן זיך אויף א קו וואָס איז פאַרקראָכן אין א זייט פון דער לאָנקע, אָנכאַפּן זי ביי די הערנער און רייטן אויף איר. דאָך טוט עס איר הנאה, חיימס צוגעלאָזטקייט צו איר, זי שפּירט זיך דעמאָלט געהויבענער, גאַרנישט די זעלבע ווי ווען זי זיצט צוזאַמען מיט די שקאָצים און שיקסעס אויף דער לאָנקע, וואו ס׳ווערט גערעדט וועגן קי וואָס גיבן א סך מילך, אַנדערע וואָס לאָזן זיך נישט מעלקן, און וועגן א כישוף וואָס מאַרישע האָט געטאָן מאַר-טשינס קו, וואָס גיט א סך מילך און ס׳ווערט פון איר באַלד וואַסער. א סך איידעלער שפּירט זי זיך נעבן חיימען און טיילמאָל, אז זי פלעגט זיך צוקוקן ווי חיים גייט זיך וואַשן צום עסן, ווי ער רייבט זיך פריער די הענט איינע אָן דער צווייטער, זיי זאָלן זיין גוט טרוקן, ווי איידל ער שניידט אַדורך דאָס זעמעלע און טונקט עס איין אין זאַלץ — פלעגט זיך ביי איר וועקן דער אַמאָליקער חלום:

ווען חיים איז איר חתן...

אָבער זי טראַכט נישט לאַנג וועגן דעם, זי ווייס איז זי מיט זייער גאַנצער שטוב זענען צו פּראָסט פאַר חיימען; זי ווייס אז ער איז א לערנער און ער מוז טאָן אַן אַנדערן שידוך, אז ער מוז באַקומען קעסט צו עסן; אז ער דאַרף זיצן גאַנצע טעג איבער אַזעלכע גרויסע ספרים און זיך אונ-טערזינגען יענעם מאָנאָטאָנעם ניגון, וואָס דערמאָנט דאָס טרויעריקע מע-קען פון די קי ראש-השנה-צייט; אז ער דאַרף קריגן א שטריימל, מיט וועלכן ער וועט זיך אין הייסע פרייטיק-צו-נאַכטס׳ן פאָכען איבער׳ן פּנים, ווי איר פעטער לייזער דער שוחט. אָ, ווי קומט זי גאָר צו טראַכטן וועגן אַזעלכעס, בכן חיים מאַכט זיך טיילמאָל נאַריש מיט איר?...

## 4.

פאַרנאַכט האָט זיך פאַר דער טיר אָפּגעשטעלט א גרויסער שליטן, פון וועלכן ס׳זענען אַרויסגעגאַנגען פריער דער טאַטע, וועמען מ׳האָט פונ׳ם באַראַנקאָווע היטל, וואָס איז געווען אַראָפּגערוקט איבער די אויגן און דעם הויכן אויפגעשטעלטן קאָלנער פונ׳ם ברייטן פעלץ, אַרויסגעזען נישט מער ווי א שפּיץ נאָז און א זכר פון באָרד און וואָנסעס; נאָך אים — נאָטע

שניידער, אַ נידעריק, ברייט-פּלייציק יידל מיט אַ בן-תורהדיק אויסזען. דערנאָך האָבן צוויי הויכע יונגען מיט לאַנגע טשופּרינעס אַרויסגעשלעפּט אַ ניי-מאַשין, פאַר וועלכער ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פּלאַץ נעבן אויוון.

דער טאַטע האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש בראַנפן, אָנגעגאָסן אַלעמען צו גלעזלעך און גערופן צו דער מאַמען יום־טובדיק:

— סערקע, גיב עפּעס צו פאַרבייסן!

די מאַמע, וואָס האָט שוין פון פריער זיך געפּאָרעט נעבן אַ גרויסן לײמענעם טאָפּ, איז באַלד געקומען מיט אַ טעלער איינגעמאַכטס, און דער שניידער, וואָס איז שוין געווען אַביסל באַקוראַזשט פונם גלעזל בראַנפן, צו וועלכן מ'האָט אים עטלעכע מאָל דערגאָסן, האָט מיט פינקלדיקע אויגן געזאָגט צו איר:

— לחיים מחותנתטע! מיערטשעם ביי אָט דעם יינגסטן מיזיניקל — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ קליין יינגעלע וואָס איז געשטאַנען ביים טיש און באַטראַכט דעם פרעמדן עולם — זאָל אויך נאָטע קומען מיט זיינע „משוררים“, און מ'זאָל עסן טאַקע אַזאַ איינגעמאַכטס — גאַר וואויל איינגעמאַכטס.

— לחיים כלה — האָט נאָטע אַריבערגעשריגן צו גיטעלען, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון און זיך געפּאָרעט מיט דער וועטשערע — וועסט זען, כלהלע, ווי נאָטע וועט דיך אויסטראָיען פאַר דיין חתנס וועגן. אַזאַ יאָר שוין אויף מיר — האָט נאָטע זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין — ווי אַ שיין כלהלע דו ביסט.

שפּעטער האָט גיטעלע געגרייט צום טיש און מ'האָט געגעסן וועטשערע. עס איז געווען אָנגעצונדן דער גרויסער הענג-לאָמפּ און די שטוב האָט געהאַט אַ יום-טובדיק אויסזען; ס'קליינוואַרג האָט נישט געוואָלט גיין שלאָפן און אַלע האָבן זיך געפילט ווי פּסח צום סדר. האָט אויך גיטעלע זיך געפילט יום-טובדיק, געהויבענער ווי תמיד. זי האָט געדענקט אַז די שקאָצים מיט די שיקסעס, מיט וועמען זי פּאַשעט צוזאַמען די בהמות, זיצן איצט אין אַ פאַרטשאַדעט שטיבל, וואו ס'ברענט אַ קליין פאַררויכערט נאַפט-לעמפּל און בראָטן זיך קאַרטאָפלעס.

צומאָרגנס איז שוין די גאַנצע שטוב געווען אַ פאַר-חתונהדיקע. נאָטע אָן אַ קאַפּאָטע, אין אַ סאַמעטן קאַפּעלע אויפ'ן קאָפּ, איז געשטאַנען ביים טיש, מיט אַן אויסגעשפּרייט שטיקל זיידנצייג, געצייכנט מיט קרייד און

געשניטן מיט אַ שער; די צוויי יונגע זענען געזעסן איינער ביי דער מאַשין דער צווייטער אויף אַ שטול ביים פענסטער, געניית און געהאָלפן נאָטען די חזנישע שטיקלעך וואָס ער האָט געזונגען; די מאַמע, מיט אַ פּאַרטייגטע האַנט פון קליסקעלעך קנעטן, איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו נאָטען און אים געוואָרנט:

— נאָר נישט פאַרשמעלן.

— נאָר גענוג לאַנג.

גיטעלע האָט געמוזט אַ גאַנצן טאָג זיין גרייט אָנצומעסטן די קליידער.

— קום, כלהשי, אָנמעסטן ס׳קלייד פון צומאָרגנס.

— אַנו, לאָמיך נאָר זען, כלהלע, ווי זעט עפּעס אויס ס׳חופּה-קלייד.

— גיב נאָר אויף דיר אַ וואָרף אַרויף, טאָכטערשי, ס׳קלייד פאַר שול-פירן.

האָט גיטעלע געפאָלגט, אָנגעמאָסטן דאָ דאָס, דאָ יענץ, באַקוקט די אַלע קליידער, געזען דער מאַמעס פּנים פול נחת; זי האָט געזען דעם טאַטן, וואָס האָט גאַנצע טעג דיזעלבע מינע ווי ערב-יום-כיפּור, ווען ער האָט שוין אַרויסגעזוכט ס׳מחזור און ער גרייט זיך צו בענטשן די קינדער; די שניי-דער-יונגען, וואָס ציען אויף איר די קליידער אַהין און אַהער, געבן אַ גלעט אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט און אַמאָל אויף אַן אָרט וואָס זיי דאַרפן אפילו נישט, נאָר גלאַט אַזוי... און זיי וואַרפן זיך איבער מיט די אויגן איינער צום צווייטן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— אַ מזל אַביסל פון אַ חתן, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין...

גיטעלע האָט דאָס אַלץ געזען אויסגעמישט, צוזאַמען, ווי איין זאַך, וועמענס כוונה זי קען נישט דערגיין; און עפּעס אַ שרעקעוודיקע נייגערי-קייט האָט זי אינגאַנצן באַהערשט, אַ נייגעריקייט צו קענען באַ-נעמען אַ זאַך, וואָס איז קלאָר, דאַכט זיך פאַר אַלעמען, אפילו פאַר דער קאַץ וואָס ליגט נעבן אויוון און קוקט אויס עס זאָל שוין אַמאָל אַראָפּפאַלן אַ קאָלער גאָרן אויף דער ערד אַראָפּ, זי זאָל זיך מיט אים אַ שפּיל טאָן. און אפילו סטאַך, אַ שייגעץ וואָס איז אַריינגעקומען, געגעבן אַ וואָרף-אַראָפּ פון זיך אַ זאַק קאַרטאָפל-שאָלעכץ און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פרישע קעלט, אפילו ער, דאַכט דאַכט זיך איר, ווייס אויך קלאָר דעם באַטייט פון די אַלע אָנגעוואָרפענע שטיקער סחורה מיט דעם

אומאויפהערלעכן קלאַפּן פון דער מאַשין. אַלע, זעט זי, ווייסן, נאָר זי איינע ווייס גאָרנישט.

.5

ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען משפחה פון אַרום און אַרום. די ערשטע איז געקומען די מומע טויבע, אַ הויכע, ברייטע יידענע, מיט אַ קול פון אַ מאַנספּערשוין. האָט אַרויסגענומען אייגן־געבאַקענע קיכלעך און איינגע־מאַכטס, וואָס שטייט נאָך ביי איר פון איר דודלס ברית אָן, איבערגעגעבן עס דער מחותנתטע:

— נאַ, סערקע, שטעל אַוועק.

באַלד האָט זי זיך אָנגעטאָן אַ גרויס, ברייט פאַרטוך און וועלכן זי האָט אויסגעזען נאָך ברייטער ווי זי איז און אָנגעהויבן אַכטונג צו געבן אויף אַלעם:

— די כלה עסט דאָך גאָרנישט, ווייִ איז מיר. סערקע! וואָס פאַר אַ מאַמע ביסטו?

— אַטאַ דאָ מאַכט אַ פּאַלבאַנקע, למען השם, אַ פּאַלבאַנקע.

די מומע טויבע האָט אין אַלץ געדענקט, געזען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדנונג, באַזאָרגט געלעגערס פאַר די פעטערס מיט די מומעס וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קומען. געוואָרענט דעם מחותן, ער זאָל זיך נאָר נישט אָפּנאַרן ביים קויפן די פיש און — דער עיקר:

— די כלה דרייט זיך נעבעך אַרום אַ פאַרשמאַכטע און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף איר.

האָט טאַקע די מומע טויבע גיטעלען נישט אָפּגעלאָזט, אַוועקגעזעצט זי ביים טיש, געגעבן איר צו עסן, אַכטונג געגעבן זי זאָל אויפעסן און גע־מוסרט:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט, נאַריש קינד, ס׳וועט דיר ביי אים גאָרנישט פעלן, בעסער ווי ביים טאַטן וועט דיר זיין ביי אים — יענער האָט שוין היינט אַן אייגן פּאַלוואַרק.

כאָטש גיטעלע האָט נישט געגעבן נענוי באַנומען, וואָס יענע וויל האָבן פון איר, האָט זי אָבער פון דעם ליבלעכן און מילדן טאָן אירן פאַרשטאַנען, אַז די מומע מיינט נישט עפּעס אַנדערש ווי איר גוטס און אַז דאָס וויל זי

זי לערנען נישט עפעס אַנדערש ווי גוטס, האָט זי דערפאַר געמאַכט אַזאַ פרומע און ערנסטע מינע, וואָס האָט ווי געזאָגט קלאָר, אַז אַבי זי זאָל נאָר וויסן וואָס זי דאַרף טאָן, וועט זי זיך אוודאי באַמיען צו גיין אין גוטן און רעכטפאַרטיקן וועג...

פאַרנאַכט האָט זי די מומע טויבע גענומען, געהייסן זיך אָנטאָן וואַ־רעם, וואָרים זי קען זיך נאָך פאַרקילן. גיטעלע האָט געפאָלגט, זי האָט געמיינט אַז די מומע וויל איר ווידער זאָגן אַביסל מוסר און זי איז שוין גרייט געווען צו זאָגן, אַז די מומע זאָל איר נאָר זאָגן וואָס זי דאַרף טאָן... אינדרויסן האָבן שוין געוואַרט אַ גאַנצע חברה ווייבער פאַר וועלכע זי האָט זיך פשוט דערשראָקן. די ווייבער האָבן זי אַרומגערינגלט און גיטעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס זאָל באַטייטן, נישט ווילנדיק האָט זי זיך דערמאָנט די שטעל אין טייטש חומש וואָס די מאַמע האָט איר ערשט נישט לאַנג געלייענט, ווי אברהם פירט זיין איינציקן זון יצחק פאַר אַ קרבן צו גאָט.

— סערקע האָסט גענומען די וועש? — האָט די מומע גערופן אין פראָסטיקן דרויסן און גיטעלע האָט ערשט איצט געזען, אַז די מאַמע גייט פאָרויס מיט אַ גרויסן פּאַק וועש.

אַריינגעקומען אין מקווה אַריין, האָבן זיך אַלע ווייבער געוואָרפן אויף איר מיט אַן אימפעט און זיך גענבאַפט זי אויסטאָן: ווער ס'קלייד, ווער אַ שיך, ווער אַ זאָק און ווער ס'העמד. זי איז געבליבן שטיין פּלוצלונג אַ נאַקעטע, אַ צעשראָקענע, אַ צעטומלטע, זי האָט געקוקט דאָ אויף די ווײ־בער וואָס עוסקן זיך ביי איר, פונקט ווי ביי די מצות באַקן, וואו מ'זאָגט אַלע מינוט: „לשם מצות מצווה“, דאָ אויף איר יונגן, פרישן קערפּער, אויף אירע שטייפע, בליענדיקע בריסטן, וואָס האָבן ווי געחוזקט פון די אַראָפּ־הענגענדיקע צוויי זעקלעך ביי די ווייבער; זי האָט זיך צוגעהערט צו די שמועסן פון די ווייבער, וועלכע האָבן געפונען איצט די פּאַסיקע צייט, ווען מ'קען רעדן מיאוסע רייד — און ס'איז איר מיט איינמאָל קלאָר געוואָרן אַז די שמחה דאָ איז לכבוד דעמדאָזיקן פרישן קערפּער אירן, וועלכער ווערט געברענגט פאַר אַ קרבן, אַ יום־טוב לכבוד איר מיידעלשקייט, וואָס זי וועט אוועקשענקען יענעם, וואָס האָט שוין אַן אייגן פּאַלוואַרק... און אַזוי מאָדנע קלאָר ווערט איר אַצינד, אַז אויב איר יוגנט דאַרף אימיצן אוועק־

געגעבן ווערן, איז עס נאָר חיימען, נאָר ער מעג רייסן בלומען פון איר פאַר־שלאָסענעם גאָרטן...

ביינאַכט האָט זי זיך שעהן לאַנג געדרייט אויפן געלעגער און נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן, ערשט פאַרטאָג איז זי איינגעדרימלט און ס'האָט זיך איר געדאַכט אַז אַ האַפּטע ווייבער שלעפּן זי אַרויף אויף אַ הויכן באַרג, רייסן פון איר די קליידער און דער טאַטע שטייט דאָרט מיט אַ פרומער מינע און האַלט אַ גרויסן חלף אין דער האַנט. פּלוצלונג דערזעט מען פון וויטן אַ ווייסן באַראַן צוגעבונדן צו אַ בוים. מען לאָזט זי אָפּ און מען גייט אָפּשניידן דעם באַראַן אָבער דאָ געשעט עפּעס אַ מאָדנע זאַך: דער באַראַן נעמט אָן אַ מענטשלעכע געשטאַלט, זי קוקט זיך גוט איין און זעט אַז ס'איז — חיים... דער טאַטע ווייס נישט וואָס צו טאָן און דאָ קומט אונטער דער פעטער לייזער, בייזערט זיך אויפן טאַטן: ער דאַרף שוין האָבן, זאָגט ער, דעם חלף.

— אָו־וואָ, אָו־וואָ — שרייט דער פעטער לייזער און זיין טיף ברוס־טיקע שטים רופט אַרויס אַ ווידערקול — וואָס אַ יונג קען... אָו־וואָ, ווי אַ יונג שעמט זיך נישט...

גיטעלע עפנט די אויגן, זי זעט אין שטוב אַ גאַנצן האַרמידער, פול מחותנים מיט מחותנתטעס או דאָס וואָס זי הערט, איז דעם פעטער לייזער, ווי ער וואָלט ווייטער פאַרטגעזעצט דעם חלום אירן:

— אָו־וואָ, אָו־וואָ, וואָס אַ יינג קען, ווי אַזוי מען שעמט זיך נישט צו רעדן אַזעלכע ווערטער...

גיטעלע האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, זיך אַרומגעקוקט אין שטוב ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי האָט זי געחלומט צי נישט. און איבערצייגנדיק זיך אַז דאָס ביזאַיצטיקע איז געווען אַ חלום, האָט זי זיך גוט איינגעהערט אין פעטער לייזערס ווערטער, וואָס האָבן זיך אַזוי צונויפ־געגאָסן מיט איר אויסטערלישן חלום. נאָך אַ ווײַלע איינהערן זיך האָט זי שוין געוואוסט אַז דער פעטער לייזער רעדט דאָ טאַקע וועגן חיימען, וואָס איז שוין געווען אַ חתן, נאָר פּלוצים האָט ער זיך מיישב געווען אַז די כלה געפעלט אים נישט און ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך.

זי איז געווען זיכער אַז דאָס איז נישט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין: „די כלה געפעלט אים נישט"... זי האָט געשפּירט אַז אויך זי דאַרף טון אַזאַ שטייגער זאַך; זי האָט אָבער געהערט דעם טומל פון די

פעטערס מיט די מומעס, דאָס נאָכאַנאַנדיקע רעדן פון דער מומע טויבע אויף איר מענערישער שטים, זי האָט געזען דאָס ביסל קויבערס וואָס זענען אָנגעשטעלט איינער אויפן אַנדערן און שוין איז די מאַמע געווען ביי איר בעט און געפרעגט ווייך-נחתדיק:

— טאָכטערשי, ׳עסט עפּעס נעמען אין מויל אַריין? — האָט זי געשפּירט, אַז זי זינקט אין אַ טיפן אָפּגרונט, פון וועלכן זי וועט זיך קיינמאָל נישט אַרויסראַטעווען...

## 6.

דאָס וואָס עס איז ווייטער געשען מיט איר און אַרום איר איז שוין פאַר איר אויסגעמישט אין איין גרויע, אומפאַרשטענדלעכער זאַך:

...דער פעטער לייזער שרייט אויף זיין טיף-ברוסטיקער שטים:

— גיט דער כלה עפּעס צו עסן, אויף מיר די עברה.

...באַפּעלצטע און פאַרשנייטע יידן, ווייבער און קינדער האַלטן אין איין קומען, שלעפּן די גרויסע קויבערס פון די שליטנס אַראָפּ און ווייזן זיך איינס ס׳אַנדערע די דרשה-געשאַנקען...

...איר ברודער דוד זיצט ביים טיש און מאַכט פּאַפּיראָסן — אַ ים מיט פּאַפּיראָסן.

דערנאָך זעט זי אַ מאַסע יידן וואָס גייען אָנגעטון אין ריפּסענע קאַפּאָטעס (דער פעטער לייזער אַן אַטלעסענע) אונטער די ברייטע פּעלצן.

זיי זעצן זיך אויף אויף שליטנס און מען פאַרט אויפן שאָסיי אַרויס...

שפּעטער זעט זי זיך זיצן צווישן מיידלעך, וועלכע זענען אַלע אָנגע-טון אין ווייסע קליידער און זיי טאַנצן...

קלעזמאָרים שפּילן...

אַ ייד אין אַ פּירקאַנטיק קאַפּעלע און אַ רונדיק פאַרשווירן בערדל רעדט עפּעס צו איר... זי פאַרשטייט נישט קיין איינציק וואָרט און זי קען פאַר קיין פאַל נישט באַנעמען וואָס ער וויל אַזוינס פון איר... פּונקט אַזוי פאַרשטייט זי נישט פאַרוואָס שפּילן די קלעזמאָרים צו נאָך יעדע פאָר ווערטער וואָס יענער ייד זאָגט אָפּ מיט עפּעס אַזאַ מאָדנעם ניגון...

...פּלוצלינג שטייט זי עפּעס נעבן רב. עפּעס אַזאַ הויך שטריימל זיצט ביים רב אויפן קאָפּ... „יענער" איז אויך דאָ. וואָס האַלט ער זיך עפּעס צו די אויגן? ער וויינט?

ס'איז נעבעך אַ רחמנות אויף אים...

...שפּעטער זיצט זי ביים טיש. מ'נעמט אַראָפּ טעלערס און מ'שטעלט אַרויף אַנדערע... פּלוצלינג שטעלט זיך דער מיטן פיר-קאַנטיקן קאַפּעלע אַרויף אויפן טיש און שרייט עפּעס:

— חתנס צד..

— כלהס צד...

מיט איינמאָל גיט דער פעטער לייזער אַ געשריי:

— קלעזמאָרים!

און באַלד טאַקע איז ער אינמיטן דער שטוב, פאַרקאַשערט די פּאָלעס, הייבט-אָן צו טאַנצן און פּאַטשט צו מיט די הענט:

— שבת, שבת!

אַרום דעם פעטער לייזער הויבט זיך אָן אַ רעדל יידן, וואָס טאַנצן און טיפּען האסטיק מיט די פעסט-געקאָוועטע שטיוול:

— שבת, שבת!

דערנאָך שלעפּט מען אויך זי אין דער מיט אַריין... עפּעס אַזויפיל מענטשן דרייען זיך מיט איר, דער קאָפּ פאַרדרייט זיך איר אינגאַנצן. „ער" איז אויך דאָ. וואָס איז ער אַזוי בלאַס? נעבעך, אַ רחמנות אויף אים...

ס'שווינדלט איר פאַר די אויגן.

דערנאָך נעמען זי די מאַמע מיט דער מומע טויבע און פירן זי אַריין אין אַ קליין אַלקירל, וואו ס'שטייט אַן אויפגעבעט בעט, הויך אָנגעלייגט מיט בעטגעוואַנט. די מומע טויבע טוט זי אויס און זאָגט איר מיט אַ שמייכעלע: — לאָז דיך נישט אָפּנאַרן, כלהשי...

אַזוי מען וויל זי אָפּנאַרן? ווער איז ער דאָס דער מענטש, וואָס וויל זי אָפּנאַרן? זי וויל טאַקע פרעגן די מומע טויבע: ווער וויל זי דאָס אָפּנאַרן? פאַרוואָס? און וואָס אַזוינס דאַרף זי טון, זיך נישט צו לאָזן?

זי שטעקט אַרויס איר צעטומלטן קאָפּ פונם הויכן בעטגעוואַנט, זי זוכט די מומע טויבע, אָבער יענע איז שוין נישטאָ. אָנשטאָט דער מומע טויבע, זעט זי „אים", דאַכט זיך ער טוט זיך אויס... אַזוי? הייסט עס אַז ע ר וויל זי דאָס אָפּנאַרן, וואָס איינגעטלעך האָט ער צו איר? אויב אַזוי וועט זי בעסער טון: זי וועט זיך מאַכן ווי זי שלאָפט... אָט אַזוי,

דאכט זיך אז ער קומט צו איר אין בעט אריין. גאָרנישט, זי ווייסט נישט. זי שלאָפט... עס רירט זיך עפּעס אַ האַנט צו איר.. וואָס איז דאָס? ער איז דאָ... ער קושט זי גאָר!... — — און וואָס איז דאָס? וואָס וויל ער נאָך? — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מאַמעליעניו קרוין!... — — — — — — — — — — — — — — — —

# דער ממזר

פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אינם שטעטל? האָט ער געהאַט ערגעץ עלטערן, קרובים, אָדער איז ער געווען אַ יתום? קיינער האָט דאָס נישט געוואוסט. די עלטערע יידן אין שטעטל געדענקען, ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, איז אין אַ ווינטער־טאָג אַריינגעקומען אין בית־מדרש אַ יינגל, אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס, אַזוי אַז מען האָט קיין פּנים נישט אַרויסגעזען, און ס'האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גייענדיק פּעקל שמאַטעס. ער האָט אַ שווייגנדיקער זיך צוגעשטופּט צום אויוון, פאַרנומען דאָרט אַן אָרט. און פּונקט אַזוי שווייגנדיק איז ער אַביסל שפּעטער אַרויסגעגאַנגען איבערן שטעטל, און מיט אַ בליק, וועלכן קיינער קען נישט אויסטייטשן מיט קיין ווערטער און דאָך פאַרשטייט מען אים מער ווי די קלאָרסטע ווערטער — מיט אַזאַ מין בליק און מיט אַ פאַרשלאָסן מויל האָט ער זיך פאַרשאַפט עסן אין עטלעכע יידישע הייזער.

אַ פּאָר טאָג שפּעטער, איז שוין דער שווייגנדיקער פרעמדער בחור געווען אַ תושב אין שטעטל, האָט זיך געהאַט זיין שטענדיק אָרט אין בית־מדרש הינטערן אויוון, וואו ער האָט זיך בייטאָג געוואַרעמט און ביי־נאַכט געשלאָפן; האָט געהאַט זיינע הייזער, וואו ער האָט געגעסן „טעג", און עס האָט זיך אויסגעוויזן גלייך ער געפינט זיך דאָ אין שטעטל פון אייביק אָן.

די ערשטע צייט האָבן יידן, ווי דער שטייגער איז, געפּרואווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, געוואָלט דערגיין פון וואַנען ער איז, צי האָט ער ערגעץ אַ טאַטן, אַ מאַמען, קרובים. ער האָט אָבער עקשנותדיק געשוויגן, און אויף אַלע פראַגן האָט ער קיין וואָרט נישט געענטפערט. מען האָט קוים אַרויס־געקראָגן פון אים, אַז ער הייסט אהרן. און אַזוי ווי ס'איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז אַ צו שיינער נאָמען פאַר אַזאַ מין פאַרשוין, האָט מען אים דעם נאָמען פאַרצויגן אויף אָ ר י ש.

יאָרן זענען פאַריבער. אָריש איז זיך געזעסן אַ שווייגנדיקער אין בית־

מדרש הינטערן אויוון, סיי זומער סייווינטער, אַלץ אויף דעם זעלבן אָרט. צוויי מאָל אין טאָג איז ער געגאַנגען אויף זיינע „טעג“ עסן — אַהינגעקער־מען אַ שווייגנדיקער און אַוועקגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער.

די ערשטע צייט איז ער געווען פאַר אַלעמען אַ רעטעניש מיט זיין שווייגן. אַ סך האָבן געמיינט, אַז ער קען גאָרנישט רעדן. פלעגט מען זיך אַוועקשטעלן האַרט נעבן אים ביים דאַווענען און צוגעלייגט אַן אויער. חברה לצים פלעגן פון הינטן אים געבן אַ שנעל אין אויער אַריין און באַלד זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ טאַמעוואַטע מינע; דאָס האָט אויפגעכאַפּט קליינ־וואַרג, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט ווי אַ בייז־וואונדער, געגעבן אים, פון צייט צו צייט, אַ צופּ הינטן אַרום און אַנטלאָפן.

אָריש איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שטיל, גלייך נישט אים מיינט מען. איינמאָל נאָר האָט ער זיך נאָך איינעם אַזאַ יינגל נאָכגעיאָגט, געכאַפּט אים אויפן בית־מדרש־הויף און אים אַזוי צעשלאָגן, אַז דאָס יינגל איז גע־לעגן אַ פּאָר וואָכן קראַנק.

אָריש האָט נאָכדעם געקראָגן שטאַרק געשלאָגן. ווער ס׳האָט נאָר גע־האַט גאָט אין האַרצן האָט צוגעלייגט אַ האַנט. ער האָט די קלעפּ צוגענומען מיט אַ שטילער רעזיגנאַציע. ער האָט אין דער שטיל פאַר זיך געברומט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און איינגעבויגן זיך אונטער די קלעפּ, וועלכע זענען געפאַלן אויף אים פון אַלע זייטן.

יאָרן זענען פאַריבער.

אָריש איז אויסגעוואַקסן אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער יונג, אַ ברייטע פּליישיקע נאָז, רויטע פולע ליפּן, מיט צוויי אויגן, וועלכע האָבן ענטוועדער געקוקט פאַרבענקט אין דער ווייטקייט. אָדער ער האָט זיי געהאַלטן אַראָפּ־געלאָזן, גלייך ווי ער וואָלט זיי וועלן אויסבאַהאַלטן... עס האָט זיך אים אויסגעשיט אַ שוואַרץ בערדל, וואָס האָט געוואָלט וואַקסן דווקא אויפן האַלז, נאָר אַזוי ווי עס איז דאָרט נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלע האָר, האָט אַ קליינער איבערגעבליבענער טייל זיך באַזעצט אויף זיינע ביידע באַקן און אויף דער געמבע. מיט דער צייט האָט אָריש זיך דערשלאָגן אפילו צו אַן אייגן קעסטל, אין וועלכן ער האָט געהאַט ליגן זיין באַלעבאַטישקייט: אַ תפילין־זעקל, עטלעכע געלאַטעטע העמדער, וועלכע גוטהאַרציקע שטאָט־באַלעבאָסטעס האָבן אים געשאָנקען.

אָריש איז געוואָרן אַזאַ באַזעסענער אין שטעטל, אַז מען האָט זיך נישט

געקענט פֿאַרשטעלן דאָס שטעטל אָן אים, און זיין פּלאַץ ביים אויוון אין בית-מדרש איז געוואָרן אַזוי שטאַרק באַפּעסטיקט, אַז די שענסטע באַלעבאַטים אַפילו האָבן נישט געוואַגט ביי אים אָט די רעכט אָפּצונעמען.

בלויז דער שמש, הערצקע, אַ ייד ביי וועמען עס איז נישט געוואַקסן קיין באָרד און ער האָט זיך געוויצלט אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש, ווייל זיין ווייב האָט נישט וואָס ביי אים אויסצורייסן, — בלויז ער האָט איינגעזען, אַז ס'איז נישט קיין יושר דאָס אַזאַ פּאַרשוין זאָל האָבן אַזאַ גוט לעבן און גאָרנישט טון נאָר וואַרעמען זיך דעם גאַנצן טאָג הינטן אויוון. האָט ער אים איבערגעגעבן, איינציקווייז, אַ טייל פון זיינע פונקציעס, ווי למשל, איינהייצן דעם אויוון,אויסקערן דאָס בית-מדרש, אָנטראָגן אַ פּעסל וואַסער און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, וועלכע אַריש האָט שווייגנדיק אָבער מיט צופרידנקייט געטון זייער פּלייסיק. איז אַריש איצט שוין געוואָרן אַ נישט-אָפיציעלער אונטער־שמש, און כאָטש קהל האָט אים קיין שכירות נישט געצאָלט, פלעגט אים דאָך אריינפאַלן, פון צייט צו צייט, אַ פּאָר גראָשן, וועלכע אַ שיינער באַלעבאָס פלעגט אים אַריינוואַרפן ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט, אָדער ווייבער, וועלכע זענען געקומען אין בית-המדרש „איינ-רייסן" פאַר אַ קראַנקנס וועגן, האָבן געטיילט צדקה און זיי האָבן אויך אים נישט פערטיילט.

דאָס קליינגעלט האָט אַריש זיך אַריינגעלייגט אין אַ זעקעלע וועלכן ער האָט געטראָגן אויפן האַלז, ווי אַ קמיע. און אין די שלאָפלאָזע פאַרטאָגן פלעגט ער זיך אויפזעצן אויף זיין געלעגער, אויפמאַכן דאָס זעקעלע מיט די מטבעות און ציילן און ציילן, מיט גרויסע פאַררייסענע אויגן... ביז הערצקע דער שמש פלעגט קומען אַ הוסטנדיקער און פרעגן, צי ביי זיין טאַטן אין ווייגאַרטן איז ער אויך געשלאָפן ביזן גרויסן טאָג אַריין. דעמאָלט איז אַריש אויפגעשטאַנען און געטון זיין אַרבעט: איינגעהייצט דעם אויוון, אויסגעקערט דאָס בית המדרש און אָנגעטראָגן אַ פּעסל וואַסער. פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט ביים איינגעהייצטן אויוון, אַרויסגענומען פון זיין קעסטל אַ גרויסן סידור מיטן תפילין-זעקל און געדאַוונט ביז אַרום מיטאָג.

אַז אַרישס בערדל איז זיך צעוואַקסן וואָס אַמאָל גרעסער און ווילדער, אַז ער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ באַיאָרטער ייד, האָט מען אין שטעטל אָנגעהויבן זיך אַרומצוזען, אַז ס'איז נישט קיין תכלית אַ ייד זאָל זיך

אַרומדרייען אָן אַ ווייב. און אַזוי ווי אין שטעטל האָט זיך אַרומגעדרייט אַ יתומה, אַ מויד מיט אַ געשטופּלט פּנים, מיט צוויי אויסגעדרייטע פיס, האָבן באַלעבאַטים אָנגעהויבן צו רעדן, פריער צווישן זיך, דערנאָך מיטן רב און עס איז געבליבן ביי אַלעמען, אַז עס איז גאָר קיין גלייכערע זאַך ווי דער שידוך אויף דער וועלט נישט פאַראַן.

שטעטל האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער חתונה, ווי צו אַ לוסטיקן ספּעקטאַקל און האָט שוין אָפּגעזוכט אַ חדרל וואו מען זאָל דאָס פּאָרפאָלק באַזעצן נאָך דער חתונה, און דעם חתן־בחור האָט מען שוין דערוויל, ווי אַן אַדערויף, צום אויסשטייער, וואָס קהל דאַרף אים געבן, געמאַכט אַ צייגן באַלאַטל.

די שיינע באַלעבאַטים, די וואָס האָבן געדאַרפט זיין די הויפּט־מחותנים אויף דער חתונה, האָבן באַשטימט געגוי דעם טאָג פון דער חתונה. יעדער איינער האָט צוגעזאָגט עפּעס צו־שטייער צו געבן, און אפילו די שטעטלשע קלעזמער האָבן נישט געוואָלט אָפּשטייען פון קהל און זיי האָבן זיך אונ־טערגענומען צו שפּילן אומיזסט.

איצט איז געבליבן נאָר איין קלייניקייט: מען דאַרף צונויפפירן דעם חתן מיט דער כלה אויף אַ „זעונג" און שרייבן „תנאים".

אָט דאָס שטיקל אַרבעט, ווי איינע פון די אָנגעזעענסטע מצוות, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם רב אַליין.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט דער רב געלאָזט זאָגן אָרישן, דורך הערצקע שמש, אַז ער זאָל קומען צו אים. אָריש האָט זיך אָנגעטון דאָס נייע באַלאַטל וואָס קהל האָט אים געמאַכט, שוין אויפן חשבון פון דער חתונה, און אַ שווייגנדיקער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן איז ער געגאַנגען צום רב.

דער רב האָט זיך מיט אָרישן פאַרמאַכט אין בית־דין־שטוב, גערעדט צו אים ווייך, פּאַטערלעך, געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז יעדער ייד מוז, נאָכדעם ווי ער ווערט אַכצען יאָר אַלט, נעמען אַ ווייב, אַז אַזוי האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, און דער וואָס טוט נישט אַזוי, הייסט עס, אַז ער גייט קעגן גאָטס ווילן.

אָריש האָט געשוויגן און פאַרקוקט זיך אויף איין אָרט אין דער סטע־ליע, וואו עס איז געווען אַ פלעק פון אַדורכגענעצטן רעגן.

— עס איז דאָ אין שטעטל אַ מיידל אַ יתומה — האָט דער רב ווייטער

גערעדט ווייך — אַן אָרנטלעכע און כשרע יידישע טאָכטער. אמת נישט אַזאַ „יפת תואר", אָבער זי האָט געהאַט אַ טאַטן אַן ערלעכן יידן.

דער רב האָט געזען ווי אָרישס אויגן ווערן גרעסער און גרעסער, זיי שטאַרצן פון זייערע לעכער אַרויס און דאָס פּנים ווערט אַלץ בלייכער און בלייכער.

— נו, זאָג, אָריש, ביזטו מסכים? — האָט דער רב גערעדט נאָך ווייכער.

אָריש האָט נישט קיין פינטל געגעבן מיט קיין אויג, נאָר אַלץ ווייטער געקוקט אויף יענעם פלעק אויף דער סטעליע.

— געוויינלעך פּירט זיך, — האָט דער רב ווידער זיך געווענדעט צו אָריש'ן, — אַז אַ טאַטע, אַ מאַמע טוען דאָס פאַר אַ יידישן בחור. ביזטו דאָך נעבעך אַן אומגליקלעכער, מוזטו אַליין זען און זאָגן און השם יתברך וועט דיר ביישטיין.

אָרישס אויגן האָבן נאָך ווייטער געקוקט מיט אַן אומהיימלעכן בליק און ער האָט עקשנותדיק געשוויגן.

דער רב האָט ווייטער גערעדט, געוואָלט דערגיין צו איז ער אַ יתום, אָדער האָבן אים די עלטערן פאַרטריבן פון זיך. און אַז אָריש האָט אַלץ נישט געוואָלט ריידן, איז ער צוגעשטאַנען צו אים, פּריער מיט גוטן און שפּעטער שוין מיט געבייזער...

דער סוף איז געווען, אַז נאָך אַ שעה צייט אָפּזיצן ביים רב אין בית-דין-שטוב איז אָריש אַרויסגעגאַנגען אַ באַגאָסענער מיט שוויס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. נישט אומגעקוקט זיך אויף קיינעם, געגאַנגען גלייך אין בית-המדרש אַריין און אָוועקגעשטעלט זיך אויף זיין אָרט ביים אויוון, אויפגעמישט זיין סידור מיט די צעריבענע און פאַרפעצטע בלעטלעך און געמורמלט אין דער שטיל מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אביסל שפּעטער, אַז באַלעבאַטים זענען אַריינגעגאַנגען צום רב אין בית-דין-שטוב, האָבן זיי אים געטראָפן אַ שטאַרק צעטראָגענעם. ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, געשטאַנען איינגעבויגן איבער אַ הויפן ספרים אָנגעלייגט איינס אויפן אַנדערן, געבלעטערט, אַריינגעקוקט, באַלד צוגעגאַנגען צום ספרים-שראַנק און אַרויסגענומען אַן אַנדער ספר, ווידער עפּעס געזוכט, שנעל איבערגעגאַנגען מיטן פינגער איבער די שורות. שפּעטער האָט

דער רב לאַנג געשפּאַנט איבער דער שטוב, פּיפּקענדיק זיין לאַנגע ליולקע־ציביק און אַרויסלאָזנדיק בלויע קנוילן רויך.

אַז דער רב האָט דערזען די באַלעבאַטים, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ קול אָנגעזאָפּט מיט צער געזאָגט:

— נעבעך, אַ רחמנות, אַן אומגליקלעכער...

די באַלעבאַטים האָבן פאַרוואונדערטע אָנגעקוקט דעם רב. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַריש איז אוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און פאַרוואָס דער רב איז אַזוי צוטראָגן. חוץ דעם האָבן ווייבער שוין צוגעגרייט די כלה פאַר אַ זעאונג. מען האָט זי אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, און דאָ האָט גאָר דער רב אַוועקגעשיקט דעם חתן בחור און ער אַליין איז אַזוי צעטראָגן.

דער רב האָט ווייטער געזאָגט:

— ער איז נעבעך אַ ממזר... ער טאָר מיט קיין יידישע טאָכטער נישט חתונה האָבן.

אַ פּאָר טעג נאָכדעם איז געווען אַ גערודער אין שטעטל. אַלע, יידן, ווייבער און אפילו חדר־יינגלעך האָט נאָר גערעדט וועגן אַרישן. מען האָט אויף אים נאָר געקוקט מיט רחמנות און יינגלעך האָבן זיך אויפסניי אַרומגעשטעלט אַרום אים, גלייך דער אַריש וועלכן זיי זען איצט איז גאָר אַן אַנדערער, נישט יענער, וועלכן זיי האָבן געזען ביז איצט.

און אַריש האָט זיך נאָך מער, ווי ביז איצט, פאַרגראָבן אין זיך. איצט האָט ער די אויגן געהאַלטן שטענדיק אַראָפּגעלאָזט, קיינמאָל האָט ער זיי נישט אויפגעהויבן און די קאַרגע פּאָר ווערטער, וועלכע ער פלעגט שוין די לעצטע צייט אַרויסריידן, האָט מען פון אים שוין אויך נישט געהערט. אַ פאַרכמורעטער איז ער שטענדיק געשטאַנען ביים אויוון מיטן תהילים אין דער האַנט.

עס איז ווידער אָפּגעלאָפן אַ שטיקל צייט, אַריש האָט צוגעקראָגן דעם נאָמען „דער ממזר“, וועלכן נאָר יינגלעך האָבן אים צוגעשריגן און זיי האָבן דערפאַר געקראָגן געפּאַטשט פון די טאַטעס. אויך הערצקע שמש, ווען ער איז אַמאָל געקומען אין בעס אַריין האָט אים אָנגערופן „ממזרוק“, דעמאָלט האָט עפּעס אַ מאָדנע פייערל זיך אָנגעצונדן אויף אַ ווײַלע אין אַרישס אויגן, אַ פייערל וואָס איז געווען אָנגעזאָפּט מיט גיפט און צער,

אָבער באַלד האָט ער צוריק די אויגן אַראָפּגעלאָזט און ער האָט זיי שוין נאָכדעם נישט געלאָזט זען אַ גאַנצן טאָג.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישע זאַך: דער רבֿ איז אַמאָל אין מיטן דער נאַכט געקומען אין בית-המדרש אַריין און זיך אַוועקגעזעצט איבער אַ גמרא. דער רבֿ האָט געלערנט מיט אַ זיסן האַרציקן ניגון. אַריש האָט זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער, היינטערן אויוון, ווי אַ שלאַנג, פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ליבט גערדרימלט און זיך געוואָרפן. שפּעטער האָט ער זיך איינגאַנצן איבערגעוועקט און אַ וואַכעדיקער איז ער אַ ווײַלע געלעגן שטיל, זיך צוגעהערט צום שטיל-פאַרבענקטן גמרא-ניגון.

פּלוצלונג האָט אַריש זיך האַסטיק אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער און גלייך אַראָפּגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צו רבֿ, גענומען אים טרייסלען און דערביי אויסגעשריגן עפּעס אַזעלכע משונה-מאָדנע קולות. דער רבֿ איז ווי דערשראָקן געוואָרן, אי פון אַרישס ווילדע קולות, אי פון זיינע צעשראָקענע אויגן, ער האָט געפּרוּווט ריידן צו אים:

— וואָס איז דיר, אַריש?

אָבער אַריש האָט ווייטער געטרייסלט דעם רבֿ ווי אַ לולבֿ און מיט אַ קול וואָס איז גיכער געווען ענלעך אויף דער שטים פון אַ חיה איידער פון אַ מענטשן, ווייטער אַרויסגעבראָכט איינצלנע אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— תורה... חתונה... ממזר... ווייב...

דער רבֿ האָט געוואָלט אַרישן באַרואיקן, אָבער דער יונג איז שוין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטורם. ער האָט אַרויסגעריסן ביים רבֿ די גמרא פון דער האַנט און אָנגעהויבן צו רייסן בלעטער פון איר. דערנאָך האָט ער גענומען פליקן איין ספר נאָכן צווייטן, ברומנדיק דערביי ווי אַן אויפגערייצטע חיה.

דער רבֿ איז אַרויסגעלאָפן און געמאַכט אַ געוואַלט. דעם רבֿס קולות האָבן אויפגעוועקט ס'גאַנצע שטעטל. אַלע זענען אַרויס פון די בעטן און גענומען לויפן אין בית-מדרש אַריין.

ווען דער רבֿ איז צוזאַמען מיט אַ גאַנצער מחנה יידן, צוריק אַריין אין בית-מדרש, איז אַריש געלעגן אויף דער ערד מיט פאַרגלייזטע אויגן און אַ שוים האָט אים געזעצט פון מויל; אַרום אים איז געווען אָנגעוואָרפן אַ הויפן שמות פון צוריסענע ספרים.

מען האָט אים באַשפּריצט מיט וואַסער און אים אַוועקגעלייגט אויף

זיין געלעגער אָבער געקומען צו זיך איז ער שוין נישט. צומאָרגנס איז ער שוין געלעגן אין אַ שטאַרקן פיבער, און פון היץ האָט ער גערעדט אַזעלכע ווערטער, אַז יידן האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. יינגלעך האָט מען אינגאַנצן נישט צוגעלאָזט נאָענט.

מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אַריש ליידט פון אַ געהירן־אָנצינדונג און מיט צוויי טעג שפּעטער האָט אַריש אויסגעהויכט די נשמה.

אויף דער לויה איז געווען קינד און קייט. דער רב אליין האָט אַרישן מספּיד געווען, אָפּשטעלנדיק זיך אויפן פּסוק „לא יבא ממזר בקהל ד׳“ (אַ ממזר טאָר ניט קומען צווישן יידן).

די לומדים פון שטעטל האָבן געזאָגט, אַז אַזאַ טיפע דרשה האָט דער רב נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט.

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| צווישן צוויי וועלטן | 3 |
| וואָגלער | 29 |
| אויף בולוואר דע בעלוויל | 39 |
| פּרנסה | 47 |
| אַ נקמה פון אַ קינסטלער | 55 |
| דער סוד פון זיין דערפאָלג | 63 |
| דער פאַרשוואונדענער קריסטוס | 77 |
| הונגער | 89 |
| גנבה | 99 |
| יחוס | 109 |
| ער איז אייפערזיכטיק אויף הערצלען | 121 |
| לעקעך מיט בראָנפן | 131 |
| ער איז אַ פראַנצויז, נעבעך | 141 |
| הערשל איז נישט געפאָרן | 149 |
| דאָרפיש | 163 |
| דער ממזר | 183 |

IMPRIMERIE DE LA S.N.I.E.
32, RUE MENILMONTANT, 32
PARIS (20e)